STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01947

LITERATUR UN KAMF

A. Litwak

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. ליטוואַק

א. ליטוואַק

ליטעראַטור און קאַמף

ליטעראַרישע עסייען

אַרויסגעגעבן פון
פאַרלאַג „וועקער“
ניו יאָרק, 1933

אינהאַלט

א. ליטוואק (ביאָגראַפישע נאָטיצן) — פ. געליבטער — — 4

„א. ליטוואַק, דער בונדיסט“, — פון דר. ח. זשיטלאָווסקי — 7

יצחק יואל לינעצקי — — — — — — — — — — — — — 21

מאָרים ווינטשעווסקי — דער אָנהויבער — — — — — — 87

י. ל. פּרץ — — — — — — — — — — — — — — — 103

דוד איינהאָרן — — — — — — — — — — — — — — 131

יוסף אפּאטאָשו — — — — — — — — — — — — — 143

ה. לייוויק — — — — — — — — — — — — — — 149

גערהאַרדט הויפּטמאַן — — — — — — — — — — — 169

קנוט האַמסון — — — — — — — — — — — — — — 193

דעמאָקראַטיע — — — — — — — — — — — — — — 221

פּראָלעטאַרישע קולטור — — — — — — — — — — — 241

א. ליטוואַק

(ביאָגראַפישע נאָטיץ)

א. ליטוואַק (חיים יעקב העלפאַנד), איז געבוירן געוואָרן אין ווילנע אין 1874. זיין פאָטער איז געווען אַן אָרימער פּור־מאַן. אין די סאַמע פריסטע יאָרן פון זיין קינדהייט האָט ער ביי זיין פאָטער אין הויז געפילט דלות, דחקות און נויט. ביז 12 יאָר האָט ער געלערנט אין אַ חדר, דערנאָך אין די ישיבות פון איישישאָק, וואָלאָזשין, סלאָנים, סלוצק — ביז אַ יאָר 18. אין דער ישיבה האָט ער זיך שוין זייער שטאַרק אינטערעסירט מיט דער אידישער ליטעראַטור. אין פרילינג, 1894, איז ער אַריין אין דעם קרייז פון די אידישע סאָציאַליסטן אין ווילנע, און פון דעמאָלט אָן ביז די לעצטע מינוטן פון זיין לעבן איז ער געווען ענג פאַרבונדן מיט דער אידישער אַרבעטער און סאָציאַליסטישער באַוועגונג איבער דער גאַנצער וועלט.

דעם דלות און די נויט וואָס ער האָט געזען און געפילט ביי זיינע אייגענע עלטערן אין דער קעלער־שטוב, האָט ער שפּעטער באַגעגנט ביי טויזנטער אידישע אַרבעטער אין רוסלאַנד, פּוילן, גאַליציע, רומעניע, ענגלאַנד און אַמעריקע. פון דעם דלות האָט ער זיך קיינמאָל ניט דערווייטערט. פאַרקערט, די אידישע אָרימ־קייט און ספּעציעל די אָרימקייט פון די אידישע אַרבעטער מאַסן האָט אים שטענדיג געצויגן צו זיך.

צו מאַכן לייכטער און שענער דעם אַרבעטער׳ס היינט און אַריינברענגען ליכט און האָפנונג אין זיין מאָרגן — דאָס איז געווען ליטוואַק׳ס לעבנס ציל. כּדי צו דערגרייכן דעם ציל האָט ער אָנגעווענדעט דריי עלעמענטן: סאָציאַליסטישע אויפקלערונג, ברייטע בילדונג און רעוואָלוציאָנערן קאַמף. ער האָט אַליין שטענדיג אַ סך געלייענט און געלערנט און דורך מינדלאַכן און שריפטלאַכן וואָרט האָט ער געזוכט צו באַאיינפלוסן די אי־דישע אַרבעטער מאַסן, אַז זיי זאָלן זיך דערהויבן צו אַ העכערער מדרגה ניט בלויז עקאָנאָמיש און פּאָליטיש, נאָר אויך גייסטיג און אינטעלעקטועל.

סיי אַלס שריפטשטעלער, סיי אַלס לעקטאָר האָט ער זיך קיינמאָל ניט באַגרעניצט אויף איין געביט. ער האָט געשריבן און געהאַלטן רעפעראַטן אויף פאַרשידענע טעמעס — פּאָליטישע, קולטור־געזעלשאַפטליכע, סאָציאַל־פילאָזאָפישע, ליטעראַרישע. ער איז געווען אַ גלענצענדער רעדנער און אַ שאַרפער פּאָלעמיקער.

ווען ער האָט גערעדט אויף פּאָליטישע פאַרזאַמלונגען פלעגט מען זאָגן, אַז „מיט זיינע ווערטער שניידט ער, ווי מיט מעסערס". ניט ווייניגער שאַרף איז ער אויך געווען מיט זיין פּען. ער האָט זיך קיינמאָל נישט אָפּגעזאָגט פון אַרויסזאָגן זיין שאַרף וואָרט, זיין בייסענדע קריטיק אפילו ווען דאָס האָט ווי געטאָן די נאָענטסטע מענשן, מיט וועמען ער איז געווען באַפריינדעט. אַזוי ווי ער האָט געלעבט בלויז געזעלשאַפטלאַך און האָט קיין פּריוואַט לעבן כמעט ניט געפירט, איז געווען נאַטירלאַך, אַז ער זאָל אין געזעלשאַפטלאַכן לעבן זיך ווייניג רעכענען מיט איינצעלנע מענשן. אין אָט דעם פּרט איז ער געווען אַן אמת'ער פּאַרטיי־מענש — פאַר אים האָט נאָר עקזיסטירט דער כלל, אָבער ניט דער איינצעלנער.

א. ליטוואַק איז געבליבן טריי דעם „בונד", פון וועלכן ער איז געווען איינער פון זיינע פירער און טעאָרעטישע באַגרינדער. אַ טייל בונדיסטישע צייטונגען האָט ער אַליין רעדאַקטירט, אין אַנדערע בונדיסטישע אויסגאַבן איז ער געווען אַ נאָענטער מיט־אַרבעטער. אויף וויפיל ער איז געווען אַן אויסגעשפּראָכענער בונדיסט, איז ער אויך געווען אַן אויסגעשפּראָכענער און שטאַרקער געגנער פון ציוניזם, אין וועלכן ער האָט געוואָלט אַז די מאַסן זאָלן ניט זוכן קיין לייזונג אויף אַלע אידישע פּראָבלעמען. נאָך דער מערץ־רעוואָלוציע איז ער פון אַמעריקע צוריקגעפאָרן קיין רוסלאַנד און איז דאָרט אויסגעוויילט געוואָרן אין צענטראַל קאָמיטעט פון „בונד". ווען די דייטשן האָבן פאַרנומען מינסק און די הויפּט־קרעפטן פון דער אידישער אַרבעטער באַוועגונג האָבן זיך אַריבערגעטראָגן קיין אוקראַינע, איז ער געוואָרן דעפּוטאַט פון דער צייטווייליגער נאַציאָנאַלער אידישער פאַרזאַמלונג. ביי דער שפּאַלטונג פון „בונד", איז ער געבליבן דער פירער פון דעם עקסט־רעכטן פליגל, ווייל דער פּרינציפּ פון דעמאָקראַטיע איז ביי אים געווען ניט בלויז אַ פּאָליטישער אני מאמין, נאָר אַ טייל פון זיין „איך", מיט וועלכן ער האָט זיך ניט געקענט שיידן.

אין 1925 איז ער צוריקגעקומען קיין אַמעריקע, וואו ער האָט רעדאַקטירט דעם „וועקער", געווען אַ מיטאַרבעטער אין „פאָרווערטס", „צוקונפט" און „פריינד". ער פלעגט פון צייט צו צייט שרייבן אונטער די פּסעוודאָנימען א. מוק, לוי, ברוך, בן־יחיד, א. פיל, א. גורסקי.

א. ליטוואַק איז געווען איינער פון די מערקווירדיגסטע פּיגורן, איינער פון די שענסטע טיפּן, וואָס די מאָדערנע אידישע אַרבעטער באַוועגונג האָט געשאַפן. ער איז געווען דער סימבאָל פון דעם נייעם „וואַנדערענדן איד", וואָס איז מיט זיין שטעקן אין האַנט געגאַנגען פון איין לאַנד צום אַנדערן, וואו ס'איז נאָר

פאַראַן אַ גרויסער אידישער ישוב, כדי צו לאָזן הערן זיין וואָרט צווישן די אידישע אַרבעטער און פאָלקס־מאַסן. אין וועלכן לאַנד ער פלעגט קומען, איז ער דאָרט אין דער אידישער וועלט געווען איינער פון די אָנגעזעענסטע פובליציסטן, ליטעראַטור־קריטיקער, לעקטאָרס, קולטור־טוערס, לערערס, רעוואָלוציאָנערן.

דעם 20טן סעפטעמבער, 1932, איז א. ליטוואַק געשטאָרבן אין ניו יאָרק, אין דער עלטער פון 58 יאָר.

זיין אַרבעט, הויפּטזעכלאַך זיין ליטעראַרישע אַרבעט, האָט ער ניט פאַרענדיגט. צוליב זיין ברייטער ערודיציע אין דער תלמודישער און העברעאישער ליטעראַטור, און זיין טיפער באַ־קאַנטשאַפט מיט דער אידישער און אַלוועלטלאַכער ליטעראַטור האָט ער שטענדיג געהאַט עפּעס וואָס צו זאָגן. ער האָט זיך גע־געקליבן אָנצושרייבן אַ טייל פון זיינע פּאָפּולערע לעקציעס, ווי „די נביאים און זייער סאָציאַלער איינפלוס אויף דער וועלט", „שלום עליכם'ס הומאָר", א. ד. ג., אָבער דער גורל האָט אַנ־דערש געוואָלט, און דער פאָדים פון זיין לעבן איז אין מיטן אי־בערגעריסן געוואָרן.

באַלד נאָך זיין טויט האָט דער אידישער סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד זיך געווענדעט צו דר. חיים זשיטלאָווסקי, ש. ניגער, הלל ראָגאָף, חיים קאַנטאָראָוויטש און פ. געליבטער, אַז זיי זאָלן אויף זיך נעמען די אויפגאַבע פון צוזאַמענקלייבן און דורכקוקן ליט־וואַק'ס וויכטיגסטע ליטעראַרישע עסייען און קריטיקן. דער איצ־טיגער בוך איז אַ רעזולטאַט פון דעם קאָמיטעט'ס אַרבעט און בלויז אַ טייל פון דער רייכער ליטעראַרישער ירושה, וואָס א. ליטוואַק האָט אונז איבערגעלאָזט.

פ. געליבטער,

ניו יאָרק, סעפּטעמבער, 1933.

דר. זשיטלאָווסקי׳ס פּאָררעדע

„א. ליטוואַק, דער בונדיסט״.

1

די אכציגער און נײַנציגער יאָרן פון דעם פאָריגן יאָרהונ־דערט האָבן געבראַכט מיט זיך א גרויסן איבערבראָך און א גאַנץ נײַע עפּאָכע אין דעם געשיכטלאַכן לעבן פון אונזער פאָלק. אין יענער צײַט זײַנען געבאָרן געוואָרן אָרגאַניזירטע אידישע מאַסן־באַוועגונגען מיט א קלאָר אויסגעשפּראָכענעם פּאָליטישן כאַראַקטער: די ציוניסטישע באַוועגונג און די אידיש־סאָציאַליסטישע, וואָס איר ווײַכטיגסטע און מעכטיגסטע אָרגאַניזאַציע איז געווען דער „בונד״. דער „ציוניזם״ און דער „בונדיזם״ האָבן ארויפגע־לייגט זייער שטעמפּל אויף דער נײַער עפּאָכע, אין וועלכער מיר לעבן נאָך עד היום; זיי גיבן איר א רעכט אָנגערופן צו ווערן: „די עפּאָכע פון דער אידיש־נאַציאָנאַלער ווידערגעבורט״.

בײַדע ריכטונגען האָבן איבערגעריסן מיט יענע האָפע־נונגען אויף דער אידישער באַפרײַאונג, וואָס האָבן געהערשט אין אַלע פריהערדיגע צײַטן פון אונזער לעבן צווישן די ניט־אידישע פעלקער. די צוויי נײַע ריכטונגען האָבן פאַרוואָרפן די האָפענונגען פון אונזער פרום־נאַציאָ־נאַלער וועלט אויף אן איבערנאַטירלאַכער באַ־פרײַאונג דורך א פון גאָט געשיקטן משיח; זיי האָבן אויך אָפּ־געשטופּט אָן א זײַט די האָפענונגען, וואָס די פּראָגרעסיוו־אסימילאַטאָרישע וועלט האָט געלייגט אויף אן אַנדער, דרויסן פון אונז ליגנדיגער קראַפט: דער ליבעראַלער געזעצגעבונג פון די ניט־אידישע רעגירונגען. בײַדע נײַע ריכטונגען האָבן אין תוך געהאַט איין־און־דעמזעלביגן לאָזונג: אידישע אָרגאַניזירטע

זעלבסט־טעטיגקייט, דאָס שטרעבן איבערצונעמען דעם געשיכט־לאַכן גורל פון דעם אידישן פאָלק אין די אייגענע הענט.

מיט דעם אויפקום און דער אַנטוויקלונג פון דער אידיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג איז אָבער געווען פארבונדען אויך אַן איבערבראָך און א נייע עפּאָכע אין אונזער גייסטיג־קולטור־רעלן לעבן. עס איז באַשאַפן געוואָרן די מאָדערנע ליטעראַטור אין דער אידישער שפּראַך, ווי א באַזונדער נאַציאָנאַל־גייס־טיגע ספערע. אויך פריער פלעגן אין דעם גייסטיגן לעבן פון דעם אידישן פאָלק פאָרקומען שאַפונגען אין אידיש. אָבער זיי האָבן געשפּילט די ראָלע פון אַן אונטערגעאָרדענטן, אומבאַ־דייטנדיגן צווייג אויף דעם בוים פון דער אידישער קולטור, וואָס זיינע וואָרצלען, זיין שטאַם און אַלע זיינע וויכטיגסטע צווייגן זיינען געווען אין דער העברעאישער שפּראַך. אונטער דער השפּעה פון דעם אידישן סאָציאַליזם האָט אָט דער אונטער־גע־אָרדענטער ליטעראַרישער צווייג זיך פאַנאַנדערגעוואַקסן צו א זעלבסט־שטענדיגן, לגמרי אומאָפּהענגיגן בוים, מיט זיינע אייגענע אויסצווייגונגען, זיין אייגענעם שטאַם און זיינע אייגענע וואָרצ־לען, וואָס זיינען טיף אריינגעדרונגען אין דעם מאַסן־לעבן פון דעם פאָלק.

עס וואָלט געווים געווען איינזייטיג צו זאָגן, אז די מאָ־דערנע זעלבסטשטענדיג געוואָרענע אידישע ליטעראַטור־ספערע איז דורכאויס און אין גאַנצן א פּראָדוקט פון דעם אידישן סאָ־ציאַליזם. אָבער דאָס איז דאָך זיכער א פאַקט, וואָס קאָן פאר־אמת׳ט ווערן מיט די לעבנס־באַשרייבונגען און כאַראַקטערים־טיקן פון אַלע קולטור־שאַפערס אין אידיש, אז אויב מען זאָל ארויסוואַרפן פון דער אידישער ליטעראַטור־געשיכטע אַלע סאָ־ציאַליסטן, — אַלע יענע טאַלאַנטפולע דיכטער, קינסטלער, קריי־טיקער, פּובליציסטן, טעאָרעטיקער און געלערנטע, וואָס שטייען אונטער דער ווירקונג פון דעם סאָציאַליסטישן געדאַנק, וואָלט דאָס געהייסן ארויסוואַרפן דעם רוב מנין און צעשטערן דעם רוב בנין פון אָט דער נאַציאָנאַל־גייסטיגער ספערע. אפילו פון די דריי ערשטע קלאַסיקער, וואָס האָבן אוועקגעלייגט דעם פונדאַ־מענט פאַר דעם בנין, — מענדעלי, שלום עליכם און פּרץ, —

איז דער לעצטערער געװען אן אױסגעשפּראָכענער קעגנער פון דעם בורזשואזן װעלט־און־לעבנס־באַנעם און קאָן מיט רעכט צוגעציילט װערן צו דעם סאָציאַליסטישן געדאַנקען־שטראָם.

דער סאָציאַליסט איז נאָך עד היום דער כלל אין דער אידישער ליטעראַטור, דער אַנטי־סאָציאַליסט איז אַן אױסנאַם. און װען איך זאָג: „סאָציאַליסט”, מײן איך ניט דוקא דעם פּאַרטײ־מענשן, װאָס דינט אָדער האָט געדינט אין דער אָדער יענער אידיש־סאָציאַליסטישער אַרמײ און אָריענטירט זיך אין אַלע װיכטיגע לעבנס־פראַגן אױף דעם אדער יענעם פּאַרטײ־פּראָגראַם, אָדער אױף דעם פּאַרטײאישן װעלט־באַנעם. איך מײן דאָ יעדן, װאָס שטײט אונטער דער השפּעה פון דער סאָציאַליסטישער געדאַנקען־ספּערע. די בורזשואזע געדאַנקען־ספּערע האָט אונזער ליטעראַטור געגעבן גאָר װײניג טאַלאַנטן, גאָר װײניג באַדײטנדיגע ליטעראַטור־שאַפער. די לײכטנדיגסטע שטערן אין דער אידישער ליטעראַטור זײנען עד היום אין דער גרעסטער צאָל סאָציאַליסטן פון דער אָדער יענער ריכטונג.

צוריק איז די העברײאישע ליטעראַטור, װעלכע די ציוניסטישע ריכטונג האָט באַשאַפן און װאָס האָט אַרױסגעבראַכט אַ היפּשע צאָל גרױסע טאַלאַנטן אין קונסט, פּובליציסטיק און װיסנשאַפט, זײער אָרעם אין גרױסע שאַפנדיגע גײסטער, װאָס זאָלן קאָנען מיט רעכט צוגערעכנט װערן צו דעם סאָציאַליסטישן לאַגער. די העברײאישע ליטעראַטור פון דער מאָדערנער נאַציאָנאַלער װידערגעבורט איז, לױט דעם כאַראַקטער פון אירע „גדולים”, אָדער אין גאַנצן גלײכגילטיג צו דעם סאָציאַליסטישן לעבנס־באַנעם, אָדער דירעקט אַנטאַגאָניסטיש צו אים. העברײאיסטישע אמת׳ע טאַלאַנטן מיט אַ קלאָר אױסגעשפּראָכענער סאָציאַליסטישער אָריענטאַציע זײנען מיר לײדער ניט באַקאַנט.

דער אריבערװעגנדיגער סאָציאַליסטישער כאַראַקטער פון דער אידישער ליטעראַטור־ספּערע און דער אַריבערװעגנדיגער אַנטי־סאָציאַליסטישער פון דער העברײאישער שטײען זיכער אין ענגען צונױפבונד מיט דער קלאַסן־טײלונג אין אונזער לעבן. דער סאָציאַליזם שטיצט זיך דער עיקר אױף דער ארבעטערשאַפט און שטרעבט צו װערן די פירנדיגע מאַכט בײ די גרױסע פאָלקס־

מאסן. דער ציוניזם שטיצט זיך דער עיקר אויף דעם מיטל־קלאַס און אויף די אינטעליגענטע פּראָפעסיעס. דערפון — דער אונטערשייד אין זייער שפּראַכלאַכער אָריענטאַציע. אָבער אָט דער אַלגעמיין־סאָציאָלאָגישער בליק קאָן אונז ניט אין גאַנצן דער־קלערן די דערשיינונג. אידיש איז דאָך ניט די איינציגע פאָלקס־שפּראַך, וואָס איז אין דער לעצטער צייט, — אונטער דעם דראַנג פון די אונטערדריקטע פעלקער צו נאַציאָנאַלער זעלבסט־טעטיגקייט און זעלבסט־באַפרייאונג, — דערהויבן געוואָרן צו דער מדרגה פון אַ נאַציאָנאַל־שפּראַך, אַ קולטור־און ליטעראַטור־שפּראַך. דיזעלביגע דערהויבונג האָבן דורכגעמאַכט די פאָלקס־שפּראַכן פון די עסטען, לאַטישען, ליטווינער און רוטענער (אויב מען זאָל זיך ניט רעכענען מיט די שפּראַכלאַכע קולטור־פּראָצעסן אין רוסלאַנד). קיינע פון די אויבן־דערמאָנטע נייע ליטעראַ־טור־ספערעס טראָגן אָבער ניט אַזאַ אַריבערהויענדיגן סאָציאַליס־טישן כאַראַקטער, ווי די אידישע. און דאָס דאַרף שוין דער־קלערט ווער דורך די ספּעציעלע אייגנטימלאַכקייטן פון דער אידישער געשיכטע. די אויבן־דערמאָנטע אונטערדריקטע פעל־קער האָבן אויך, ווי די אידן, דורכגעמאַכט אַ פּעריאָד פון אַסימילאַציע, ווען זייער ראַדיקאַלע אינטעליגענציע האָט ניט געוואָלט וויסן פון דער אייגענער פאָלקס־שפּראַך, וואָס איז, לויט דער טאָעריע, פאַר'משפּט געווען צו פאַרשווינדן. ווען עס האָט פאַר אָט די פעלקער געשלאָגן די שעה פון דער נאַציאָנאַלער ווידערגעבורט, פון אויפבויען אַן אייגענע קולטור אין אַן איי־גענער שפּראַך, האָבן זיי קיין אַנדער אייגענע שפּראַך ניט גע־האַט, ווי נאָר די שפּראַך פון זייער אייגענעם פאָלק. פאַר איר דערהויבונג צו דער מדרגה פון אַ נאַציאָנאַל־שפּראַך האָבן זיך אַ נעם געטאָן די אינטעליגענטע פאַרטרעטער פון אַלע קלאַסן. אין אָט דעם פּראָצעס האָט דעריבער די בורזשואַזע אינטעליגענציע געמוזט שפּילן לפּחות ניט קיין קלענערע ראָלע, איידער די סאָציאַליסטישע.

ביי אונז, אידן, איז דאָס געווען אַנדערש. ווען אויך ביי אונז האָט געפּלאַצט די אַסימילאַטאָרישע אידעאָלאָגיע און עס האָט געשלאָגן די שעה פון דער נאַציאָנאַל־קולטורעלער ווידער־

באַלעבונג, האָבן די קולטורעל־שאַפנדיגע כוחות געהאַט פאַר זיך ניט איין שפּראַך, נאָר צוויי אידישע שפּראַכן: העברעאיש און אידיש. די ערשטערע, העברייאיש, האָט נאָך דערצו גע־האַט דאָס היסטאָרישע רעכט, צו רעכענען זיך פאַר דער אייגנט־לאַכער אידישער נאַציאָנאַל־שפּראַך; זי איז נאָך געווען די שאַפונגס־שפּראַך פאַר אַ גרויסן טייל פון דער אידישער פּראָגרע־סיווער אינטעליגענציע און האָט געהאַט אַ גלאָררייכע געשיכטע הינטער זיך פון טויזנטער יאָרן. אָט די פּאַקטישע צוויי־שפּראַ־כיגקייט פון אידישן פאָלק האָט געמוזט אריינברענגען אויך אַ צווייטשפּאַלט אין דער קולטורעלער אָריענטאַציע. יענע עלע־מענטן פון דער אידישער אינטעליגענציע, פאַר וועמען די נאַציאָ־נאַלע ווידערבאַלעבונג איז באַשטאַנען דער עיקר אין דער אָפּ־היטונג און אָפּפרישונג פון דער אידיש־נאַציאָנאַלער אָריגינאַלי־טעט און אין דעם ווייטערדיגן אויסבוי פון די אידישע קולטורעלע דערגרייכונגען, האָבן נאַטירלאַך זיך געמוזט אָריענטירן אויף דער היסטאָרישער נאַציאָנאַלער שפּראַך פון דעם פאָלק: אויף העברייי־איש. אַ גייסטיגע ריכטונג, וואו די אידעאַלן פון אייגנאַרטיג־קייט, אָריגינאַליטעט און נאַציאָנאַלער חשיבות האָבן געשפּילט די הערשנדיגע ראָלע, האָט אויך סאָציאַל זיך געמוזט אָריענטירן אויף די פּאַרמעגלאַכערע און געבילדעטערע קלאַסן. דער סאָ־ציאַליזם האָט דאָ געהאַט זייער קנאַפּע שאַנסן. דערפון — די אָרעמקייט פון דער סאָציאַליסטישער געדאַנקען־ספּערע אין דער מאָדערנער העברייאישער ליטעראַטור.

אַ גאַנץ אַנדער זין האָבן אָבער געהאַט די שטרעבונגען צו נאַציאָנאַלער ווידערבאַלעבונג ביי יענער אינטעליגענציע, וואָס ביי איר האָט דער אידעאַל פון נאַציאָנאַלער אָריגינאַליטעט גע־שפּילט אַ קנאַפּע ראָלע, אָדער גאָר קיין ראָלע ניט געשפּילט; ביי וועמען דער גאַנצער זין פון אַן אייגענער, נאַציאָנאַל־אידישער טעטיגקייט איז באַשטאַנען אין דער זאָרג פאַר די לעבנס־נויטן פון די אידישע פאָלקס־מאַסן בכלל, פון דער אידישער ארבעטער־שאַפט בפרט. אָט די גייסטיגע ריכטונג, אין אַלע אירע שאַטי־רונגען, האָט געמוזט גלייך פון אָנהויב אָן דערבליקן אין דעם סאָציאַליזם דעם פירנדיגן שטערן אויף איר וועג. זי האָט געמוזט

גלייך פון אָנהויב אָן זיך אָריענטירן אויף דער ארבעטער־שאַפט און די פאָלקס־מאַסן, און ממילא אויך אויף דער אידישער פאָלקס־שפּראַך. דער היסטאָרישער פּראָצעס פון אונזער צייט, — די דערהויבונג פון די אונטערדריקטע פאָלקס־שפּראַכן צו דער מדרגה פון פרייע, זעלבסטשטענדיגע נאַציאָנאַל־שפּראַכן, — האָט ביי דעם אידישן פאָלק געקאָנט דעריבער דורכגעפירט ווערן ניט פון אַלע ריכטונגען אין דעם אידישן געדאַנק, נאָר, דער עיקר, פון איין ריכטונג, דער סאָציאַליסטישער. דערפון — די דאָמי־נירנדיגע ראָלע פון דעם סאָציאַליזם אין דער מאָדערנער אידישער קולטור־ספערע; דערפון — דער פאַקט, וואָס אַלע גרעסערע טאַלאַנטן אין איר און אַלע אירע וויכטיגערע באַשאַפונגס־כוחות געהערן צו דעם סאָציאַליסטישן לאַגער, אָדער זיינען אויס־געוואַקסן אין אים.

פאַר דעם סאָציאַליסט איז אַ ברעקל ניט וויכטיג, וואָס אידיש ווי אַ שפּראַך, איז, לויט איר אויפקום, וויינציגער אָריגי־נעל אידיש, איידער דאָס איז העברייאיש. ער באַטראַכט ניט פאַר אַ ברעקל בזיון דעם פאַקט, וואָס די אידישע פאָלקס־מאַסן האָבן „צוגעלאַטכענט” ביי דעם דייטש אַ שפּראַך און וואָס זיי האָבן, ווי גוטע גנבים, אַזוי גרונטלאַך איבערגעאַנדערשט די „גנבה”, אַז דער באַלעבאָס אַליין קאָן זי שוין ניט דערקענען פאַר זיין אייגנס. פאַר דעם סאָציאַליסט איז די שפּראַך פון די פאָלקס־מאַסן די נאַציאָנאַלע שפּראַך פון דעם פאָלק. וויכטיג פאַר אים איז די באַשאַפונג פון אַן איינהייטלאַכער קולטור־ספּערע סאַי פאַר די מאַסן, סאַי פאַר דער אינטעליגענציע, — אַזאַ קולטור־ספערע, אַז די באַשאַפערישע כוחות, וואָס געפינען זיך אין די מאַסן, זאָלן זיך קאָנען אויפהויבן אויף די העכסטע קולטורעלע הויכן, ניט דאַרפנדיג אַריבערשפּרינגען איבער אַ וועלכער עס איז שפּראַכאַלער מחיצה, — אַ קאָלאָסאַל וויכ־טיגער קולטורעלער באַדינג, וואָס ווערט שוין איצטער פאַרווירק־לאַכט אין דער אידישער שפּראַך־ספערע אין אַ גאַנץ היפשער מאָס. פאַר דעם סאָציאַליסט איז די אייגענע נאַציאָנאַלע קולטור־ספערע אין דער אייגענער שפּראַך וויכטיג ניט נאָר, ווי אַ זעלבסט־שטענדיגער בוים אין דעם פּרוכט־גאָרטן פון דער אַלמענשלאַכער

קולטור. די אייגענע, הויך אנטוויקלטע קולטור־ספערע איז פאַר דעם סאָציאַליסט ניט ווייניגער וויכטיג, ווי א רעזערוואואַר פון גייסטיגע כוחות, וואָס דאַרפן העלפן די פאָלקס־מאַסן אין זייער באפרייאונגס־קאַמף אויף אלע וויכטיגע פעלדער פון א מענשלאַכן לעבן: עקאָנאָמיש, סאָציאַל, נאַציאָנאַל און קולטורעל. און דער באפרייאונגס־קאַמף דאַרף, לויט דעם סאָציאַליסט'ס גע־דאַנק, געפירט ווערן מיט ניט קיין אנדער ציל אין אויג, ווי נאָר מיט דעם איין־איינציגן: אַז אין אלע לעבנס־פאָרמען, אין אלע ווינקעלאך פון דעם פאָלקס־לעבן, — ד. ה. אין דעם לעבן פון די איצטער עקזיסטירנדיגע אידישע פאָלקס־מאַסן, — זאָלן פאַר־ווירקלאַכט ווערן די פונדאַמענטאַלסטע פאָדערונגען פון דעם סאָ־ציאַליסטישן אידעאַל, וואָס זיינען אויך די פונדאַמענטאַלסטע פאָ־דערונגען פון דעם אַלמענשלאַכן פּראָגרעס: די פאָדערונגען פון אינדיווידועלער פרייהייט, פון סאָציאַלער גלייכהייט, פון קולטורע־לער רייכקייט און פון אינטערנאַציאָנאַלער ברידערלאַכקייט, וואָס דאַרף אויך דאָס אידישע פאָלק מאַכן פאַר אַן אבסאָלוט גלייכ־בארעכטיגטן מיטגליד אין דער פעלקער־משפחה פון דער מענש־הייט.

אָט דאָס איז דער אינווייניגסטער זין פון דעם אידישן סאָ־ציאַליזם און די מיסיע זיינע ביי דעם אידישן פאָלק (ד. ה. נאָך אמאָל: ביי די איצט לעבנדיגע פאָלקס־מאַסן), — א מיסיע, וואָס קאָן ניט דורכגעפיהרט ווערן אנדערש, ווי נאָר דורך דער קולטור־ספערע פון אידיש, וואו די פאָלקס־שפּראַך ווערט דערהויבן צו דער מדרגה פון דער נאַציאָנאַלער שפּראַך.

ניט אלע אידישע סאָציאַליסטן, וואָס ארבעטן אין אידיש, — אפילו פון די הויך־אינטעליגענטסטע, — האָבן א קלאָרן בא־גריף פון אָט דער היסטאָרישער מיסיע זייערער. דאָס רוב סאָ־ציאַליסטן דינען דער דאָזיגער מיסיע, פירן דורך די היסטאָריש נויטווענדיגע ארבעט, אומבאַוואוסטזיניג. ניט ווייניגע פון זיי וועלן, לויט זייערע סוביעקטיווע מיינונגען, אפשר אין גאַנצן זיך אפּטרייסלען פון איר און וועלן ארויסרוקן גאַנץ אנדערע מאָטיוון פאַר זייער סאָציאַליסטישער טעטיגקייט אין אידיש פאַר די אידישע ארבעטער און די אידישע פאָלקס־מאַסן. אבער זיי־

ערע סוביעקטיווע מיינונגען קאָנען א האָר ניט אפּענדערן דעם היסטאָריש־אָביעקטיווען זין און באַדייט פון זייער אַרבעט. צוריק זיינען שוין איצט פאַראַן ניט ווייניג אידישע סאָציאַליסטען, וואָס האָבען דורכגעבליקט דעם זין פון זייער אייגענער ארבעט ביז צום לעצטען גרונט אירן און וואָס פירן זי אין דעם פולסטען און קלאָרסטען באוואוסטזיין פון יענער היסטאָרישער מיסיע.

צו דער צאָל פון אַזויגע אידישע סאָציאַליסטען האָט אויך בלי ספק געהערט דער אַזוי פרי־געשטאָרבענער חבר א. ליטוואַק.

2

חבר ליטוואַק איז כל ימיו געווען א פּאַרטיי־בונדיסט, איינער פון די זיילן, אויף וועלכע עס האָט זיך געהאַלטען דעם בונד'ס גייסטיגער בנין. זיין לעבן, זיין שאַפן, זיין גאַנצער גייסטיגער מהות קאָן דינען ווי דער בעסטער מאַטעריאַל פאַר דער אָפּ־שאַצונג פון יענער פּסיכאָלאָגיע, וואָס האָט געהערשט ביי א בונדיסטישן פירער, וואָס איז אליין ארויסגעקומען פון די פאָלקס־מאַסן און האָט דורך זיין אייגענער ארבעט זיך דערהויבן צו דער שטופע פון אַן איראָפּייאיש געבילדעטן סאָציאַליסטישן פּאָ־ליטיקער און באַדייטנדיגן קולטור־שאַפער.

נערעכט איז דוד איינהאָרן, — אַליין א פּראָדוקט פון דער בונדישער גייסטיגער ספערע, — ווען ער הויבט ארויס אין זיין „וועקער"־ארטיקל וועגן ליטוואַק'ן, דעם כאַראַקטעריסטישסטן שטריך פון ליטוואַק'ס נשמה, זיין פאָלקסטימלאַכקייט, זיין אָר־גאַנישע צונויפגעוואַקסנקייט מיט דער אידישער פאָלקס־מאַסע.

„א. ליטוואַק", שרייבט איינהאָרן, „איז געווען א פאָלקס־מענש" און „איז געבליבן ביים פאָלק... ווי אַן אייגענער מענש". ער איז געווען דער טרעגער פון דער „געזונטער פאָלקסטימלאַכ־קייט", וואָס האָט געלעבט אין דער „וועלט פון גרויסן אמת און פרישער נאַטירלאַכער שיינקייט פון פּשוט'ן פאָלק". אומ־עטום, ביי די פאָלקס־מאַסן, צווישן וועלכע ליטוואַק האָט גע־ארבעט, איז פאַר אים געווען אָפן „אַן ארבעטער־טיר, אומעטום האָט זיך באוויזן א פרויען־קאָפּ, אָדער א קאָפּ פון א אידישן בעל־מלאכה, אומעטום האָט מען אים גערופן ביים נאָמען און ברייט איינגעלאַדן, ווי אַן אייגענעם מענשן".

„יעדס מאָל", דערציילט איינהאָרן, „ווען מענדעלע (מוכר ספרים) פלעגט קומען אויף אַ באַנקעט, פלעגט ער צוערשט פרעגן: „וואו איז ליטוואַק, דער בונדיסט? אַז איך דערזע אים, פאַלט מיר אַראָפּ אַ שטיין פון הארצן. ס׳איז אַ מחיה מיט אים!"*)

אין דער שענסטער האַרמאָניע מיט אַט דער איינהאָרנ׳שער כאַראַקטעריסטיק געפינען זיך ניט ווייניג שטעלן אין ליטוואַק׳ס שריפטן, גראַד אין דעם באַנד, וואָס דער לייענער האַלט איצ־טער אין האַנט.

אין זיין זייער וויכטיגער אַרבעט וועגן לינעצקי׳ן, — ווע־מעס באַדייט און ווערט פאַר דער אידישער ליטעראַטור עס איז נאָך עד היום ניט אין גאַנצן אָפּגעשאַצט געוואָרן, — שטעלט זיך ליטוואַק אָפּ אויף די מאָטיוון, וואָס האָבן געטריבן לינעצקי׳ן צו פאַרלאָזן העברייאיש, — „די קאַטערינקע", ווי לינעצקי האָט זי גערופן, — און נעמען זיך פאַר אידיש. „אויף לינעצקי׳ן," שרייבט ליטוואַק, „האָט געווים געווירקט דאָס, וואָס ער איז פון נאַטור געווען אַן אמת׳ער פאָלקס־מענש, וועלכער האָט זיך מיט דעם המון געפילט ווי אין דער היים, און די שפּראַך פון די מאַסן איז אים געווען באַזונדערס נאָענט און ליב".

אין אַן אַנדער אָרט, באַרירנדיג דעם אַנטאַגאָניזם, וואָס האָט געהערשט צווישן לינעצקי׳ן און די אַנדערע אידישע שרייבער אין אַדעס, באַמערקט ליטוואַק: „צוזאַמען מיט אברהם גאָלדפאַדן און שפּעטער אַליין פלעגט ער (לינעצקי) גיין אין שענקען, וואו דער אידישער המון קומט זיך צונויף פאַרברענגען אַ פרייליכע שעה. ער פלעגט דאָרטן אַמאָל זינגען אידישע לידער פאַר דעם עולם. ער האָט דאָס געטאָן ניט אַזוי צוליב געלט . . . ווי צוליב דעם, וואָס זיין האַרץ האָט געצויגן צום המון. די געזעצטע אידישע שרייבער פון אַדעס האָט עס שאָקירט; זיי האָבן עס ניט גע־קאָנט ניט פאַרשטיין, ניט מיטפילן".

אין זיין „פאָלקסטימלערישער" שטעלונג צו דער מאַסע איז

*) זע דעם „וועקער", נומער 475 פונ׳ם 29טן אָקטאָבער, 1932.

אָבער א. ליטוואַק געווען זייער ווייט סאַי פון יענער „פאָלקס־טימלעריי", וואָס האָט אַ לאַנגע צייט געהערשט ביי די רוסן און וואָס האָט זיך שיר ניט געבוקט פאַר דער מאַסע, ווי פאַר אַן אָפּגאָט, ווי פאַר אַ פאַרקערפּערונג פון אַלע מענשלאַכע מעלות, סאַי פון דעם גדלות'דיגן בליק פון אויבן אַראָפּ, וואָס הערשט נאָך לײדער אין אַ צו שטאַרקער מאָס ביי יענע ציוניסטן אונזערע, וואָס שליסן אוים פון דעם באַגריף „אידיש פאָלק" די גאַנצע איצטער לעבנדיגע פאָלקס־מאַסן און מיינען מיט דעם וואָרט: „אידיש פאָלק" נאָר יענע אָפּגעקליבענע יחידי סגולה, וואָס שטרעבן צו באַשאַפן אין דעם אידישן לאַנד אַ מין העברייאיש אויבער־פאָלק.

כאַראַקטעריזירנדיג פ ר ץ ' ע ס שטעלונג צו דער מאַסע, וועלכע אויך ליטוואַק נעמט אָן, שרייבט ער: „מיר דאַרפן זיך לערנען ביי דער מאַסע, אָבער מיר האָבן נאָך איר אויך אַ סך צו לערנען. פאַרלייקענען אונזער שכל איז אַ זינד ניט בלויז געגן אונזער אייגענעם „איך", נאָר געגן דער מאַסע גופא. צעשוואומען ווערן אין דער מאַסע הייסט דערטרונקען ווערן אין דער סטיכיע, צונעמען ביי דער מאַסע אַ טייל פון איר מאַרך".

ס'איז קלאָר, וואָס ליטוואַק וויל דערמיט זאָגן: די סאָציאַליסטישע אינטעליגענציע, וואָס דאַרף אויך אויסוואַקסן פון דער אַרבעטער־מאַסע, דאַרף זיין אָרגאַניש צונויפגעוואַקסן מיט איר, אָבער, ווי אַ באַזונדער אבר אין איר אָרגאַניזם — ווי „דער מאַרך", — אַ שטאַנד־פונקט, וואָס האָט זיין ווערט גראָד פאַר דער איצטיגער צייט, ווען עס ווערט צו אָפט געפאָדערט, דער יחיד זאָל פאַרלייקענען זיין אייגענעם איך און זיין אייגענעם שכל און צעשוואומען ווערן אין דער פּראָלעטאַרישער סטיכיע. אַליין אַ קינד פון דער דאָזיגער פּראָלעטאַריער סטיכיע, פאַרשטייט ליטוואַק בעסער, איידער אַנדערע, די לעבנס־נויט אירע: די נויט אין קולטורשאַפנדיגע כוחות פון אַ באַזונדער אינדיווידועלער אָריגינאַליטעט און פון אַ באַדייטענדיגער קולטורעלער הויך.

וועגן ליטוואַק'ס אייגענער אינדיווידועלער און קולטורעלער

הויך זאָגן עדות די גרעסערע שריפטן זיינע, וואָס ליגן פאַר דעם לייענער אין אָט דעם באַנד. פיל און זייער פיל קאָן נאָך „די מאַסע" לערנען פון זיי. און ניט נאָר „די מאַסע"... לייענט מען די גרעסערע און בעסערע ארבעטן פון „ליטוואַק, דעם בונ־דיסט", זעט מען אין דער ערשטער ליניע די איינזייטיגקייט און פאַלשקייט פון יענער מיינונג, וואָס האָט זיך איינגעשטעלט וועגן דעם „בונד" ביי אַ גרויסן טייל פון זיינע בירגערלאַכע און אפילו סאָציאַליסטישע געגנער.

עס איז קודם כל ניט אמת, אז דער „בונד" הויבט אָן די געשיכטע פון דעם אידישן פאָלק מיט דעם „סמאַרגאָנער סטרייק" און דער „ווילנער פּראָקלאַמאַציע". מיר הערן רייד פון „ליטוואַק, דעם בונדיסט" וועגן דער קולטור־ירושה פון דעם גאַנצן פאָלק און וועגן דער נויטווענדיגקייט, דער אַרבעטער־קלאַס זאָל זי אי־בערנעמען און אויסגעפינען אין איר דעם אַלגעמיין־מענשלאַכן אינהאַלט. מיר הערן פון אים באַגייסטערטע רייד וועגן דער נשמה פון דעם חסידיזם, איידער ער איז פארהויקערט געוואָרן, אַ דאַנק די פאַרשיידענע דינאַסטיעס פון די „צדיקים".

און ס'איז אויך ניט אמת, אַז דער טועך פון דעם „בונד" האָט פון קיין זאַך ניט געוואָלט וויסן, אַ חוץ דעם „קלאַסן־קאַמף"; אַז נאָר דאָס, וואָס האָט אַ דירעקטע שייכות צו דעם לוין־אַרבעטער און זיין קאַמף אַנטקעגן דער בורזשואַזיע האָט געאינטערעסירט דעם בונדיסט. „אַ. ליטוואַק, דער בונדיסט", ווי אַ ליטעראַרישער קריטיקער און עסעיאיסט, איז אַ קלאָרע אָפּלייקענונג פון אָט דעם אויבערפלאַכליכן בליק. געוויס, אין זיינע ליטעראַטור־קריטישע עסעיען איז ליטוואַק אָן איבערגעצייג־טער מאַרקסיסט. ער באַטראַכט אַלץ פון אַ סאָציאָלאָגישן שטאַנד־פונקט, אין וועלכן קלאַס און קלאַסן־קאַמף שפּילן די הויפּט־ראָלע. אָבער דאָס שטערט אים ניט צו זען דאָס אינדיווידועלע און אַלגעמיין־מענשלאַכע סאַי אין די קינסטלער, מיט וועלכע ער האָט צו טאָן, סאַי אין די פּערזאָנען, וועלכע זיי שילדערן, און ליטוואַק'ס אינטערעס איז גראָד צוגבונדן צו אָט דעם אינדיווי־דועלן און אַלגעמיין־מענשלאַכן עלעמענט.

אַרבעטענדיג מיט דער סאָציאָלאָגישער מעטאָדע אין דער לי־

טעראַטור־קריטיק, זעט ליטוואַק קלאָר איין די סאָציאַלע סביבה און די גייסטיגע דערשיינונגען, וואָס וואַקסן פון איר אַרויס. אָבער ער לאָזט זיי ניט צעשוואומען ווערן און דערטרונקען ווערן אין דער סטיכיע פון דער סאָציאַלער סביבה. אָט די סביבה באַהאַנדלט ער ריכטיג, ווי אַ פאָן, ווי אַ הינטערגרונט, אויף וועלכן עס טרעטן אַרויס די אייגנאַרטיגע פּערזענלאַכקייטן, מיט זייערע אייגענע קאָנטורן, וואָס האַרמאָנירן מיט דעם הינטערגרונט, אָבער גיסן זיך ניט צונויף מיט אים.

דערמיט שיידט זיך ליטוואַק אָפּ צו גוטן פון אַ סך איצטיגע, כלומר'שט מאַרקסיסטישע קריטיקער, וואָס שטעלן זיך די אויפגאַבע, אָדער נאָר אויסצוגעפינען דעם קלאַסן־פאָן פון דעם קינסטלער, און באַמערקן גאָר ניט די אייגנאַרטיגע, אינדיווידועלע, ריין מענשלאַכע אייגנשאַפטן זיינע. ביי אַזעלכע מיני קריטיקער קאָנען אַ טאָלסטאָי און אַ טורגענעוו און אַ באַלזאַק צונויפגעוואָרפן ווערן אין איין טאָפּ, מיט איין אַרויפגעקלעפּטן צעטל: „פריצישע ליטעראַטור". אָדער, ווען זיי שטעלן זיך אָפּ אויף די אָדער יענע אינדיווידועלע אייגנטימלאַכקייטן פון דעם קינסטלער, זוכן זיי אַרויסצופּלפּל'ען זיינע אייגנשאַפטן פון דעם קלאַסן־פאָן גופא אַזוי, אַז דער קינסטלער ווערט אַליין אַ טייל פון דעם הינטערגרונט און ניט די בוילעטע פיגור, וואָס מאָלט זיך שאַרף אויס אויף איר. איןביידע פאַלן גייט פאַרלאָרן די הויפּט־זאַך: דער מענטש און די מענשלאַכע נשמה. אָבער גראָד דער אינדיווידועלער מענש, — דער עיקר, דער ליידנדיגער, דער קעמפנדיגער, דער מענש, וואָס שטרעבט צו הויכע הויכן, — איז ביי ליטוואַק'ן געשטאַנען אין דעם צענטר פון זיין אינטערעס.

א. ליטוואַק איז געווען אַ פּאַרטיי־בונדיסט, און האָט געפירט אָפטע און שאַרפע פּאָלעמישע קאַמפן אַנטקעגן אַלע אַנדערע אידיש־סאָציאַליסטישע ריכטונגען. אָבער דער פּאַרטיי־בונדיסט, ווי אַ פּאָליטיקער, וואָס דאַרף דורכקעמפן אין לעבן דאָס פּראָגראַם פון זיין פּאַרטיי, איז איין זאַך און דערזועלביגער פּאַרטיי־בונדיסט, ווי אַ שאַפער און בויער פון דער אידישער קולטור, איז אַן אַנדער זאַך, ווי האַרמאָניש ביידע זאַכן זאָלן ניט צעצוויפקלינגען אין איינעמס נשמה. ווי אַ קולטור־שאַפער אויף

פעלדער, וואָס ליגן מחוץ פון דער סאָציאַל־פּאָליטיק און דער נאַציאָנאַל־פּאָליטיק, טרעט דער בונדיסט אַרויס פון זיינע פּאַרטיי־גרעניצן, ווי דאָס טוט יעדער קולטור־שאַפער מיט זיינע פּאַרטיי גרעניצן. נאָך א מאָל: די פּאַרטיי־טעטיגקייט פון דעם בונדיסט איז איין זאַך און די קולטור־אַרבעט פון יענע גייסטער, וואָס זיינען אויסגעוואַקסן אין דער בונדישער געדאַנקען ספערע, איז אַן אַנדער זאַך.

נעמט, צום ביישפּיל, אַזאַ צווייג ווי די יונגע אידישע שפּראַך־וויסנשאַפט. פאַרגלייכט די אַרבעטן פון, זאָגן מיר, אַזאַ פאָרשער, ווי דער בונדיסט, דר. מאַקס ווײַנרייך, מיט די אַרבעטן פון אַזאַ פאָרשער, ווי דער פּועלי־ציון, בער באָראָכאָוו. אָדער נעמט די פּאָעזיע און פאַרגלייכט, זאָגן מיר, די „בונדישע" פּאָעטן, ליעסין, איינהאָרן, לייוויק, מיט די „פּועלי־ציוניסטישע", אָווערבאַך און ביאַלאָסטאָצקי, און דעם „סאָציאַליסטיש טעריטאָריאַליסטישן" א. לעיעלעס, — צו דערמאָנען נאָר אַ פּאָר איינצלנע נעמען. אָדער פּרוּווט פאַרגלייכן די סטאַטיסטישע און עקאָנאָמישע שריפטן פון דעם בונדיסט, פּראָפעסאָר הערש, מיט די שריפטן פון דעם סאָציאַליסט־טעריטאָריאַליסט, י. לעשטשינסקי. איר וועט געוויס געפינען אין יעדן פאַרגלייך פאַרשיידנקייטן אין דער גרויס, צי אין דעם מהות פון דעם טאַלאַנט, צי אין דער וויסנשאַפטלאַכער אָדער קינסטלערישער ריכטונג, צו וועלכער ער געהערט, — אַלץ אינדיווידועלע אייגנשאַפטן, מעלות און — אפשר חסרונות, וואָס האָבן אַ האָר ניט צו טאָן מיט זייערע פּאַרטיי־פּראָגראַמען. אַזוי אויך אין דער ליטעראַרישער קריטיק און אין דער אַלגעמיינער עסעיאיסטיק. דאָ האָבן מיר די אַרבעטן פון דעם סאָציאַליסט־טעריטאָריאַליסט, ש. ניגער, פון די פּועלי־ציון, ח. ליבערמאַן און זרובבל, פון דעם בונדיסט, א. ליטוואַק. ווידער גרויסע אינדיווידועלע פאַרשיידנקייטן, וואָס האָבן קיין ברעקל שייכות ניט צו זייערע פאַרשיידענע פּאַרטיי־שטעלונגען. אויף די פעלדער פון דער אַלגעמיין־מענשלאַכער קולטור זיינען מיר, די אידישע סאָציאַליסטן פון די פאַרשיידנסטע ריכטונגען, קינדער (כן ירבו!) פון איין משפחה. מיר אַלע טוען מער אָדער ווייניקער באַוואוסטזיניג איין־איינציגע אַר־

בעט: מיר באַארבעטן א נייע קולטור־ספערע אין דער אַלגעמיין־מענשלאַכער קולטור; מיר בויען א נייע גייסטיג־נאַציאָנאַלע היים פאַר אונזערע פאָלקס־מאַסן, וואס זיינען אין תוך אריין אונזער פאָלק, און מיר שטרעבן אנצוזאפּן אַט די גייסטיג־נאַציאָנאַלע היים פון דעם אידישן פאָלק מיט א סאָציאַליסטישן גייסט.

דאָס ווערט אונז קלאָר, ווען מיר לייענען די ליטעראַרישע עסעיען פון אַזאַ אויסגעשפּראָכענעם פּאַרטיי־בונדיסט, ווי דאָס איז געווען כל ימיו דער חבר ליטוואק. און נאָך איין זאך ווערט אונז דערביי קלאָר: דער גרויסער פאַרלוסט, וואָס ליטוואק'ס טויט באַדייט ניט נאָר פאַר דער טעטיגקייט פון זיין פּאַרטיי, נאָר פאַר אונזער גאַנצער קולטור־אַרבעט. זי נויטיגט זיך דאָך אַזוי שטאַרק — און וועט זיך אַלע מאָל נויטיגן — אין אַזעלכע טרייע קינדער פון דעם אידישן פאָלק, ווי ליטוואַק איז געווען, פול מיט זאָרג פאַר דעם גורל פון די פאָלקס־מאַסן, פול מיט ליבע צו זיי און צו דער אידישער שפּראַך, פול מיט אומדערמידלאַכער ענערגיע אין דעם קאַמף פאַר זייער באַפרייאונג און גליק, פאַר דעם איבערבוי פון זייער לעבן אויף די יסודות פון דעם אינ־טערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן אידעאַל, אין וועמעס דינסט ליט־וואַק איז תמיד געשטאַנען און וועמען ער האָט אוועקגעגעבן זיינע בעסטע כוחות, זיין גאַנץ לעבן און זיין גאַנצע רייכע נשמה.

דר. ח. זשיטלאָווסקי.

קראָטאָן־אָן־האָדסאָן, נ. י., פעברואַר, 1933.

יצחק יואל לינעצקי

קולטור־היסטאָרישע שטריכן פון דער השכלה־עפּאָכע.

1

לינעצקי איז געשטאָרבן אין יאָר 1915, אינ׳ם ערשטן יאָר פון וועלט־קריג.

„פון די שרייבער וויל קיין איינציגער נאָך מיר קיין קדיש ניט זאָגן, קיין לחיים פאַר מיין עלית נשמה ניט טרינקען". אזוי האָט זיך לינעצקי אליין געקלאָגט עטלאַכע יאָר פאַר זיין טויט („אראָפּ פון ירידי"). און אזוי ווי א נבואה וואָלט ארויס־פון זיין פעדער. ער איז געשטאָרבן. די צייטונגען האָבן אָפּגעדרוקט קורצע נעקראָלאָגן און גענוג. זיין טויט האָט קיין שום רושם ניט געמאַכט. טיילווייז איז עס געווען צוליב דעם, וואָס אין דער בלוטיגער צייט פון דער וועלט־מלחמה האָט דער טויט פון אן איינצלנעם מענשן, ווי באַדייטנד ער זאָל ניט האָבן געווען, ניט געקאָנט מאַכן קיין גרויסן רושם. דער טויט פון י. ל. פרץ און פון שלום עליכם האָט דעמאָלט אויך ניט געמאַכט דעם רושם, וואָס מ׳האָט געקאָנט ערוואַרטן. מענ־דעלע׳ס טויט איז אריבער כמעט אומבאַמערקט. אָבער נאָכ׳ן קריג, בעת וועגן יענע האָט מען א סך געשריבן, איז לינעצקי אויך געבליבן כמעט ווי פאַרשוויגן. די ערשטע צען יאָר נאָך זיין טויט האָבן ניט געבראַכט קיינע אָפּשאַצונגען, קיינע ערוי־נערונגען וועגן אים. עס האָבן געשוויגן די יונגע, פּונקט ווי זיי וואָלטן ניט געהאַט קיין שום חלק אין זיין ירושה. עס האָבן גע־שוויגן די אלטע, וואָס האָבן דעם פאַרשטאָרבענעם געקענט, אזוי צי אנדערש מיט אים געווען פאַרבונדן, און זיי וואָלטן געווים געהאַט וואָס צו דערציילן פון אים.

די לעצטע עטלאַכע יאָר, אַרום זיין פופצענטן יאָר־צייט, האָט מען זיך אָן לינעצקי׳ן אַביסל דערמאָנט. אין סאָוועט־רוסלאַנד האָט מען אָפּגעדרוקט עטלאַכע צייטונגס־אַרטיקלען, אַ פּאָר גרעסערע אַרבעטן. אין ניו יאָרק גייט אַרויס אַ ביכל עראינערונגען: „מיין באַקאַנטשאַפט מיט יצחק יואל לינעצקי", פון ש. גראַנאָווסקי. (אַ טייל דערפון איז געווען אָפּגעדרוקט אין ערשטן באַנד „פּנקס", פּערטליאָריגער זשורנאַל פון אידישן וויסנשאַפטלאַכן אינסטיטוט, אַמעריקאַנער סעקציע, ניו יאָרק, יולי־דעצעמבער, 1927.) איך האָב דאָ אויסגענוצט צוויי גרע־סערע אַרטיקלען, ביידע געדרוקט אין זאַמלבוך „צייטשריפטן", באַנד 5 (ליטעראַטור־פאָרשונג, וויים־רוסישע אַקאַדעמיע. אידי־שער סעקטאָר, מינסק, 1931). 1) י. רימניק, „צו דער געשיכ־טע פונ׳ם פּוילישן אינגל" — זייער אַן אינטערעסאַנטע אַרבעט, הגם ערטערווייז צוגעפּאַרבט קאָמוניסטיש: עס איז דאָך גע־שריבן און געדרוקט אין סאָוועט־רוסלאַנד; 2) ב. גריידענבערג (מאָסקווע) — „פּאַרצייכענונגען וועגן מיין פאָטער (די ביאָגראַפיע פון יצחק יואל לינעצקי)" געשריבן צו סוביעקטיוו, איבער־הויפּט בנוגע צום פאָטער׳ס געגנער. און דאָס רוב, ווי די שריי־בערין גיט אַליין צו, ניט פון אייגענעם זכרון, נאָר געהערט פון דער מוטער, פון פאַרשטאָרבענעם פאָטער, פון די עלטערע ברי־דער. ניט די קינדער, ניט לינעצקי אַליין האָבן ניט געפירט קיין טאָג־ביכער, ניט געזאַמלט און ניט איינגעהיט קיין דאָ־קומענטן. דאָך זיינען ב. גריידענבערג׳ס „פּאַרצייכענונגען" רייך מיט אינטערעסאַנטע פאַקטן און ווערטפולע שטריכן צו דער כאַראַקטעריסטיק פון לינעצקי׳ס פּערזענלאַכקייט.

לינעצקי איז פאַרגעסן. דאָס רוב לעזער פון היינטיגן דור האָבן אַפילו זיין נאָמען ניט געהערט. און ער איז דאָך געווען איינער פון די צוויי, וואָס מיט זייערע נעמען איז פאַרבונדן דער אָנהויב פון דער אידישער ליטעראַטור. צוזאַמען מיט מענדעלע מוכר ספרים האָט ער דאָך געלייגט די גרונדשטיינער אירע. ווער לייענט היינט דעם „פּוילישן אינגל"? געווען אָבער אַ צייט, ווען מ׳האָט דאָס דאָזיגע ביכל אַ סך געלייענט, גע־לייענט און איבערגעלייענט. דאָס דאָזיגע ביכל איז אַמאָל גע־

ווען איינע פון די גרעסטע באַמבעס, וואס די השכלה האָט גע־וואָרפן אין דער פעסטונג פון אירע פיינט, חסידות.

מיט לינעצקי'ן איז אַראָפּ אין קבר איינער פון די לעצטע משכילים. היינט איז געוואָרן אַ מאָדע צו מאַכן אַ תל פון דער השכלה מיט די משכילים צוזאַמען. היינט געפינט זעלטן ווער אַ גוט וואָרט פאַר יענער עפּאָכע, און דאָס איז דאָך באמת געוועזן איינע פון די אינטערעסאַנטסטע עפּאָכעס אין אונ־זער געשיכטע. מיט אימפעט האָט מען געבראָכן אַלץ, וואָס אַלט, אַראָפּגעקערט אַלץ, וואָס צעפוילט און פאַרשימלט, אַראָפּגע־טרייסלט פון זיך דעם שטויב פון דורות, אָנגעהויבן זיך צו־פּאַסן צו די נייע אומשטענדן פון דער נייער צייט. מיר, די היינטיגע, זיינען געקומען אויף אַלעם פאַרטיגן. מיר האָבן קיינעם ניט געדאַרפט דערוויזן, אז מלאכה איז ניט קיין חרפה און ליבע ניט קיין עברה. קיינער האָט אונז ניט פאַרשלאָסן אין די ענגע פיר ווענט פון בית־המדרש. קיינער האָט ביי אונז קיין חטאים ניט געזוכט. מיר האָבן געפונען די מויערן פון גע־טאָ שוין העכער האַלב צעבראָכן. אונז איז איצט גאָר שווער אָפּצושאַצן, וויפיל מיר האָבן יענער עפּאָכע צו פאַרדאַנקען. די ציוניסטן און נאַציאָנאַליסטן האָבן טענות, למאי די השכלה איז געווען ניט גענוג אידיש־נאַציאָנאַל, זי האָט געטראָגן אין זיך קערנער פון אַסימילאַציע. פון לינקס שטרייכט מען אונטער, אז די משכילים האָבן נישט פאַרשטאַנען די באַדייטונג פון קלאַסן־קאַמף. ניט דאָ איז דאָס אָרט אָפּצושאַצן, ווי ווייט די און יענע זיינען גערעכט אין זייערע טענות. געוויס, ניט אַלץ אין דער השכלה שטעלט אונז היינט צופרידן. די געשיכטע האָט איבערגעקערט אַ בלאַט, און מיר האָבן דערזען דאָס, וואָס אונ־זערע טאַטעס און זיידעס האָבן ניט געקאָנט זען. אָבער אַזוי איז עס דאָך שטענדיג. ניטאָ אין דער געשיכטע קיין עפּאָ־כע, וואָס זאָל זיין אינגאַנצן מיט ליכט באַגאָסן; ניטאָ אַזאַ עפּאָכע, וואָס אירע העריזאָנטן און מעגלאַכקייטן זאָלן ניט האָבן קיין גרענ׳יץ, וואָס אירע יורשים זאָלן אָננעמען די ירושה אינגאַנצן, ניט אַראָפּנעמען און ניט צוגעבען.

געווען ביי אונז שרייבער (למשל, דער היינטיגער פרומער

קאָמוניסט און דער אַמאָליגער ניט ווייניגער פרומער נאַציאָנאַ־ליסט, נ. שטיף־בעל דמיון), פאַראַנען נאָך היינט אויך אַזעל־כע, וואָס ווילן אונז איבערצייגן, אַז גיין פאָראויס הייסט פאַר אידן — זיך אומקערן צוריק צו דער צייט, וואָס פאַר דער השכלה. די דאָזיגע לייט שטעלן זיך ניט גוט פאָר, וואָס זיי ווילן. ווען מ׳זאָל אַוועקשטעלן פאַר זייערע אויגן אַ לעבעדיגע אידישע גאַס פון פאַר הונדערט יאָר, און פרעגן, צי ווילן זיי צוריק אין דער דאָזיגער אַלט־פרענקישער גאַס, וואָלטן זיי גע־ווים מיט אַ שוידער געענטפערט: ניין! אפילו דער היינטיגער נאַציאָנאַליזם מיט׳ן ציוניזם זיינען אויך מעגלאָך געוואָרן נאָך דער השכלה, ניט פאַר איר.

איך קלייב מיך דאָ ניט צו געבן קיין גענויע אָפּהאַנדלונג איבער דער השכלה, ניט קיין פולע אָפּשאַצונג פון לינעצקי׳ס לעבן און שאַפן. איך וויל נאָר פאַרצייכענען שטריכן פון יענע יאָרן, ווען דער גאַנג פון דער השכלה איז געוואָרן געשווינדער, שטורעמדיגער, דער קאַמף שאַרפער, ווען די השכלה האָט זיך אַראָפּגעלאָזן צו די מאַסן, אין „שוסטער־גאַס". פון יענע יאָרן, ווען די מחות האָבן געאַרבעט האַסטיגער און עס איז געוואָרן פרייליכער צו לעבן אויף דער וועלט.

2

איך קלייב מיך דאָ נישט צו געבן קיין גענויע אָפּהאַנדלונג ווי ער האָט פאַרבראַכט די ערשטע צוויי יאָר אין אדעס, נאָכדעם, ווי ער איז צום ערשטן מאָל אַנטלאָפן פון דער היים. „פאַר יענע צוויי יאָר", זאָגט לינעצקי, „האָב איך דורכגעמאַכט אַ ווייטע רייזע, אַ לאַנגן וועג פון פומדיתא ביז דער פאַריזער אויס־שטעלונג".

וואָס די צוויי יאָר זיינען געווען פאַר׳ן יונגען לינעצקי׳ן, דאָס איז געווען די השכלה־עפּאָכע פאַר די אידן פון מזרח־איראָפּע. זיי זיינען אויף הונדערטער יאָרן אָפּגעשטאַנען פון דער אַלגעמיינער קולטור. דער רענעסאַנס, די עפּאָכע פון רעפאָרמאַציע, שפּע־טער דער אַכצנטער יאָרהונדערט, וואָס האָט געליטערט די מחות, די פראַנצויזישע רעוואָלוציע, וואָס האָט ניט איין באַסטיליע

געבראַכן — דאָס אַלץ איז געגאַנגען פאַרביי דעם אידישן לעבן. אמת, די לענדער, וואו דאָס רוב אידן האָבן געוואוינט, האָט דער דאָזיגער יאָר־הונדערט נישט אַזוי שטאַרק באַרירט. גאַלי־ציע און בעהמען, ליטע און פוילן, ווייס־רוסלאַנד און אוקראַינע האָבן זיך אַ סך ווייניגער געביטן, ווי פראַנקרייך און ענגלאַנד, למשל, אָבער ביז צו אַ געוויסן גראַד זיינען זיי דאָך מיטגע־גאַנגען. לאַנגזאַם, אָפט צו לאַנגזאַם, אָבער מיטגעגאַנגען. אידן האָט עס כמעט גאָר ניט באַרירט. זיי זיינען געבליבן שטיין כמעט אויפן זעלביגן פונקט, וואָס מיט דריי, פיר הונדערט יאָר צוריק; זיי האָבן זיך די גאַנצע צייט געפרעגלט אין זייער איי־גענעם זאַפט. אַרום האָט זיך געשאַפן אַ נייע אייראָפע; אידן האָבן געלעבט, ווי פאַרמאַרנירטע, אין האַלב־אַזיע. ענדליך האָט זיך דאָס גאַנצע אויסזען פון לעבן אַזוי שטאַרק געביטן, אַז דער איד האָט מער ניט געקאָנט האַנדלען און וואַנדלען אויף אַ פרעמדער וועלט. אים איז אויסגעקומען ענטוועדער אָניאָגן, זיך צופאַסן, אָדער אָנהויבן פוילן, אַרומגיין אין מיטן לעבעדיגן לעבן, ווי אַן אַלטער ספר, פון אַרכיוו אַרויס. בעסער אָדער ערגער — אידן האָבן אָנגעיאָגט, זיי האָבן זיך צוגעפאַסט. אין אַ משך פון עטלאַכע צענדליג יאָר האָבן זיי אָנגעיאָגט אַ לאַנגן וועג, אומגעפער פון גירוש שפאַניע ביז צו דער באַפרייאונג פון די פויערים אין רוסלאַנד. און אָט די עטלאַכע צענדליג יאָר פון אָניאָגן, פון צופאַסן זיך, דאָס איז געווען די עפּאָכע פון השכלה.

די השכלה־עפּאָכע קאָן מען איינטיילן אין דריי פעריאָדן: 1) די לומדישע השכלה, 2) די השכלה פון אַקציזניקעס און פאָדראַטשיקעס, פון קאַזיאָנע לערער און ראַבינער, און 3) די קעמפנדיגע השכלה, די השכלה, וואָס האָט אָנגעהויבן זיך אַראָפּ־צולאָזן צו די מאַסן.*)

---

*) בעת דער דאָזיגער אַרטיקל איז אַרויס אין אַ באַזונדער בראָ־שור (קיעוו, 1919, „קיעווער פאַרלאַג“, געדרוקט אין 5,000 עקזעמפּ־לארן, שוין לאַנג אויספארקויפט), האָט יעקב לעשטשינסקי אין זיין רעצענזיע („די אידישע פובליציסטיק אין אוקראַינע און רוסלאנד“, „די ביכער וועלט“, ערשטער יאַרגאַנג, נומער 2, מערץ־אפּריל, 1922,

די ערשטע צייט האָט עס פאַרכאַפּט נאָר געציילטע לומדישע געשליפענע קעפּ. פון בערלין איז עס געקומען, פון דייטשלאַנד. דאָרטן איז שוין צו יענער צייט אויפגעקומען דער איד — דער נייער סוחר, דער איד — דער נייער פינאַנסיסט, דער איד — דער פאָרלויפער פון דער מאָדערנער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג, וועמען דייטשלאַנד האָט אין אַ גרויסער מאָס צו פאַרדאַנקען די אויפבויאונג פון איר האַנדל און אינדוסטריע; דער איד, וואָס האָט דעמאָלט געמוזט זיין און איז געווען צוזאַמענגובנדן מיט דעם נייעם יונגען דייטשלאַנד. צוזאַמען מיט דעם נייעם מסחר איז געקומען די נייע בילדונג — איינס האָט אָן דאָס אַנדערע ניט געקאָנט אויסקומען. צוזאַמען מיט'ן אידישן באַנקיר, מיט'ן אידישן נייעם קאָמערסאַנט, האָט געמוזט קומען און איז געקומען דער אידישער אינטעליגענט, דער דאָקטאָר, דער פילאָזאָף, דער זשורנאַליסט, דער דיכטער, דער פּאָליטיקער — דער אידישער אינטעליגענט, וועלכער האָט געהאָלפן שאַפן אַ נייע גייסטיגע דייטשלאַנד, פונקט ווי זיינע קרובים, די אידישע קאָמערסאַנטן און באַנקירן האָבן געהאָלפן באַשאַפן אַ נייע עקאָנאָמישע דייטשלאַנד.

ווארשע) צווישן אַנדערען אַזוי געשריבען:

„די דאָזיגע אייבטיילונג האָט נישט אונטער זיך נישט קיין סאָציאָלאָגישן און נישט קיין היסטאָרישן באָדן. קאַזיאָנע לערער און ראַבינער, אַפילו צוזאַמען מיט אַקציזניקעס און פּאָדריאַטשיקעס, זיינען ניט קיין סאָציאַלע גרופּן, וואָס שאַפן גאַנצע קולטורעלע שטרעמונגען". און ווייטער: „נעמען אַ פאַלשע, צופעליגע פאַרב אָדער אַ פאַלשן, צופעליגן טאָן פאַר אַ סימן מובהק פון אַ געזעלשאַפטליכע שטרעמונג, הייסט אַראָפּגיין פון ברייטן סאָציאָלאָגישן וועג און פאַרקריכן אין אַ שמאָל געסעלע פון צופעליגע פאַקטן" (ז. ז. 138-139).

איך פאַרשטיי ניט גוט, וואָס י. לעשטשינסקי וויל פון מיר. אַקציזניקעס, קאַזיאָנע לערער און ראַבינער — דאָס איז געווען דער פורעם, אין וועלכן עס האָט זיך אין יענער צייט אַריינגעגאָסן די נייע קלייןבירגערליכע פּראָפעסיאָנעלע אינטעליגענץ, וועלכע איז פון איין זייט געווען פאַרבונדן מיט די פאָלקס־מאַסן און האָט געהאַט אויף זיי אַ געוויסע ווירקונג; פון דער אַנדער זייט איז די זעלביגע פּראָפעסיאָנעלע אינטעליגענץ געווען פאַרבונדן מיט זייערע ברויט־

דאָס לעבן פון די מזרח־אידן איז נאָך דעמאָלט געבליבן ביים אַלטן; אַרענדאַרעס, קרעטשמער — אידן, וואָס האָבן געלעבט פון פויער און זיינען געווען אונטערטעניג דעם פריץ — לופט־מענשן, קליינע באַלמעלאָכעס. וואָס אין בערלין איז געווען לעבן, איז אין ווילנע געווען נאָר אַ גייסט. און אָט דער גייסט פון בערלין איז אין ווילנע געווען אַזוי פרעמד, ער האָט אַזוי ניט געשטימט מיט דער גאַנצער עקאָנאָמישער סביבה, ער האָט געהאַט צו ברעכן אַזויפיל ראָגאַטקעס אינווייניג אין דער נשמה ביים אידן, געדאַרפט אַזוי פיל פענטעס רייסן, אַז ער האָט געקאָנט געפינען אָן אָרט נאָר ביי מענשן, וואָס זיינען געוואוינט זיך צו גריבלען, צו אַרבעטן שטאַרק מיט'ן מח. ניט געווען נאָך קיין לייכטע מאָדערנע וועלטלאַכע ליטעראַטור. כדי צו ווערן א משכיל, האָט מען געדאַרפט זיך ברעכן דעם קאָפ איבער האַרבע חקירה־און מליצה־ספרים — אַ שווער שטיקל אַרבעט.

אַזאַ איינער איז פון ש"ס און פוסקים אַריבער צו דער אידיש־רעליגיעזער פילאָזאָפיע פון מיטל־אַלטער, צום רמבם'ס מורה נבוכים און עטלאַכע ספרים, וואָס זייער ראַציאָנאַליזם

געבער פון דער העכערער אידישער בורזשואַזיע אין דער רוסישער ביוראָקראַטיע און זי איז פון זיי ביידן שטאַרק באַווירקט געוואָרן. די אידישע פאָדראַטשיקעס — דאָס זיינען אין יענער צייט געווען די שפיצן פון דער דעמאָלט מאָדערנער אידישער גרויס־בורזשואַזיע און פון דער מיטעלער בורזשואַזיע, וואָס האָט ערשט אָנגעהויבן איר וועג בארג אַרויף. די דאָזיגע גרופע איז געשטאַנען נאָך נעענטער צו דער רוסישער ביוראָקראַטיע און צום אַלגעמיינעם עקאָנאָמישן לעבן פון לאַנד, איידער די קליין בירגערלאכע פראָפעסיאָנעלע אינטעליגענץ, און זי האָט נאָך שטאַרקער פאַר איר געשטרעבט צו רוסיפיקאַציע. פון ווען אָן האָט דאָס די קליינבירגערלאכע פראָפעסיאָנעלע אינטעליגענץ אויפגעהערט צו זיין אַ סאָציאַלע גרופע? אָדער אפשר איז די גרויס־בורזשואזיע ניט קיין סאָציאַלע קאַטעגאָריע? איך האָב קאָנקרעטיזירט די דאָזיע סאָציאַלע גרופן לויט די סימנים פון זייער צייט; איך האָב זיי צוגעגעבן די פאַרב פון זייער היסטאָרישער סביבה, די געזיכטס־שטריכן, מיט וועלכע זיי ווערן באַצייכנט אין דער משכילישער ליטעראַטור, צווישן אַנדערע אויך ביי לינעצקי'ן. בין איך מיט דעם אַראָפגעקראָכן פון ברייטן סאָציאָלאָגישן וועג?—א. ל.

האָט לייכטער געמאַכט דעם איבערגאַנג צו די אידייען פון דער נייער השכלה, ער איז אַריבער צו די נייע חקירה און מליצה־ספרים פון מענדעלסאָן און זיינע תלמידים. זיך אָפּגעקערט פון תלמוד, פון פּלפּול. פון קבלה האָט ער זיך פאַרטיפט אין תנ״ך, וואו ער האָט געמיינט צו געפינען גאָט׳ס וואָרט אין זיין גאַנצער ריינקייט. מענדעלסאָן מיט זיינע נאָענטע תלמידים האָבן איבערגעזעצט דעם תנ״ך אויף דייטש. איז אָט די איבערזעצונג, אָפּגעדרוקט מיט אידישע אותיות, געוואָרן פאַר די אַלטע משכילים אַ שול צו לערנען די דייטשע שפּראַך. גוט האָט מען די דייטשע שפּראַך ניט געקענט; מ׳האָט זי מער געפילט, ווי פאַרשטאַנען; דאָך האָט עס געגעבן אַ מעגלאַכקייט ווי עס איז דורכצולייענען אַ דייטשען ביכל. אַלץ, וואָס אַזאַ משכל האָט געקענט, האָט ער זיך אויסגעלערנט אַליין, אָן אַ לערער, ניט סיסטעמאַטיש, ער איז געווען דאָס, וואָס מ׳רופט אווטאָדידאַקט — אַ זעלבסטלערנער.

די ערשטע משכילים זיינען געווען באַהאַלטענע. פאַר דער וועלט האָבן זיי זיך געפירט ווי אַנדערע אידן פון זייער גלייכן. צערייסן אָפּן מיט אַלץ און מיט אַלעמען, זיך אַרויסווייזן איז געווען געפערלאַך. די אַלטע אידישקייט האָט נאָך דעמאָלט געהאַט גענוג כח זיך אָפּצורעכענען מיט אַן אפּיקורס, און ווי איז געווען צו דעם, וועמען מ׳האָט געכאַפּט „אַראָפּגיין פון וועג״; מ׳האָט אים רודף געווען עד חרמה, פאַר קיין זאַך זיך ניט אָפּגעשטעלט. חוץ דעם איז נאָך ביים משכיל גופא שטאַרק געווען דער כח פון געוואוינהייט. די אַלטע טראַדיציע האָט נאָך געהאַט אַ גרויסע שליטה איבער אים. אין געדאַנקען האָט ער זי געבראָכן, אין לעבן האָט זי אים געהאַלטן געבונדן. אין האַנדל, אין פּרנסה האָבן זיך די ערשטע משכילים דאָס רוב געפירט אויף׳ן זעלבינן שטייגער, ווי די טאַטעס זייערע. זיי האָבן דאָך פאַרזוכט דעם טעם פון השכלה, בעת זיי זיינען שוין געווען דערוואַקסענע, אָפט טאַטעס פון קינדער, און זעלטן וועד פון זיי עס האָט געקאָנט אוועקוואַרפן אַלץ מיט אַנאַנדער און פאָרן שטודירן אָדער גאָר זיך לערנען אַ מלאכה.

די ערשטע משכילים זיינען געווען אָפּגעריסן פון פאָלק, אָפּ־

גערים פון לעבן. זיי האָבן געלייענט און געשריבן העברייאיש; דאָס פאָלק האָט פארשטאַנען נאָר אידיש. די אינטעליגענץ פון לאַנד האָט געצויגן גייסטיגע שפייז פון דער רוסישער ליטעראַטור; די משכילים האָבן געלייענט דייטש; און דאָס אויך ניט די דייטשע ליטעראַטור פון זייער אייגענעם דור, נאָר יענע דייטשע שרייבער, וואָס האָבן געלעבט אין דער צייט פון מענדעלסאָן און זיינע תלמידים. זיי זיינען געווען טרוימעריש, סענטימענטאַל, האָבן געזונגען לידער לכבוד דער השכלה, דער „טאָכטער פון הימל”. זייערע אידעאַלן זיינען געווען נישט קלאָר, זייערע האָפענונגען צעשוואומען. אין וואָס זיי זיינען געווען זיכער, איז — אַז דער פרייער גייסט מוז פון זיך אראָפּוואַרפן די קייטן פון טראַדיציע; דער שכל וועט ראַטעווען די וועלט; די אויפקלערונג וועט מאַכן אַ סוף צום אידישן דלות, צו אַלע אידישע צרות; אידן דאַרפן וואָס גיכער אָננעמען די שפראַך פון לאַנד און די קולטור פון לאַנד, אַרויס פון בית המדרש און ווערן אויפגעקלערטע וועלט־מענשן. אין מענדעלסאָנ׳ס עפּאָכע און נאָך אַ צייט שפּעטער, האָבן די דענקער פון אייראָפּע בכלל געהאַלטן דעם שכל פאַר דעם אַלמעכטיגן שעפער און הערשער פון דער געשיכטע. פאַרשטיין האָט געהייסן קאָנען. דער אויפגעקלערטער שכל, האָט מען געמיינט, קאָן אַלץ דערגרייכן, אַלץ צעברעכן, אַלץ איבערבויען. מ׳האָט ניט געלייגט קיין וואָג ניט אויף די אויסערלאַכע אומשטענדן, ניט אויף די געפילן און אודאי ניט אויף דעם, וואָס הינטערן באַוואוסטזיין אין דעם מענשן אינווייניג. די אָביקעטיווע באַדינגונגען זיינען גאָר ניט, דער אויפגעקלערטער שכל — אַלץ.

ווייל די ערשטע משכילים זיינען געווען באַהאַלטענע און האָבן געקוקט אויף זיך, ווי אויף אויסדערוויילטע, וואָס ווייסן אַ סוד, ווי אויף טרעגער פון אַ נייעם וואָרט, וואָס איז זיי אַליין אָנגעקומען מיט שווערן אינעווייניגסטן קאַמף, ווייל זיי אַליין האָבן נאָך פון דער השכלה קיין תכלית ניט געמאַכט, זיינען זיי געווען שטאַרק אידעאַליסטיש און האָבן געקלעפּט איינער צום אנדערן.

די העברעאישע שפּראַך האָט פאַר זיי געהאַט אַ באַזונדערע

באַדייטונג. זי איז געווען די שפּראַך פון תנ"ך, וועלכע איז זיי געוואָרן באַזונדערס טייער, נאָכדעם ווי זיי האָבן זיך אָפּגעקערט פון תלמוד און קבלה; די שפּראַך אין וועלכער זיי האָבן באַקו־מען דעם גרעסטן טייל פון זייער השכלה. די אַלטע לומדים האָבן געשריבן, האַלב־העברעאיש, האַלב אַראַמייאיש — גמרא לשון. די משכילים האָבן זיך געמיט צו שרייבן ריין־העברייאיש — תנ"ך לשון. די אמונה איז ביי זיי שוואַך געוואָרן; די קול־טור האָבן אידן געזאָלט אָננעמען די אַלמענשליכע אין דער שפּראַך פונ'ם לאַנד, וואו זיי וואוינען. דאָס הארץ איז נאָך אָבער ביי זיי געווען דורכאויס אַ אידישע; האָט דאָס געפיל פון אידישקייט געזוכט אַ געגנשטאַנד, אויף וואָס זיך אויסצו־גיסן, איז געבליבן דער תנ"ך; געבליבן די העברייאישע שפּראַך, וועלכע איז געוואָרן אַליין פאַר זיך אַ ציל, אַ זעלבסט־צוועק. קיין גרויסן אינהאַלט האָט מען ניט געהאַט אין דער שפּראַך אריינצולייגן. האָט מען געפלאָכטן מליצות, זיך געשפּילט מיט פסוקים, ווי די טאַטעס מיט שטיקלאַך גמרא; האָט מען גע־צאַצקעט און געצערטלט, באַזונגען און געהויבן „די הייליגע שפּראַך. די איינציגע, וואָס איז אונז פאַרבליבן". די ערשטע משכילים זיינען געווען בטלנים, נאָר פון אַ נייעם שניט, בטלנים וועלכע האָבן אָנגעהויבן אונטערגראָבן דעם גייסטיגן פונדאַמענט פון דער אַלטער בטלנות. דאָס איז אייגנטלאַך געווען ניט די השכלה אַליין, נאָר אַ פאָרשפּיל צו איר.

די צייט איז געגאַנגען. משכילים זיינען געוואָרן מערער. זייער ליטעראַטור איז געוואַקסן. זיי האָבן זיך שוין ניט גע־קאָנט איינגאַנצן אויסבאַהאַלטן. יעדער משכיל האָט געזוכט צו „שפּרייטן ליכט", צו שאַפן תלמידים — ווי אין יעדער באַוועגונג, און דאַך, ווען די השכלה וואָלט געבליבן נאָר אַ ווינקל פון בערלין, ווען אין רוסלאַנד גופא וואָלטן דערוויילע ניט אויסגע־וואַקסן קיין נייע קרעפטן, וואָס האָבן פאַר איר באַשאַפן אַ באָדן אין לעבן און געגעבן דעם נייעם גייסט אַ נייעם קערפּער, וואָלט די גאַנצע זאַך מיט דער צייט פאַרשטיקט געוואָרן און פון די בערלינער זוימען וואָלטן אויסגעוואַקסן נאָר עטלאַכע מליצה־

און חקירה־ביכלאך און א געוויסע צאָל פאַר׳חלום׳טע בטלנים, ניט מער.

אָט די נייע קרעפטן, אָט דער נייער באָדן האָבן זיך אַרויס־געוויזן בולט און קלאָר אין דעם צווייטן פעריאָד פון דער השכלה־עפּאָכע.

3

סוף אַכצענטן יאָרהונדערט זיינען די געגנטן קרוין־פּוילן, ליטע און רייסן אַריבער צו רוסלאַנד. און צוזאַמען מיט די דאָ־זיגע געגנטן זיינען אַריבער אויך די פּוילישע, ליטווישע און רוסישע אידן. אין די לעצטע דורות פון פּוילנ׳ס זעלבסטשטענ־דיגקייט האָט אין די דאָזיגע געגנטן געהערשט אַ פולשטענדיגע אַנאַרכיע. דאָס איז געווען אַ צייט פון אויסערלאַכע מלחמות און אינערלאַכע בונטן און מהומות. דער האַנדל האָט זיך ניט געקאָנט אַנטוויקלען; די עקאָנאָמישע לאַגע איז געגאַנגען באַרג אַראָפּ. און מיט אַמאָל האָט זיך פאַר די פּוילישע, ליטווישע און רייסישע אידן געעפנט אַ ברייט ניט באַאַרבעט פעלד — דאָס גרויסע רוסלאַנד. פאַר דעם האָט מען אידן אַהין ניט אַריינגעלאָזן; ווען מיט איין דור פריער האָבן איינציגע רו־סישע פּאָליטיקער פאָרגעלייגט דער צאַרינע יעליזאַוועטע, פעטער דעם גרויסנ׳ס טאָכטער, זי זאָל אַריינלאָזן אין לאַנד עטלאַכע אידישע סוחרים, וואָס וועלן אַנטוויקלען דעם האַנדל און ברענגען דער מלוכה גרויס פּראָפיט, האָט זי קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט: „פון די, וואָס האָבן גע׳הרג׳עט מיין גאָט, וויל איך קיין פּראָפיט ניט.” איצט זיינען אידן מיט אַמאָל געוואָרן רוסישע אונטערטאַנער. האָבן באַלד אידישע סוחרים פון די ניי־איינגענומענע פּראָווינצן אָנגעהויבן קומען קיין מאָסקווע און פאַרפירן אַ האַנדל מיט די אינעווייניגסטע רוסישע גובערניעס. יעקאַטערינע די צווייטע, וועלכע איז דעמאָלט געווען צאַרינע אין רוסלאַנד, האָט געקוקט אויף דעם, ווי אויף אַ גאַנץ נאַטירלאַכע זאַך; רוסישע אונ־טערטאַנער האַנדלען פריי אין רוסלאַנד — ווי דען? אָבער די עכט־רוסישע סוחרים האָבן זיך דערשראָקן פאַר די נייע פּיאַיגע קאָנקורענטן. האָבן זיי געמאַכט אַ גוואַלד, אָפּגעשלאָגן די טירן

ביי די הויכע „קנעפלאך", און כדי עס זאָל גיין בעסער, האָבן זיי, ווי געוויינלאך, געשמירט; אזוי לאַנג, אזוי ברייט, ביז זיי האָבן זיך דערשלאָגן, מ'זאָל אידן פארצאמען אין א תחום, דאָס וואָס מ'רופט „טשערטא אָסיעדלאָסטי", אידן זאָלן ניט טאָרן פריי אויספאָרן פון די פראָווינצן, וואָס האָבן פריער געהערט צום אַלטן פוילן. די גרויסע מאַסע אידן איז טאַקע געבליבן פאַר־צאַמט. איינצלנע אידן, רייכערע, פלינקערע, האָבן זיך גע־געבן אַן עצה, געפונען אין געזעץ הינטער־טירן, פערטעלאך, שפּאַלטן. אידן זיינען דאָך פון אייביג אָן בריות אויף „געבן זיך אַן עצה".

די צארישע רעגירונג האָט שוין לאַנג געזוכט וועגן און מיטלען צו אַנטוויקלען אין רוסלאַנד האַנדל און אינדוסטרי. ניט צוליב דער טובה פון דער באַפעלקערונג, נאָר צוליב דער טובה פון דער מלוכה: מער האַנדל איז מער הכנסה פאַר דער קרוין, מער מעגלאַכקייט צו האַלטן א גרויסע אַרמיי, צו פאַרכאַפּן פרעמ־דע לענדער און האַלטן אין צוויק די באַפעלקערונג פון אייגענעם לאַנד. אידן האָבן פון אייביג אָן א נאָמען פאַר פּיאיגע סוחרים. האָט די צארישע רעגירונג פון יענער צייט, ווילנדיג־ניט־ווילנדיג, זיך געמוזט באַציען פריינדלאך צום אידישן האַנדל. אין זכרון פון פאָלק האָט זיך אָפּגעשטעלט אזא מין מעשה: אַלעקסאַנדער דער ערשטער איז בעת די נאַפּאָלעאָנישע מלחמות געווען אין דייטשלאַנד. צוגעקוקט זיך צו די דאָרטיגע אידן, זיינען זיי אים אזוי געפעלן געוואָרן, אַז ער האָט אַמאָל אויסגעשריען: „איך וועל טאָן אַלץ פאַר מיינע רוסישע אידן, אַבי פון זיי זאָל אַרויסקומען כאָטש איין מענדעלסאָן".

מעגלאַך, אַז אין דער דאָזיגער מעשה איז פאַראַנען א קערנדל אמת; מעגלאַך אַז אזא מין פראַזע האָט זיך אַמאָל אַרויס־כאַפּט ביי דעם דאָזיגן צאַר, ביי וועלכן א שיינע פראַזע און א שיינע פאָזע האָבן געהאַט גאָר א סך צו זאָגן. צי האָט אַלעק־סאַנדער דער ערשטער געהאַט א באַגריף וועגן דער אידיש־דייטשער אינטעליגענץ פון זיין צייט — דאָס איז שווער צו זאָגן. וועגן די גרויסע אידישע באַנקירן האָט ער שוין געוויס געהאַט א קלאָרן באַגריף. זיין רעגירונג האָט שוין דעמאָלט

געהאט מיט זיי פארהאנדלונגען. א מענדעלסאָן ווי א מענ־דעלסאָן — א רויטשילד האָט זיך דען נאר געווים געוואָלט האָבן אַן אייגענעם. אין רוסלאַנד זיינען אין יענער צייט אָנ־געפאָרן דאָקטוירים, פּראָפעסאָרן און אינזשענערן פון מערב־אייראָפּע; עס זיינען אויך אָנגעפאָרן פארשיידענע טעכניש־אויס־געבילדעטע באַלמעלאָכעס און סוחרים, סוחרים מער ווי אַלץ אידישע.

אין אדעס, אין דער נייער האפן־שטאָט ביים שווארצן ים, וועלכער איז געוואָרן א טויער פאַר דעם עקספּאָרט פון רוסלאַנד, זיינען אָנגעפאָרן אידישע סוחרים פון דייטשלאַנד און עסטרייך, מענשן, וועלכע האָבן זיך שוין לאַנג אָפּגעזעגנט מיט די פיר איילן פון תורה, כמעט גאַנצע דייטשן. איז אדעס געוואָרן א צענטער פון השכלה. יונגע לייט, וואָס דאָס אָרעמע און פרומע לעבן אין די אַלטע שטעט און שטעטלאך האָט זיי דערעסן, פלעגן אַנטלויפן פון דער היים קיין אדעס, אָטעמען מיטן נייעם לעבן, ווערן נייע מענשן. די אָנגעפאָרענע דייטשע און עסטרייכישע אידן האָבן געגרינדעט פאַר זייערע קינדער א דייטשע שול, פאַר זיך אליין א רעפאָרם טעמפּל, „די בראָדער שול", אויסגעשריבן פון דייטשלאַנד א פּריידיגער, אין א פאַר אַנדערע אידישע שטעט האָבן די משכילים אויך געפּרואווט נאָכטאָן אדעס און גרינדן פאַר זייערע קינדער א דייטשע שול.

דער נייער האנדל האָט ניט בלויז געבראַכט אידישע סוחרים פון אויסלאַנד; ער האָט צוגעצויגן אידן פון רוסלאַנד גופא. אידישע סוחרים פון מינסק און פון ווילנע, פון בארדיטשעוו און פון שקלאָוו, האָבן אָנגעהויבן פאָרן קיין פּעטערבורג און מאָסקווע האנדלען מיט ראַסיי; זיי האָבן גענומען שפּילן א גרויסע ראָלע אין וואלד־האנדל, אין תבואה־האנדל. א איד, וואָס האָט צו טאָן מיט ראַסיי און מוז צוליב געשעפט אמאָל אראָפּפאָרן קיין אויסלאַנד אויך, קיין לייפּציג, צי קיין קיניגסבערג, אזא איד האָט שוין געמוזט זיין אַנדערש, ווי די איבעריגע אידן פון זיין קהילה. ער האָט שוין געגאַשט אביסל פון דער נייער צייט, געוועזן „גע־כאַפּט אין דער מעשה", זיך געמוזט אביסל אַנדערש אָנטאָן, זיך צוגעקוקט צו די נייע פירונגען אין דער גרויסער וועלט, פארשטא־

נען דעם ווערט פון בילדונג. יהושע צייטלין, א גרויסער אי־דישער סוחר פון שקלאָוו, וואָס האָט געפירט גרויסע געשעפטן מיט פעטערבורג און מאָסקווע, איז געווען איינער פון די ערשטע משכילים. עס האָבן זיך באַוויזן אידישע פאַדריאַטשיקעס, וועמען די רעגירונג האָט איבערגעגעבן גרויסע באַשטעלונגען און זיי האָבן דעריבער געהאַט אַ שטיקל צוטריט צו די הויכע פענס־טער; אידישע „אָטקופּשטשיקעס", וועלכע האָבן גענומען ביי דער רעגירונג אין אַרענדע דעם מאָנאָפּאָל צו פאַרקויפן בראָנפן אין אַ גובערניע אָדער אין עטלאַכע גובערניעס; די באַוואוסטע באַראָנען גינצבורג האָבן געשעפט זייערע גרויסע קאַפּיטאַלן און זייער ראָלע אין דער השכלה פון בראָנפן־פאַס. דער אַלטער שאול גינזבורג איז געווען איינער פון די גרעסטע אָטקופּשטשי־קעס, און פון אים שטאַמט די עשירות און דער געקויפטער באַראָן־טיטול פון דער משפחה. עס האָבן זיך באַוויזן אידישע אקציזניקעס, אָנגעשטעלטע ביי אידישע אָטקופּשטשיקעס, — אַלץ מענשן, וואָס האָבן געהאַט צו טאָן מיט נאַטשאַלסטוואָ און האָבן געמוזט מער אָדער ווייניגער קענען רוסיש. עס איז גע־וואָרן אַ נויט אין בילדונג, אין אידישער אינטעליגענץ, און אַלעקסאַנדער דער ערשטער האָט געעפנט פאַר אידן די טירן פון די גימנאַזיעס און אוניווערזיטעטן. עס האָבן זיך באַוויזן אי־דישע יונגע לייט — דערווייַלע בלויז געציילטע, געענדיגטע גימ־נאַזיסטן, באַלד אויך דער ערשטער איד, וואָס האָט געענדיגט אַ רוסישן אוניווערזיטעט — קינדער פון רייכע סוחרים, קינדער פון משכילים.

נאָך אַלעקסאַנדער דעם ערשטן איז דער אויבערהאַר איבער רוסלאַנד געוואָרן ניקאָלאַי דער ערשטער (ניקאָלאַי דער שמיי־סער, ווי גראַף לעאָ טאָלסטאָי האָט אים שפּעטער אַ נאָמען געגעבן), וועלכער איז געווען זיכער, אַז מיט זיין „בויט פאַ־סעמו" — אַזוי זאָל זיין! — קאָן ער איבערדרוקן אויף צוריק דעם ווייזער פון דער געשיכטע און האָט בכח איבערצובייטן דאָס לעבן פון פעלקער. ער האָט געפילט, אַז אידן, שטאָט־לייט פון אייביג אָן, קאָנען שטאַרק צוניץ קומען דעם האַנדל פון רוסלאַנד; ער האָט אין אידן אויך דערזען לייט, וואָס ער קאָן קנעטן ווי

זיין צארישן אלמאכטיגן ווילן, האָט ער זיך גענומען צו אידן אויפ'ן זעלביגן שטייגער, ווי זיין עלטער־עלטער זיידע פעטער דער גרויסער צו די רוסן. יענער האָט געוואָלט מאכן די רוסן מיט גוואלד און מיט איין קלאפ פאר אייראָפּייער. ניקאָלאַי האָט גע־וואָלט מאכן די אידן מיט גוואלד פאר רוסן, אויב עס וועט זיך לאָזן, אפילו פאר קריטן. און ער האָט אָנגענומען זיינע מיטלען — די קאנטאָניסטן און די פּאָימעניקעס פון איין זייט, די „שקאָלעס" און די קאזיאָנע רבנים — פון דער אנדער זייט. צוגענומען קליינע קינדער אין קאזארמע אריין און דאָרטן זיי אָנגעטאָן כל'ערליי יסורים און געברענטע ליידן, כדי זיי זאָלן זיין געצוואונגען זיך צו שמד'ן; געכאפּט דערוואקסענע אידן אָן פּאספּאָרטן אין די גאסן און אָפּגעגעבן אויף 25 יאָר עסן „יאוואָנישע קאשע"; געצוואונגען אידן אָפּצושערן די פאות, אויסטאָן זייערע אלטפרענקישע קליידער; געצוואונגען יעדע קהילה צו שיקן א געוויסע צאָל קינדער אין די קאזיאָנע שקאָ־לעס, ארויפגעלייגט אויף אידן א ספּעציעלן שטייער, ליכט־געלט, אויף אויסצוהאלטן די דאָזיגע שקאָלעס; אפילו רבנים האָט ני־קאָלאַי געוואָלט געבן פון זיין אייגענעם שניט — קאזיאָנע רבנים. דאָס פאָלק האָט געזיפצט אונטער'ן יאָך פון די גזירות; אָבער פאר די משכילים, איבערהויפּט פאר די „געענדיגטע", זיינען באשאפן געוואָרן שטעלעס, א קוואל פון פרנסה און איינפלוס.

דער לערער און דער קאזיאָנער רב, די אידישע דאָקטוי־רים און אפּטייקארעס, זיינען געוואָרן קולטור־טרעגער; אידי־שע פּאָדריאטשיקעס און אָטקופּשטשיקעס זיינען געוואָרן שיצער פון השכלה, מעצענאטן, וועלכע האָבן געשטיצט אידישע מחברים און יונגע משכילים־אָנהויבער, געהאָלפן ארויסגעבן אידישע ביכלאך. און, ווי קאָמיש דאָס זאָל איצט ניט אויסקומען — אפילו אידישע אקציזניקעס זיינען דעמאָלט געווען טרעגער פון השכלה. דער אקציזניק האָט געהאט רוסישע ביכער, ער האָט זיך אָנגעטאָן מעשה־פריץ. פאר אן אקציזניק האָט מען לכתחילה גענומען א מענשן, וואָס האָט זיך געקענט צונויפריידן מיט „נאטשאלסטוואָ", מאכן א חשבון, אָנשרייבן א רוסישן „פּאַ־פּיר". אזעלכן האָט מען דעמאָלט געקאָנט געפינען נאָר צווישן

די משכילים. איז נאַטירלאַך, אַז אַזאַ איינער האָט געזוכט צו „פאַרשפּרייטן ליכט", צו שאַפן אַרום זיך אַן אייגענע סביבה. און אַזוי ווי ער איז געווען אין שטאָט אַ שטיקל תקיף, אַ נאָענטער צום גביר, אַ ממונה איבער אַ וויכטיגן קוואַל פון פרנסה, אויפגעטראָגן מיט די „מעשענע קנעפלאַך", האָט מען פאַר אים געהאַט מורא און דרך ארץ און מ׳האָט זיך מיט אים געמוזט רעכענען. פלעגן יונגע משכילים שטילערהייט קומען צו אים אין שטוב אַריין נעמען אַ בוך, זיך דורכריידן; און ער פלעגט זיי באַשיצן פון רדיפות, העלפן יונגע לייט אַנטלויפן קיין אדעס אָדער קיין ווילנע. אויף דעם יונגן לינעצקי האָט אויך געהאַט אַ גרויסן איינפלוס דער אַקציזניק פון זיין שטעטל.

אָבער דיווירטשאַפטלאַכע באַנייאונג, וואָס איז געוואָרן אַ קוואַל פון מזל ברכה פאַר דער אידישער בורזשואַזיע און פאַר דער נייער משכילישער אינטעליגענץ האָט, מיט גאָר קליינע אויסנאַמען, כמעט ניט אָנגערירט די ברייטע אידישע מאַסן. דער האַנדל מיט ראַסיי האָט אויף די ערטער קיין נייע פרנסות ניט באַשאַפן, קיין אינדוסטריע ניט אַרויסגערופן. (אויסער אַזעלכע שטעט ווי אדעס, מיט אַ גרויסן האַפן, וואו מ׳האָט געדאַרפט אויסלאָדן און אָנלאָדן שיפן. די באַפעלקערונג איז גיך געוואַקסן און עס איז געוואָרן אַ גרעסערע נאָכפראַגע אויף מעלאָכע, אינערלאַכן האַנדל און דינערשאַפט.) די פאַנשטשיזנע איז נאָך אין רוסלאַנד דעמאָלט ניט אָפּגעשאַפט געוואָרן. דער פויער האָט ניט געהאַט פאַרוואָס צו קויפן און דער פריץ האָט ניט געדאַרפט קויפן קיין פּראָדוקטן פון מעלאָכע, ווייל ער האָט געהאַט אייגענע באַלמעלאָכעס צווישן זיינע פויערים. די לאַגע פון די אידישע מאַסן אין תחום איז געוואָרן נאָך שווערער צוליב די גרויסע שטייערן, וואָס די צאַרישע רעגירונג האָט אויף זיי אַרויפגעלייגט, גרעסערע ווי אויף די ניט־אידישע מאַסן. שפּעטער איז צוגעקומען די גזירה פון רעקרוטן, וועלכע מ׳האָט פון אידן אויך גענומען פּראָפּאָרציאָנעל מער און ביי שווערערע באַדינגונ־גען, ווי פון ניט־אידן. חוץ דעם איז איצטער דער צוטריט צום דאָרף און דאָס אויפהאַלטן זיך דאָרטן פאַר אידן געוואָרן באַגרע־ניצט, שווערער ווי אין דער צייט פון דער פוילישער מלוכה.

ווי אויסערגעוויינלאך דער מצב פון די אידישע מאסן איז דעמאלט געווען, קאן מען זען פון פאלגנדע פאקטן:*)

די אידן פון די מערב־גובערניעס זיינען אין יענער צייט געווען אזוי ארים, אז זיי האבן ניט געקאנט אויסצאלן די שטייערן צו דער מלוכה, און די סומע ניט דערצאלטע שטייערן — נעדאאימקעס — איז געוואקסן פון יאר צו יאר. געווים האבן די קהלם־לייט, וועלכע האבן גערארפט אויפמאנען ביי אידן די מלוכה־שטייערן, א טייל פונ'ם געזאמלטן געלט אראפגעלאזן אין קעשענע. אבער דאס רוב רוסישע אדמיניסטראטארן, וועלכע האבן גוט געוואוסט וועגן די מאכינאציעס פון די קהלם־לייט, זאגן דאך עדות, אז די שטייערן זיינען פאר דער אידישער באפעלקערונג צו שווער, איבער די כחות. אין 1821 האט דער פינאנץ־מיניסטער געשריבן אין זיין ראפארט: אלע מיטלען וואס ווערן אנגענומען, כדי צו מאכן דאס אידישע פאלק עקאנאמיש געזונט, ברענגען ניט קיין רעזולטאטן. דאס רוב אידן ווערן בדלות, פארוואנדלען זיך אין אביונים און ארומשלעפער, וועלכע זיינען נישט אימשטאנד ניט אויסצוהאלטן זייערע פאמיליעס, ניט צו צאלן שטייערן, און די נעדאאימקעס וואקסן. . . קריסטן האבן אויך געהאט נעדאאימקעס, אבער ביי זיי איז געווען פון וואס אויפצומאנען. די ארימע אידן האבן ניט פארמאגט, ניט קיין ערד, ניט קיין הויז... אין 1823 האט דער גראדנער גובערנאטאר באקומען א ידיעה, אז אין די שטעטלאך אמדור, קריניק און וואליע איז ביי אידן די נויט אזוי גרויס, אז אידן זיינען געשטארבן פון הונגער. א מלוכה־באאמטער, וואס מ'האט געשיקט אויספארשן די זאך, האט באשטעטיגט, אז אין אמדור זיינען א סך אידן געשטארבן פון קראנקהייטן

*) די פאקטן וועגן דעם מצב פון די אידישע מאסן, ווי אויך וועגן דער פארשארפונג פון סאציאלן קאמף צווישן אידן אין יענער צייט, זיינען גענומען פון יולי געסען'ס ארטיקל:
Юлий Гессен — Социально-экономическая борьба среди евреев в России в 30-50-ых годах 19-го века (стр. 45-56). Еврейская Летопись. Сборник четвертый. Ленинград-Москва, 1926 г. Изд. "Радуга".

פון הונגער. אין קריניק איז אביסל בעסער, ווייל דארטן איז פאראנען א שטענדיגער דאקטאר, וועלכער גיט דער ארימער באַפעלקערונג אומזיסטע מעדיצין. דער גאנצער פארמעגן, וואס געהערט צו אידן אין שטעטל וואליע, שוין אריינגערעכנט די הייזער, וואלט ניט געקאנט דעקן אפילו א פערט־חלק פון די נעדאאימקעס, וואס קומט פון זיי. אין 1837 האט דער מאהלעווער גובערנאטאר געשריבן: צוליב גערעכטיגקייט מוז מען באַמערקן, אז אויף אידן ליגט א משא פון שטייערן, וואס איז צו שווער פאר זייער מעגלאכקייט. בעת די קאזיאנע פויערים, וועלכע האבן זייער אייגנם א הייזל, א שטיקל פעלד, א שייער, צאלן אין מאהלעווער גובערניע אין גאנצן צוויי רובל מיט צוויי קאַפיקעס א יאר, מוזן די אידן צאלן ניין רובל מיט זיבן קאפיקעס פון א קאפ; אזעלכע גרויסע שטייערן דריקן א וויכטיגן טייל פון דער באפעלקערונג און ברייגנען ווייניג אריין דער מלוכה. ווייל דער גרעסטער טייל פון אט די שטייערן בלייבט ניט באַצאלט. דער גובערנאטאר האט רעקאמענדירט, מ'זאל אידן אין פרט פון שטייערן אויסגלייכן מיט די קאזיאנע פויערים, און שפעטער, ווען זייער לאגע וועט ווערן בעסער, וועט מען קאַנען העכערן די שטייערן. אבער אין פעטערבורג האט מען די דאזיגע רעקאמענדאציע אפגעווארפן.

אויף אזא אופן האט די צארישע רעגירונג געדארפט זארגן צו פארבעסערן די לאגע פון אירע אידן, כדי זיי זאלן קאנען צאלן שטייערן. דאס איז געווען א וויכטיגע סיבה, וואס האט געטריבן ניקאלאי דעם ערשטן צו שאפן אידישע קאלאניעס און בכלל צו „רעפארמירן" דעם אידישן לעבן, „געזונט צו מאכן" זייער עקאנאמישע לאגע. אבער די צארישע רעגירונג האט ניט געוואלט געבן אידן מערער רעכט און אראפנעמען פון זיי די איבעריגע לאסטן און די באגרעניצונגען. זי האט מערער געקלערט וועגן נייע גזירות און שטראפן, וואס זאלן צווינגען אידן צו ווערן בעסערע שטייערן־צאלער. עס זיינען געווען פלענער מ'זאל ביי אידן נעמען איבעריגע רעקרוטן פאר די ניט־באצאלטע נעדאאימקעס. איייניגע האבן פארגעלייגט, אז די רעקרוטן זאלן זיין בלויז א שטראף פאר ניט באצאלן, אבער אראפרעכענען

פאר זיי א געוויסע סומע פון די נעדאַאימקעס זאָל מען ניט. אַנ־דערע ווידער האָבן פאַרגעלייגט, אז פאר יעדן דערוואַקסענעם רעק־רוט זאָל מען אראָפּנעמען פון די נעדאַאימקעס טויזנט רובל, און פאר יעדן מינדעריאָריגן, 500 רובל. אין 1825 האָט דער פי־נאַנץ־מיניסטער פאָרגעלייגט, אז פאר נעדאַאימקעס זאָל מען נעמען אידישע אינגלאך פון 13-15 יאָר, א העלפט אָפּגעבן פאר סאָלדאַטן, די אַנדערע העלפט פאר ארבעטער אין פאַבריקן. געווען מאָמענטן אין ניקאָלאַי'ס צייט, ווען די דאָזיגע פלענער זיינען אין דער אָדער יענער פאָרמע אויסגעפירט געוואָרן אויך. די דאָזיגע פלענער זיינען אפילו געפעלן געוואָרן די אידישע רעדלפירער. פירער פון אידישע קהילות האָבן זיך אָנגעהויבן משתדל צו זיין, מ'זאָל נעמען ביי אידן רעקרוטן פאר נעדאַ־אימקעס. אין 1836 האָט דער גענעראַל־גובערנאַטאָר פון ווילנער, גראָדנער, מינסקער און ביאַלאָסטאָקער גובערניע פאָרגעלייגט אזא פלאַן דער צארישער רעגירונג און ווי ער שרייבט, האָבן אידן אַליין אים וועגן דעם געבעטן.

די נעדאַאימקעס מיט דער גזירה פון רעקרוטן האָבן פאַר־שאַרפט דעם אינערלאַכן סאָציאַלן קאַמף צווישן אידן. דאָס קהל־שטיבל, וואו די יחסנים זיינען געווען די קלענערע און גרעסערע אידישע באַלעבאַטים, האָט ארויפגעלייגט אויף די באַלמעלאָכעס א צו־גרויסן טייל פון די שטייערן, און האָט ביי זיי גענומען מערער רעקרוטן, ווי פון זיי האָט געקומט. האָבן זיך די באַ־לעמעלאָכעס געבונטעוועט און האָבן געזוכט צו גרינדן באַזונ־דערע אַלגעמיין־באַלמעלאָכישע אָרגאַניזאַציעס — רעמעסליענע אופראַוועס — און זיי האָבן געפּאָדערט ביי דער אדמיניסטראַ־ציע, אז בנוגע צו שטייערן און רעקרוטן, זאָלן זיי אויסגעטיילט ווערן פון דער אידישער קהילה „כדי צו באַפרייען זיך פון דעם יאָך, וואָס דער אידישער קהל לייגט אויף אונז ארויף. לויט דער אַלטער אידישער געוואוינהייט, באַציען זיך די אידישע קהלס־לייט צו די באַלעמעלאָכעס מיט גרינגשעצונג און נעמען ביי אונז מער שטייערן און רעקרוטן, וויפיל פון אונז קומט. ווען מ'זאָל פון די באַלעמעלאָכעס אויסבילדן א באַזונדערע געזעל־שאַפט, וואָלטן זיי אַלע זייערע פליכטן צו דער מלוכה אויסגע־

פילט אין דער רעכטער צייט אָן קיין שטערונג און זיי וואָלטן ניט געווען אזוי באַלעסטיגט". אזוי האָט אַ גרופּע באַלעמעלאָכעס געשריבן צו דער אַדמיניסטראַציע. ערטערווייז האָבן די באַלעמע־לאָכעס געפאָדערט, אַז צווישן די ראַטמענער, וואָס ליגן פאַנאַנ־דער די שטייערן און די רעקרוטן, זאָל זיין איין פאָרשטייער פון די באַלעמעלאָכעס, כדי די רעקרוטסקע סטאַראָסטעס זאָלן ניט קאָנען מאַכן אַזוי, אַז די באַלעמעלאָכעס זאָלן געבן מער רעק־רוטן, ווי די באַלעבאַטישע אידן.

צוליב דעם יאָך פון די נעדאָאימקעס און רעקרוטן איז אַרויסגעקומען אַ שאַרפער קאַמף צווישן די רייכערע אידן מיט קהל, מיט די אַזוי־גערופענע שטאַטישע מיעשטשאַנעס. אין דער מיעסטשאַנסקער געזעלשאַפט איז יעדער איינער געווען פאַר־אַנטוואָרטליך פאַר די שטייערן און נעדאָאימקעס, וואָס אַלע האָבן געדאַרפט צאָלן. אַ סוחר איז פון דער דאָזיגער געגנזיי־טיגער פאַראַנטוואָרטלאַכקייט געווען פטור, ער האָט אויך אויף זיך ניט געטראָגן דעם יאָך פון רעקרוטן. דעריבער האָט יעדער איד, וואָס איז געוואָרן רייכער, געזוכט אַרויסצוגיין פון דער מיעסטשאַנסקער אָבשטשעסטווא און זיך פאַרשריבן פאַר אַ סוחר. דאָס האָט געמאַכט די קהילות קלענער און אָרעמער און זיי איז געוואָרן נאָך שווערער איבערצוטראָגן די צאָל רעקרוטן און נעדאָאימקעס, וואָס פון זיי האָט געקומט. דעריבער האָבן די מיעשטשאַנעס ניט געוואָלט דערלאָזן, אַז די רייכערע אידן זאָלן זיך פאַרשרייבן פאַר סוחרים; און זיי האָבן געהאַט אַ מעגלאַכקייט דאָס ניט צו דערלאָזן, ווייל דער, וואָס האָט געוואָלט זיך אויסשרייבן פון מיעשטשאַנעס און פאַרשרייבן פאַר אַ סוחר, האָט געדאַרפט האָבן אַ צייגעניש, אַז פון אים קומט ניט קיין שטייערן און קיין רעקרוט. אַמאָל האָט די מיעשטשאַנסקע אָב־שטשעסטוואָ געגומען אויסקויף־געלט און אַמאָל האָט זי זיך איינ־געשפּאַרט: ניין און ניין! די וויטעבסקער מיעשטשאַנסקע אָב־שטשעסטוואָ האָט אָפיציעל ערקלערט, אַז אַלע אידישע מיעשטשאַ־נעס אָן אויסנאַם, שטייען אין דער ריי צו געבן רעקרוטן, און קיינער פון זיי טאָר פון דער מיעשטשאַנסקער אָבשטשעסטווע ניט אַרויס.

אין 1831 איז איינגעפירט געוואָרן א געזעץ, אז די אידישע סוחרים דאַרפן אין די שטעט, וואו זיי זיינען צוגעשריבן, געבן א חלק אין די שטייערן פון די מיעשטשאַנעס, אָבער אַזאַ חלק דאַרפן זיי געבן נאָר דעמאָלט, ווען די שטייערן, וואָס זיי צאָלן אַלס סוחרים, באַטרעפן ווייניגער, ווי די שטייערן וואָס זיי וואָלטן געדאַרפט צאָלן אַלס מיעשטשאַנעס, נאָר דעמאָלט דאַרפן זיי דעם אונטערשייד אַריינטראָגן אין דער אידישער מיעשטשאַנסקע אָב-שטשעסטווע. די אידישע סוחרים האָבן געזוכט זיך אַרויס-צודרייען פונ'ם דאָזיגן געזעץ, זיי האָבן זיך גע'משפט, געמיט ביי דער רעגירונג, מ'זאָל דעם דאָזיגן געזעץ אָפּשאַפן. די צאַ-רישע רעגירונג האָט שוין דעמאָלט געשעצט די אידישע סוחרים מערער, ווי די געוויינלאַכע ניט-פאַרמעגלאַכע אידן. האָט מען זיך צו זייערע פאָדערונגען צוגעהערט; אין 1856 איז דער אויבנדערמאָנטער געזעץ אָפּגעשאַפט געוואָרן און די סוחרים האָבן מערער ניט געדאַרפט אַנטייל נעמען אין צאָלן די שטייערן פון די מיעשטשאַנעס.

נאָך אין ניקאָלאַי דעם ערשטנס צייט איז ביי דער רע-גירונג געווען א פּלאַן, און די רייכערע אידן האָבן אים אונ-טערגעהאַלטן, אז אַלע אידן זאָלן צעטיילט ווערן אויף „נוצליכע" און „אומנוצליכע". צו די נוצלאַכע זאָלן צוגערעכנט ווערן סוחרים, באַלעמעלאָכעס און ד. גל.; צו די אומנוצלאַכע — אַלע איבעריגע אידן. די נוצלאַכע זאָלן אין פּרט פון רעקרוטן אויס-געגליכן ווערן מיט די ניט-אידן. דערפאַר זאָל מען פון די „ניט-נוצלאַכע" נעמען א גרעסערע צאָל רעקרוטן. און נאָך אין די ערשטע יאָרן פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטנס רעגירונג, אין 1856, האָט א גרופּע גרויסע אידישע סוחרים זיך געווענדעט צו אַלעקסאַנדער דעם צווייטן מיט אַזאַ מין בקשה:

אויב דער יונגער דור, וואָס איז ערצויגן אין גייסט און אונטער דער השגחה פון דער רעגירונג, אויב דער העכערער סוחרים-שטאַנד, וואָס האָט יאָרן-לאַנג אַנטוויקלט לעבן, טעטיג-קייט און רייכקייט אין לאַנד, אויב די געווינסנהאַפטע באַל-מעלאָכעס, וואָס פאַרדינען זייער ברויט מיט שוויים, וועלן אויס-געצייכנט ווערן פון דער רעגירונג מיט מער רעכט איידער יענע

אידן, וואָס האָבן נאָך מיט קיין זאַך ניט דערוויזן זייער באַזונדער ערליך־דענקען, נוצן און ליבע — וועט דאָס גאַנצע פאָלק זען, אַז די רעגירונג באַציט זיך מיט אַ פאַרדינטער גוטוויליגקייט צו די דאָזיגע אויסערוויילטע און וועט מיט פרייד זיך נעמען גיין אויפ'ן וועג, וואָס די רעגירונג ווייזט אָן. אונזער בקשה באַשטייט איצט אין דעם, אַז דער גנעדיגער מאָנאַרך זאָל וועגדן זיין אויג אויף אונז און אָפּטיילן דאָס ווייץ פון די מעקענע. און כדי צוצוגעבן חשק צו גוטס און לויבווערטע טעטיגקייט, זאָל ער זיין אַזוי גוט און געבן אייניגע פּריווילעגיעס (איבעריגנס נאָר מעסיגע) צו די ווערטפולסטע, צו די געבילדעטסטע.

פשוט גערעדט: מיר זיינען דאָס ווייץ, די מאַסן זיינען מעקינע. דעריבער מוז מען אונז געבן מערער רעכט און פרייהייט, ווי די איבעריגע טיילן פון פאָלק. און אַזוי האָט טאַקע די רעגירונג גערעכט איר אידן־פּאָליטיק ביז 1917. זי האָט ביסלאַכווייז געמאַכט לייכטער דעם לעבן פון די רייכע (פון די „ווערטפולסטע און געבילדעטסטע”), און פאַר די ברייטע מאַסן האָט זי נאָך ענגער געמאַכט דעם פּרעס פון רעכטלאָזיגקייט און דלות. און דערמיט האָבן זיי געמאַכט די קלאַסן־אונטערשיידן ביי אידן נאָך טיפער.

איך האָב זיך אָפּגעשטעלט לענגער אויף דער לאַגע פון די אידישע מאַסן אין דער ערשטער העלפט פון פאָריגן יאָרהונדערט, ווייל דאָס ערקלערט סאָציאָלאָגיש, פאַר וואָס די ברייטערע אידישע מאַסן זיינען אין יענער צייט געבליבן אָן אַ זייט פון דער השכלה־באַוועגונג, און זיי האָבן זיך צו איר אפילו באַצויגן פיינדלאַך. עקאָנאָמיש האָט זיי די השכלה דעמאָלט גאָר נישט געקאָנט געבן און זיי האָבן פון איר געאָרנישט געקאָנט דערוואַרטן. דאָס אַליין, וואָס ניקאָלאַי דער שמייסער האָט געשטיצט די השכלה, איז שוין ביי די אידישע מאַסן געווען דער שטאַרקסטער אַרגומענט געגען איר: די השכלה איז ביי זיי געווען אַ גזירה, ווי די קאַנטאָניסטן, ווי די כאַפּערס: דער צורר ניקאָלאַי איז מיט דער השכלה אויך אויסן נאָר צו טאָן אידן רשעות און אָפּצורייסן זיי פון דער אידישער אמונה... און דאָס

וואָס די השכלה האָט צוגעצויגן די יונגע זינדעלאַך פון די גבירים, מיט וועמען דער סאָציאַלער קאַמף איז אין יענער צייט פאַרשאַרפט געוואָרן, דאָס וואָס אידישע גרויסע סוחרים זיינען אַוועק אין ניקאָלאַי'ס אַפּיקורסישע וועגן, האָט אויך דער השכלה ניט צוגעגעבן קיין חן אין די אויגן פון די אידישע מאַסן.

די אידישע מאַסן האָבן זיך נאָך מערער צוגעקלעפּט צו די רבנים און כלי קודש, וועלכע האָבן געלייגט די תוכחה אויף דער השכלה און האָבן גע'רודפ'ט די משכילים. דערפון נעמען זיך די קולות פון די אידישע מאַסן אויף די גאַסן פון ווילנע און מינסק, בעת דר. ליליענטאַל איז אַהין געקומען איבערצו־צייגן די אידישע פּני, אַז די ממשלה ירום הודה זוכט די טובה פון אידן און די השכלה איז פאַר אידן אַ גליק — „זנאַט ניע זנאַעם! שקאָלעס ניע זשעלאַעם!" האָבן זיי געשריען אין אַ כאָר. כאַראַקטעריסטיש איז די מיינונג, וואָס פרומע אידישע קהלס־לייט האָבן אויסגעדריקט דעם דאָקטאָר ליליענטאַל אין מינסק: אויב די רעגירונג וויל באמת פאַרבעסערן די אידי־שע לאַגע, האָבן זיי געזאָגט, דאַרף זי אָנהויבן אירע חסדים פון אַן אַנדער זייט. זאָל זי אַפּריער געבן אידן מערער רעכט, דער־נאָך וועלן אידן אַליין אויסגעפינען, אַז זיי נויטיגן זיך אין בילדונג. בילדונג אַליין אָן ברייטערע רעכט קאָן די אידישע לאַגע ניט פאַרבעסערן, דאָס קאָן נאָר זיין אַ מיטל אָראָפּצופירן אידן פון גאָט'ס וועג...

און ווייל די משכילים האָבן געזען אין אייגענעם פאָלק שונאים, וועמען מ'מוז מיט גוואַלד איינגעבן דעם רעצעפּט פון השכלה, און אין דער צאַרישער רעגירונג האָבן זיי געפונען אַ שטיצע, ווייל זיי האָבן באַגעגנט הילף פון דרויסן און שטיי־נער פון אינעווייניג, זיינען זיי געוואָרן טרייע דינער פון דער רעגירונג, האָבן זיי געהאָפט, אַז אַל דאָס גוטס אויף אידן וועט קומען פון דער רעגירונג און נאָר פון איר. אידן דאַרפן נאָר פאָלגן, וואָס די ממשלה ירום הודה הייסט טאָן, זיי צו גוטן. די אידישע מאַסן האָבן זיך געבויגן אין דרייען אונטער ני־קאָלאַי'ס שווערע גזירות. אָבער פאַר די משכילים איז ניקאָלאַי געווען אַ מלך חסד, און זיי זיינען געווען זיכער, אַז אידן ליידן

דערפאַר, וואָס זיי זיינען נאָך דונקל־מענשן, ליגן אין דער פינס־טערניש, זיינען נאָך ניט גרייט אויפצונעמען קיין גלייכבאַרעכ־טיגונג. אַ פריער ליכט, דערנאָך רעכט. און עס האָט ניט איינמאָל געטראָפן, אַז משכילים, וועלכע זיינען געווען שטיק־לאָך תקיפים ביי נאַטשאַלסטוואָ, האָבן געקעמפט געגן די פרומע אידן מיט דעם זעלביגן מיטל, וואָס די פרומע האָבן אָפט אָנ־געווענדט געגן די משכילים. די מענשן פון ליכט האָבן גע־קעמפט, האָבן מלחמה געהאַלטן מיט די ווידערשפעניגער געגן ליכט (מורדי אור) מיט'ן געווער פון מסירה.

אין דעם צווייטן פעריאָד איז די השכלה שוין מער ניט גע־ווען העברייאיש־דייטש, ווי פריער. זי איז געוואָרן העברייאיש־רוסיש. רוסיש, די שפּראַך פון לאַנד, איז געווען נויטיג אין לעבן, אלס תכלית, אלס קוואַל פון חיונה. און אַזוי האָט אויך פאַרלאַנגט די צאַרישע רעגירונג, וועלכע האָט געשטרעבט צו מאַכן אידן פאַר רוסן. עס איז פאָרגעקומען אַ שטילער קאַמף צווישן די משכילים, וואָס זיינען אַראָפּגעקומען פון דייטשלאַנד, מיט די אייגענע משכילים, וואָס האָבן פאַרמאָגט אַ רוסישע בילדונג. איין צייט האָט געהאַלטן דערביי, אַז די רעגירונג זאָל איבערגעבן צו שאַפן שולן פאַר אידן און דעם גאַנצן ענין פון נייער אידישער פאָלקס־בילדונג אין די הענט פון דעם דייטשן אידן ליליענטאַל. סוף־כל־סוף איז דאָס איבערגעגעבן געוואָרן דעם רוסישן אידן מאַנדלשטאַם, דעם ערשטן אידן, וואָס האָט געענדיגט אַ רוסישן אוניווערזיטעט. געזיגט האָט דער רוסישער איד, געזיגט האָט די רוסישע בילדונג, ווייל דאָס האָט געשטימט מיט די נויטן פון לעבן, ווייל דאָס האָט אויך געשטימט מיט די רוסיפיקאַטאָרישע טענדענצן פון דער צאַרישער רעגירונג.

די משכילים, וואָס זיינען געקומען פון בית המדרש און זיינען געבליבן אויטאָדידאַקטן, האָבן זייער גאַנצן לעבן זיך גע־מיט צו פאַראייניגן מיט דער השכלה, זיין געבילדעט און רעלי־גיעז צוזאַמען. ניט אַלע מאָל האָט זיך דאָס זיי איינגעגעבן, אָבער געמיט האָבן זיי זיך. ביי די, וואָס האָבן דורכגעמאַכט אַ רוסישע מיטל־שול, אָדער גאָר אַ הויך־שול, ביי די „געענדיגטע”, וואָס האָבן זיך דערשלאָגן צו אַ תכלית, איז די אמונה געוואָרן

בלויז א צערעמאָניע אָן גייסט. די ערשטע משכילים האָבן זיך ניט פאַרקלערט איבער דער פראַגע פון אסימילאַציע. זיי אליין זיינען געווען ניט אסימילירט. מיט וועמען האָבן זיי זיך געזאָלט אסימילירן? מיט די רוסן האָבן זיי קיין נאָענטע מגע ומשא ניט געהאט; די רוסישע קולטור איז זיי געווען פרעמד. דייטש, ווידער, האָבן זיי געקאָנט נאָר פון בוך; קיין לעבעדיגן דייטש האָבן זיי אפשר קיינמאָל אין די אויגן ניט געזען. צו וואָס די השכלה וועט פירן זייערע קינדער — די פראַגע האָבן זיי זיך ניט געשטעלט. די משכילים פון צווייטן פעריאָד, וועל־כע האָבן געמאַכט א קאַריערע אָדער געשטרעבט צו א קאַריערע, האָבן זיך באמיט צו ווערן וואָס רוסישער, וואָס מער ענלאך אויף זייער נאַטשאַלסטוואָ. זיי האָבן זיך אליין באוואוסטזיניג אסימילירט און זייער רעצעפּט פאַר׳ן אידישן פאָלק איז אויך געווען אסימילאַציע. עס האָט געהייסן: אלץ, וואָס ביי אידן, איז שלעכט און מיאוס. ביי די „אויפגעלעבטע” שכנים איז אלץ שיין און גוט. מ׳דאַרף זיי נאָכטאָן, ווערן ווי זיי, צונויפ־גיסן זיך מיט זיי. אויב ביי אידן איז אמאָל געווען עפּעס שיינס, איז עס געווען נאָר אין דער צייט פון תנ״ך; אנדערע האָבן צוגעגעבן: אויך אין דער גאָלדענער עפּאָכע פון שפּאַ־ניען. אין אלע איבעריגע צייטן איז די אידישע געשיכטע געווען וויסט און פינסטער.

היסטאָריש קוקן האָט די השכלה בכלל ניט געקאָנט. כמעט קיין קעמפנדיגער דור קאָן עס ניט. די השכלה האָט אלע פריי־ערדיגע דורות געמאָסטן מיט דער מאָס פון איר דור. וואָס עס האָט ניט געשטימט מיט אירע באַגריפן היינט — דאָס האָט זי גע׳פסל׳ט פאַר אלע צייטן פריער. אין תנ״ך גופא האָט מען אריינגעטייטשט געדאַנקען פון דער נייער צייט. די נסים האָט מען ניט אָנגענומען פאַר א לעגענדע, נאָר מ׳האָט זיך געמיט זיי צו דערקלערן על פי דרך הטבע. קרח איז איינגעזונקען גע־וואָרן, ווייל משה האָט גראַד צוגעטראָפן א מאָמענט פון ערד־ציטערניש. די דונערן און בליצן בעת מתן תורה האָט משה געמאַכט מיט עלעקטרי, און ד. גל.

די השכלה האָט זיך פאַרשפּרייט. זי איז וואָס ווייטער

אלץ מערער אריינגעדרונגען אין די ישיבות, אין די רוסישע שטיבלאך. איצט האט מען שוין ניט באדארפט ברעכן דעם מח איבער שווערע חקירה־ספרים, כדי צו ווערן א משכיל. עס זיינען שוין געווען לייכטע ביכלאך אין העברייאיש, אפילו ראָ־מאנען און ערציילונגען, לערנביכער און צייטונגען. אין לעבן ארום האט זיך שוין שטארק געפילט דער איינפלוס פון די משכילים. ביי יענע, וואס האבן נאך קיין לעבן פון השכלה ניט געמאכט, איז נאך געווען א סך אידעאליזם, א סך ליבע צו אויפקלערונג. זיי האבן נאך אפט געהאט אויסצושטיין רדיפות, דורכצומאכן א קאמף, און זיי האבן נאך פארמאגט א סך באַ־גייסטערונג.

צווישן די נייע מענשן, די „היינטיגע”, האט זיך אנגע־הויבן א מין דיפערענצירונג, עס האבן זיך אנגעהויבן ארויס־ווייזן סאָציאַלע אונטערשיידן. א רייכערער איד, ווען ער איז געווען א „היינטיגער” און האט אפגעגעבן זיין זון שטודירן, האט ער געזען אויסצומיידן די אידישע קאזיאנע שקאָלעס, אפילו די ראבינער שול איז פאר אים געווען צו אידישלאך, צו אָרים. ער האט זיך געסטארעט אפצוגעבן זיין קינד אין א גימנאזיע. מער תכלית. אין די אידישע שקאָלעס פלעגן אנקומען ארימע קינדער. אָפט אזעלכע, וואס קהל האט זיי אהין אפגעגעבן געגן דעם ווילן פון זייערע עלטערן, כדי אפצוקומען די גזרות פון דער רעגירונג, אז יעדער קהל איז מחויב צו שיקן א געוויסע צאָל קינדער אין די אידישע שקאָלעס. אין די ראבינער־שולן אין ווילנע און אין זשיטאָמיר האבן זיך דאס רוב אויך געלערנט אָרימע בחורים; און טאָמער איז אהין אריינגעפאלן א רייכערער, איז עס געווען אזעלכער, וואס איז געפארן שטודירן געגן דעם ווילן פון זיינע עלטערן און האט צעריסן מיט די עלטערן. די אידישע גימנאזיסטן און סטודענטן האבן געקוקט פון אויבן אראָפּ אויף די בחורים, וואס זיינען געגאנגען אין ראבינער־שול. ביי די תלמידים פון ראבינער שול ווידער, איז געווען א שטארקע שטרעבונג צו אן אלגעמיינער מיטל־שול, צום אוניווערזיטעט; און ניט בלויז דערפאר, וואס זיי האבן געשטרעבט צו העכערער בילדונג. די גרעסטע ראָלע האט דאָ געשפילט דאס, וואס א דאָק־

טאָר אָדער אַן אדוואָקאַט איז מער תכלית, ווי א אידישער לערער אָדער א קאַזיאָנער רב. אין דער העברייאישער ליטעראַטור פון יענער צייט און אין זכרונות פון יענער עפּאָכע, וואָס זיינען אָפּגעדרוקט אין אונזערע טעג, געפינען מיר א סך פאקטן פון אָט דעם מין, און די שרייבער קאָנסטאַטירן זיי מיט באַדויערן.

די בית־המדרש משכילים מיט די „געענדיגטע" זיינען געווען ניט גאָר שוה בשוה. די געענדיגטע האָבן געקוקט פון אויבן אַראָפּ אויף די „האַלב אינטעליגענטן", וואָס האָבן ערוואָרבן זייער בילדונג אָן דער הילף פון א שול, ניט סיסטעמאַטיש, געקוקט אויף זיי, ווי אויף מענשן פון א נידעריגער מדרגה. די אויטאָדידאַקטן ווידער האָבן געפילט, אַז ביי די געענדיגטע און „פאַרזאָרגטע" איז אָפּט ניטאָ קיין אידעאַליזם און דער אינהאַלט פון זייער נשמה איז קאַריערע.

און דאָך האָט יעטווידער אויטאָדידאַקט געשטרעבט צו ווערן א געענדיגטער. דער געענדיגטער איז ביי די אויטאָדידאַקטן געווען א מין אידעאַל, א מוסטער פון א גאַנצן מענשן. די אויטאָדידאַקטן זיינען געווען די לעזער און שרייבער פון דער העברייאישער ליטעראַטור. אָבער אין יענער צייט איז די העברייאישע ליטעראַטור שוין מער ניט געווען קיין זעלבסט־צוועק. אויף העברייאיש האָט מען דעמאָלט געקוקט מער ווי אַלץ, ווי אויפ'ן ערשטן מיטל צו באַקומען בילדונג, ווי אויף אַן איבערגאַנג צו רוסיש. אין דער העברייאישער ליטעראַטור האָט דעמאָלט געהערשט א געוויסע שטרעבונג צו אַסימילאַציע, הגם אין נעבלהאַפטע, ניט קיין בולטע פאָרמע. דאָס שלאַג־וואָרט פון יענע יאָרן איז געווען די באַקאַנטע פראַזע פונ'ם העברייאישן דיכטער י. ל. גאָרדאָן: „היה אָדם בצאתך ויהודי באוהלך" — זיי א מענש אויף דער גאַס און א איד אין שטוב ביי זיך. בעת מ'ברענגט אָט די פאָרמול גאָרדאָנ'ס, פאַרגעסט מען געוויינלאַך, אַז זי האָט געהאַט נאָך א דריטן גליד און האָט זיך געענדיגט: „ולמלך עבד", ד. ה. און צו דיין קעניג א טרייער אונטערטאַן (א קנעכט). אין דעם האָט זיך אויסגעדריקט די איבערגעבנקייט פון די משכילים צו דער צאַרישער רעגירונג, וועלכע איך האָב פריער דערמאָנט.

קיין פאָלקס־באַוועגונג איז די השכלה אין איר צווייטן פּע־ריאָד אויך ניט געוואָרן. פון דער מאַסע האָט מען גענומען ליכט־געלט אויף אויסצוהאַלטן די שקאָלעס; קהל האָט אָפּט גענומען אָרימע קינדער און כמעט מיט געוואַלד זיי אַוועקגע־געבן אין די שקאָלעס, כדי יוצא צו זיין פאַר דער רעגירונג. אָבער ווען די דאָזיגע קינדער האָבן באַקומען בילדונג, זיך דערשלאָגן צו אַ תכלית, זיינען זיי געשטאַנען עקאָנאָמיש איבער דער מאַסע, ניט מיט איר. מ'האָט געצוואונגען די גרויסע מאַסע אידן צו בייטן זייערע קליידער. זייערע באַגריפן האָבן זיך ניט געביטן, און אויף די נייע איינפירונגען מיט די נייע לימודים האָבן זיי נאָך אַלץ געקוקט ווי אויף אַ שווערער גזירה — אַ סכנה פאַר אידישקייט.

געשריבן האָבן די משכילים אויף העברייאיש אָדער אויף רוסיש, ניט אויף אידיש. און טאָמער האָט עמיצער פון זיי עפּעס אָנגעשריבן אויף אידיש, האָט ער עס דאָס רוב ניט גע־דרוקט, האָט ער עס געשריבענערהייט געליִיענט פאַר זיינע נאָענטע באַקאַנטע, אויך משכילים. צום פאָלק איז עס ניט דערגאַנגען. אויף אידיש האָט מען געקוקט, ווי אויף אַ חרפה, וואָס מ'דאַרף וואָס גיכער אָפּוואַשן, ווי אויף קוידערוואַלאַכץ, וואָס מ'דאַרף וואָס גיכער פאַרגעסן. עס האָבן זיך אַפילו געפונען משכילים, צווישן די „געענדיגטע", וועלכע האָבן זיך גענומען פאַר דער רע־גירונג, זי זאָל פאַרבאָטן צו דרוקן ביכער אין „זשאַרגאָן", אוי־סער רעליגיעזע ספרים. געווען שוין דעמאָלט אַ משכיל, וועל־כער האָט אַ סך געשריבן און געדרוקט אין אידיש — אייזיק מאיר דיק (אמ"ד). אָבער ער איז געווען אַ טרוקענער מלמד פון השכלה. זיין שפּראַך איז געווען טייטשמעריש, מיט אַ גרויסן צומיש פון העברייאישע ווערטער און גאַנצע פראַזן. און ער האָט נאָכאַנאַנד געזאָגט מוסר, געפּיקט אין אידיש אַן אַגי־טאַציע דערפאַר, אַז אידן דאַרפן וואָס גיכער פּטור ווערן פון אידיש. זיין ווירקונג איז געווען קליין, אומבאַדייטנד.

אין צווייטן פעריאָד איז די השכלה אויך געווען פון דער אינטעליגענץ און האַלב־אינטעליגענץ, ניט פאַר'ן פאָלק און אודאי ניט פון פאָלק.

און ווי אַזוי האָבן די אידישע מאַסן זיך געקאָנט באַציִען גוט צו דער השכלה, ווען אויסער דעם, וואָס די נייע באַגריפן זיינען זיי געווען ווילד פרעמד, האָבן זיי געזען, אַז די רייכע סוחרים נעמען משכילים פאַר לערער צו זייערע קינדער, דיזעל־ביגע אידישע גבירים, וואָס דער קאַמף צווישן זיי מיט די מאַסן איז גראַד דעמאָלט שאַרפער געוואָרן? ווי אַזוי האָבן די מאַסן זיך געקאָנט באַציִען גוט צו די משכילים, ווען יענע האָבן געזוכט צו פאַרענטפערן אַלע גזירות, וואָס האָבן זיך דעמאָלט געשאָטן אויף אידישע קעפּ, ווען ביי די משכילים איז די רעגירונג אַלע מאָל און אין אַלץ געווען גערעכט, און אידן אַלע מאָל און אין אַלץ אומגערעכט? נים בלויז וואָס די משכילים האָבן פאַר־ענטפערט און געלויבט ניקאָלאַי׳ס באַפעל, אַז אידישע טעכטער זאָל מען ניט אָפּשערן די האָר אָדער אַז אידן זאָלן ניט טראָגן קיין לאַנגע פּאות און זיך ניט אָנטאָן קיין לאַנגע, אַלט־פרענקישע קליידער. די משכילים האָבן אַפילו פאַרענטפערט די רעגי־רונג פאַרוואָס זי האָט פאַרמאַכט (אין 1867) די דרוקעריי פון די שאַפּיראָס אין זשיטאָמיר. די דאָזיגע דרוקעריי, האָבן די משכילים גע׳טענה׳ט, האָט געדרוקט תלמוד, פּוסקים און חסידישע ספרים אין הונדערטער און טויזנטער עקזאַמפּליאַרן און האָט דער־ווייטערט פון זייער דרוקעריי יעדן משכילישן ספר. אַפילו די גזירה פון רעקרוטן, פון וועלכער די אידישע מאַסן האָבן מער ווי אַלץ געליטן, און זי איז געווען ביי זיי מער ווי אַלץ פאַר־האַסט, אַפילו אָט די גזירה האָבן די משכילים געפּרואווט פאַר־ענטפערן. די משכילים האָבן פאַרזיכערט, אַז מיט נעמען זעל־נער איז די רעגירונג אויסן געווען די טובה פון אידן. זי האָט זיי געוואָלט אויסגלייכן מיט די בירגער פון לאַנד און געבן זיי גוטע געזעצן, כדי זיי זאָלן זיין ווי די איבעריגע, ניט־אידישע באַפעלקערונג. ווען די אידישע מנהיגים וואָלטן געהאַט פאַר־שטאַנד אָנצונעמען דעם דאָזיגן באַפעל מיט צופרידנהייט און דאַנקען דער רעגירונג, וואָס זי האָט אידן גענומען אין דינסט צוגלייך מיט אירע איבעריגע פיל פעלקער, וואָס לעבן אונטער איר שוץ, וואָלט די רעגירונג אויף זיי אויך געהאַט אַן אויג צו גוטן...

אין קאמף פון די מאסן געגן די נייע משכּילישע גבירים האָבן די משכּילים כּמעט דורכאויס געהאַלטן פאַר די גבירים. דעם אַלטן אידישן הענדלער האָבן זיי געטאַדלט, אויסגעלאַכט, אָבער דער נייער גביר, וועלכער איז געגאַנגען אין די וועגן, וואָס די ממשלה ירום הודה האָט אָנגעצייכנט, און האָט באַשיצט די השכּלה און די משכּילים, איז אין זייערע אויגן געווען גוט און וואויל. אָבער צווישן די משכּילים זיינען געווען איינצלנע אויסנאַמען, וואָס האָבן שאַרף קריטיקירט די אויפגעקומענע סוחרים פון דער ערשטער גילדיע, וועלכע האָבן זיך באַפרייט פון דעם יאָך פון גזירות און דאָס פאָלק האָבן זיי איבערגעלאָזן אויף הפקר. איינער א משכּיל, ר' שלמה ישעיה יליד קרעמיניץ, תושב קאריץ, וואָלין, האָט אָנגעשריבן א כּרוז (אויפרוף) געגן די סוחרים, די פאַרפירער און שווינדלער, וועלכע ווילן זיך באַפרייען פון די גזירות און דערמיט מאַכן זיי שווערער דעם יאָך אויפ'ן רוקן פון די גרויסע אידישע מאַסן. דער דאָזיגער אויפרוף האָט געהאַט א גרויסן ערפאָלג. ער איז איבערגעשריבן געוואָרן אין א סך קאָפּיעס און אין פיל שטעט פלעגט מען אים לייענען עפנטלאַך אין אַלע גאַסן.

4

די השכּלה איז געוואַקסן. אין די זעכציגער יאָרן פון פאָר־ריגן יאָרהונדערט איז כּמעט ניט געווען קיין באַלעבאַטיש הויז, וואו עס זאָל ניט פאָרקומען א שווערע מלחמה צווישן עלטערן און קינדער, צווישן אַלט און ניי. צו א קאַריערע האָבן זיך דערשלאָגן ניט קיין פולע. דאָס רוב זיינען געבליבן ניט אַהין, ניט אַהער, אומצופרידענע, זוכנדע.

עס הויבט זיך אָן דער דריטער פעריאָד פון דער השכּלה, דער לעצטער פעריאָד. דאָס איז געווען די צייט, וואָס נאָך דעם סעוואסטאָפּאָלער קריג. אין רוסלאַנד האָבן געבלאָזן נייע ווינטן. מ'האָט באַפרייט די פּויערים, איינגעפירט אַנדערע רעפאָרמען. די רוסישע ליבעראַלע געזעלשאַפט האָט געוואַרט אויף א קאָנ־סטיטוציע. אַלעקסאַנדער דער צווייטער האָט ניט געוואָלט געבן. ער האָט געהאַלטן, אַז עס איז שוין גענוג רעפאָרמען און האָט

אַנגעהויבן ציען אויף צוריק. די רוסישע ליטעראַטור איז דע־מאָלט געווען העכסט ראַדיקאַל. דאָס איז געווען די צייט פון דאָבראָליובאָוו און טשערנישעווסקי, פון פּיסאַרעוו, נעקראַסאָוו און שטשעדרין, ווען מ'האָט ביטער אויסגעלאַכט די ווילדקייט פון דער רוסישער ביוראָקראַטיע, אירע אַפּעטיטן צו כאַבאַר און כאַפּ־לאַפּ, געמאַכט חוזק פון די צעפוילטע זיילן, אויף וועלכע דאָס אַלטע רוסישע לעבן האָט זיך געהאַלטן, געוועקט אינטערעס צו די אָקאָרשט באַפרייטע און דאָך נאָך פאַרקנעכטעטע און אויסגעזויגטע פּויערים. אין דער רוסישער ליטעראַטור הויבן אָן קלינגען די ערשטע טענער פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף, פון סאָציאַליזם. דאָס אַלץ ווירקט באַלד אויף דער העברייאישער ליטעראַטור, אויף איר אינהאַלט, אויף איר טאָן.

נאָך דער באַפרייאונג פון די פּויערים הויבט זיך אין רוסלאַנד אָן צו ענטוויקלען די מאָדערנע קאַפּיטאַליסטישע ווירט־שאַפט. זי גייט מיט גיכע טריט, מיט גרויס אימפּעט. מ'בויט אייזנבאַנען, מ'עפנט פאַבריקן, מ'גרינדעט בייַנק און אַקציען־געזעלשאַפטן. עס וואַקסן די שטעט, עס וואַקסן די קראָמען און וואַרשטאַטן, דער האַנדל מיט תבואה און האָלץ. אידן נעמען אין דעם אַלעמען אַ גרויסן אַנטייל. אייניגע הויבן זיך אויף גאָר הויך, מאַכן מיליאָנען. עס איז גענוג צו דערמאָנען די פּאָליאַקאָווס און די בראָדסקיס. פאַר דעם מיטעלן סוחר איז די צייט אויך געווען זייער אַ גוטע. די מאַסע איז נאָך פאַרזונקען אין שרעקלאַכן דלות; זי לעבט נאָך מער ווי אַלץ פון לופט, איז נאָך ניט צוגעפּאַסט צו די נייע עקאָנאָמישע באַדינגונגען, זי ווערט דערשטיקט אין איינגשאַפּט פון תחום. אָבער עט־וואָס בעסער איז דאָך איר לאַגע געוואָרן און אירע אויסזיכטן זיינען איצט אַפילו בעסער, ווי פריער. ווייל צוזאַמען מיט דער גאַנצער עקאָנאָמישער אויפלעבונג פון לאַנד, לעבט אויף די מלאכה און דער קליינהאַנדל, לעבן צוביסלאַך אויף אַלע שטאָ־טיגע פּרנסות.

די האָפענונג אויף גלייכבארעכטיגונג איז ביי אידן קיינ־מאָל ניט געווען אַזוי גרויס, ווי אין די לעצטע 10-15 יאָר פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטענס ממשלה. די רוסישע ליבעראַלע

געזעלשאַפט האָט דעמאָלט אויך געלעבט מיט דער האָפענונג, אַז די רעפאָרמען האָבן זיך אָפּגעשטעלט נאָר אויף אַ ווײַלע, אַז דער צאַר, וואָס האָט באַפרייט די פויערים, מוז גיין ווײַטער און אײַנפירן אין רוסלאַנד דיזעלביגע פּאָליטישע פרײַהייטן, וואָס עקזיסטירן שוין אין אַנדערע אייראָפּעאישע לענדער. אידן האָבן נאָך מער געהאָפט אויף אַלעקסאַנדער דעם צווייטן; זיי האָבן אויף אים געקוקט, ווי אויף אַ מלך חסד. אין זײַן צײַט איז דער אַנטיסעמיטיזם פון דער רוסישער רעגירונג געוואָרן אַ סך שוואַכער, די אידישע רעכטלאָזיגקייט — קלענער, ער האָט ערלויבט אידישע באַלעמעלאָכעס צו באַזעצן זיך אין די אינער־ווייניגסטע גובערניעס פון רוסלאַנד. אַלעקסאַנדער איז דער־מיט אויסן געווען צו אַנטוויקלען מלאכה אין די רוסישע שטעט. אידן האָבן אין דעם געזען אַ חסד און מ'האָט געהאָפט, אַז היינט־מאָרגן וועלן אידן באַקומען אַלע רעכט. אָט די האָפע־נונג קלינגט שטאַרק אָפּ אין דער ליטעראַטור פון דעם דריטן השכלה־פּעריאָד. אין יעדער שורה פילט זיך: אָט באַלד קומט עס; מען מוז זײַן גרייט עס אויפצונעמען. מען מוז באַווייזן, אַז מיר זײַנען ווערט רעכט, מען מוז זיך גרייטן אויסצונוצן די רעכט.

איצט קעמפט מען אויך געגן פינסטערניש און פאַנאַטיזם, ווי פריער, אָבער נאָך שטאַרקער ווערט דער קאַמף געגן דעם סאָ־ציאַלן דרוק, געגן בעל טאַקסע, געגן קהלס־מאַן, געגן וואָכער־ניק — בכלל געגן די אינעווייניגסטע אידישע פּיאַווקעס. דער קאַמף געגן די רבנים און כלי קודש ווערט אַ סך שאַרפער ווי פריער; און ניט אַזוי דערפאַר, וואָס זיי זײַנען פאַרשפּרייטער פון פינסטערניש, ווי דערפאַר, וואָס צוליב זיי ווערט בשר־פלייש טייערער. עס צעפלאַקערט זיך אַ מלחמה צוליב תקונים בד, רעליגיעזע רעפאָרמען. מ'קעמפט ניט פאַר אַ כאָר־שול מיט אַן אָרגעל, ווי אין דייטשלאַנד, נאָר פאַר גרינגער מאַכן די דינים פון כשר און טריף, פון עגונות, גטן און חליצה. מען הויבט אָן ריידן אין נאָמען פון די פאָלקס־מאַסן, אין נאָמען פון זייערע אינטערעסן. די העברייאישע ליטעראַטור ווערט אַ פעלד פון מלחמה. עס איז די הייסע צײַט פון אורי קאָוונער,

י. ל. גארדאָן, און משה ליב ליליענבלום. מ'פאָדערט, די העב־רייאישע שרייבער זאָלן אויפהערן שפּילן זיך מיט מליצות, אויפ־הערן צו דרעשן אַלגעמיינע פראַזן וועגן ליכט און פינסטער־ניש, זי זאָל באַהאַנדלען די האַרבע פראַגן פון לעבן, די שאלות החיים. וואס טוט מען? אַלע אידן קאָנען דאָך ניט ווערן ניט קיין דאָקטוירים, ניט קיין קאַזיאָנע לערער, קיין קאַזיאָנע רבנים אויך ניט. מ'זוכט פּלענער, ווי צו מאַכן מער אידן פאַר באַלעמעלאָכעס אין די אינעווייניגסטע גובערניעס פון רוס־לאַנד, ווי צו מאַכן אידן פאַר ערד אַרבעטער, גרינדן אידישע קאָלאָניעס אין רוסלאַנד. קיינמאָל, ניט פריער, ניט שפּעטער האָט די העברייאישע ליטעראַטור ניט גערעדט אין אַזאַ שאַרפן טאָן, קיינמאָל איז איר איינפלוס ניט געווען אַזוי שטאַרק. אין דער העברייאישער ליטעראַטור פון יענער צייט האָבן זיך אָנ־געהויבן צו באַווייזן פונקען פונ'ם סאָציאַליסטישן געדאַנק.

און עס געפינען זיך שוין שרייבער, וואס באַנוגענען זיך ניט מער מיט ריידן אין נאָמען פון די מאַסן. זיי לאָזן זיך אַראָפּ פון זייער העברייאישער הויך און הויבן אָן צו ריידן צו דער אידישער מאַסע אויף איר אייגענער שפּראַך, אויף אידיש. עס הויבט אָן אַרויסצוגיין די ערשטע אידישע צייטונג „קול מבשר". עס באַווייזן זיך די ערשטע צוויי אידישע שרייבער, וואָס פאַר־דינען באמת דעם דאָזיגן נאָמען, מענדעלי מוכר ספרים און לינעצקי.

אַ צייטונג אין „זשאַרגאָן" — דאָס איז געווען אַ געוואַג־טער שריט. דער גרעסטער טייל פון די משכילים זיינען געווען געגן דעם, ווי אַלעקסאַנדער צעדערבוים, דער רעדאַקטאָר פון „קול מבשר", דריקט זיך אויס, האָבן זיי „געפייערט, עס זאָל חלילה ניט אויסבילדן דעם שעדלאכן זשאַרגאָן"... „וואָס עס איז צו ווינשן, עס זאָל פאַרגעסן ווערן פון אונזערע רוסישע ברי־דער, אַזוי ווי עס עקזיסטירט שוין ניט אין דייטשלאַנד". אויף דעם זשאַרגאָן בכלל און אויף דעם „קול מבשר" בפרט האָבן די אַסימילאַטאָרישע משכילים געשאָטן מסירות פאַר דער רוסיפי־קאַטאָרישער רעגירונג. און צעדערבוים גופא, בעת ער האָט זיך געמיט אין די פּעטערבורגער הויכע פענסטער מ'זאָל זיין אי־

דישע צייטונג ניט פאַרמאַכן, האָט געפונען פאַר נויטיג צו דער־קלערן, אַז ער אַליין איז אַ שונא פון זשאַרגאָן, און דעם „קול מבשר" גיט ער ארויס נאָר דערפאַר, ווייל „עס גיבט קיין אַנ־דער מיטל נאָר דער זשאַרגאָן אַליין, וואָס קאָן זיך אַליין פאַר־מיאוס'ן און באַווייזן אידן, אויף וויפיל ער שאַדט זיי אויף יעדן שריט".

דאָס רוב משכילים זיינען געווען נעגן דעם „קול מבשר". אָבער די השכלה האָט שוין אָנגעהויבן אראָפּצונידערן צום המון; און צעדערבוים דערציילט, אַז „מיטעלע מענשן און פּראָסטאַקעס, אַלטע לייט און ווייבער, זיצן אויף דעם מאַרק אָדער פריטאָג־צו־נאַכט אין שטוב, אָדער בעלי עגלות, לאַפּאַטניקעס, באַלמע־לאָכעס אין טשיינעס; מענשן, וואָס קאָנען קיין אַנדער לשון ניט לייענען, ניט פאַרשטיין, און זיי לייענען דעם „קול מבשר" מיט אַזאַ הונגער, שטעלן אויף מויל און אויערן, האָבן הנאה פון אַלעס, וואָס זיי לעזן".*)

אידיש האָט ניט פאַרמאָגט קיין מליצות, עס האָט ניט גע־קאָנט גלעטן דעם אויער. עס איז פון אָנהייב אָן ארויס מיט האַרבע ווערטער, מיט אַ שאַרפן טאָן, מיט אַ ביטערן, שטעכע־דיגן געלעכטער. אויב אין דער העברייאישער ליטעראַטור האָט מען באַדאַרפט פאַדערן לעבן, איז די אידישע ליטעראַטור גלייך פון די ערשטע טריט אירע געווען אַ שטיק לעבעדיג לעבן. איר אינהאַלט איז געווען אַ שאַרפער קאַמף נעגן אַלץ, וואָס אַלט און אָפּגעלעבט, נעגן די חדרים, ישיבות און דער גאַנצער אַלטער ערצי־אונג, נעגן יונגע שידוכים און נעגן שדכנים בכלל, נעגן פאַנאַ־טיזם, חסידות און אַלטפרענקישע מנהגים (לינעצקי'ס „דאָס פּוי־לישע אינגל", שאַצקעס — „אידישער פאַר פסח" און ד. גל.), אַ מלחמה נעגן קאַראָבקע און נעגן די קהל'שע בעל־טובה'ני־קעס (מענדעלי'ס „טאַקסע", „דאָס קליין מענשעלע"), אַן אַגי־טאַציע פאַר וועלטלאַכע בילדונג, פאַר רוסיש — „די שפּראַך פון

---

*) די ציטאַטן פון צעדערבוים'ס מאמרים האָב איך גענומען פון ציגבערג'ס אַרטיקל „דער „קול מבשר" און זיין צייט", „אידישע וועלט", ווילנע, 1913.

לאנד", געגן לופט־פרנסות, פאר מלאכה און ערד־ארבעט. צו ערד־ארבעט האבן נאך גערופן די ערשטע משכילים, ווי יצחק בער לעווינסאן, אין דער צייט ווען ניקאלאי דער ערשטער האט געגרינדעט די אידישע קאלאניעס אין דרום רוסלאנד.

די משכילים פונ'ם דריטן פעריאד האבן צו ערד־ארבעט געפילט א באזונדערע פארליבע. אין דעם האבן זיך שטארק געלאזט פילן די אידייען פון די רוסישע נאראדניקעס, וואס אין יענער צייט. ביי די נאראדניקעס איז דער פויער געווען דאס זאלץ פון דער ערד, א טרעגער פון העכערער מענשלאכער מאראל, אן אוצר פון סאציאליסטישע געפילן און אינסטינקטן. די שטאטלייט, אפילו שטאטיגע באלמעלאכעס און פאבריק־ארבע־טער, האבן ביי זיי אויסגעזען, ווי האלב צעבראכענע, דעמא־ראליזירטע מענשן. עס האט געהייסן, אז נאר די ארבעט אויפ'ן שוים פון דער נאטור, נאר די „ממשלה פון דער ערד" מאכט דעם מענשן געזונט און גאנץ, פלאנצט אין אים איין אלע גוטע מידות און סאציאליסטישע אנלאגן. די אידישע משכילים האבן זיך געפונען אונטער'ן איינפלוס פון די רוסישע נאראדניקעס. דער לופט־מענש איז ארים און ניט קיין שיינער טיפ, די לופט־פרנסות — מיאוס און ניט זיכער. אידן מוזן זוכן א נייעם קוואל פון לעבן, ווערן נייע, געזונטע מענשן. און אויב שוין יא נייע, פארוואס ניט קיין ערד־מענשן, קיין פויערים? דאס איז דאך דער שענסטער טיפ, די אתה בחרתנו פון דער מענשהייט. ביי די משכילים האט געשפילט א גרויסע ראלע — וואס וועט די וועלט אויף אונז זאגן? פארוואס זאלן מיר זיין צו שאנד און צו שפאט ביי די אומות? פארוואס זאלן זיי אויף אונז טייטלען מיט די פינגער, אז מיר טויגן ניט צו קיין געזונ־טער, נוצלאכער ארבעט און קאנען נאר לעבן ארום פויער? לאז מיר דערוויזן, אז מיר זיינען נוצלאכע בירגער, אז מיר פאר־דינען רעכט. אט דאס אלטע לידעלע האבן די משכילים גע־זונגען אין אלע דריי פעריאדן פון דער השכלה — למה יאמרו הגויים?

זועגן קאמף פאר רעכט רעדט מען נאך דעמאלט ניט. אפילו וועגן דער אידישער רעכטלאזיגקייט, וועגן די רדיפות און בא־

גרענצונגען דערמאָנט מען ווייניג, כמעט ווי גאָרניט. מ׳איז דאָך זיכער, אַז באַלד וועלן אַלע רעכט אַראָפּפאַלן פון אויבן. דער עיקר איז — אידן זאָלן נאָר זיין ווערט און גרייט זיי אויפצונעמען. נאָר מענדעלי מוכר ספרים, וועלכער האָט זיין "קליין מענשעלע" און זיין „טאַקסע" געענדיגט מיט אַ הייסן גלויבן אין אַלעקסאַנדער דעם צווייטן, ערלויבט זיך מיט עטלאַכע יאָר שפּעטער אין זיין „קלאַטשע", צו שילדערן מיט העלע פאַרבן די אידישע צרות און רדיפות. ער איז אפשר געווען דער איינ־ציגער אידישער משכיל, וועלכער האָט שוין אין יענער צייט גובר געווען דעם אני מאמין פון דער השכלה, אַז פּטור ווערן פון פאַנאַטיזם הייסט פּטור ווערן פון אַלע צרות און געווינען ביל־דונג מוז פירן צו געווינען רעכט. ביי אים רייסט זיך אַרויס אַן אויסגעשריי: קיין טאַנץ גייט ניט פאַרן עסן! ער דערווייזט, אַז פריער מוז מען האָבן רעכט און מעגלאַכקייט כאָטש וויפיל ניט איז צו לעבן און פאַרדינען ברויט, נאָכדעם ערשט קאָן ליגן אין קאָפּ בילדונג. אינטערעסאַנט איז, וואָס דער דאָזיגער אמת איז צום ערשטן מאָל אַזוי בולט אַרויסגעזאָגט געוואָרן אין דער יונגער אידישער ליטעראַטור און ניט אין דער העברייאישער, וועל־כע איז געווען אַ סך עלטער און רייכער.

אין די זיבעציגער און אַכציגער יאָרן וואַקסט די צאָל אי־דישע באַלעמעלאָכעס, וואַקסן אויס גרעסערע אידישע וואַרשטאַטן, פאַרשפּרייט זיך די הויז־אינדוסטריע. אין די אַכציגער יאָרן ווערט געבאָרן דער אידישער פּראָלעטאַריאַט. פאַר דער מאַסן־ליטעראַטור ווערט געשאַפן אַ מאַסן־לעזער.

די השכלה עפּאָכע ענדיגט זיך אין יאָר 1881, גלייך ביי די ערשטע פּאָגראָמען. די פּאָגראָמען און די נייע גזירות פון אַלעקסאַנדער דעם דריטן מאַכן אַ סוף צו דעם נאַאיוון גלויבן, אַז דער צאַריזם וועט מיט׳ן גוטן ווילן געבן אידן גלייכע רעכט, ווי נאָר זיי וועלן ווערן אויפגעקלערט. די משכילים האָבן זיך דערפילט אָפּגענאַרט, פאַרביטערט. דאָס גלויבן אין דעם אַל־מאַכטיגן אויפגעקלערטן גייסט האָט געפּלאַצט. די אידייען פון אַסימילאַציע האָבן באַקומען דעם ערשטן שטאַרקן קלאַפּ. אַ גרויסער טייל פון די משכילים ווערט ציוניסטיש. עס הויבט

זיך אָן אַ פינסטערע נאַציאָנאַליסטישע רעאַקציע, וועלכע ווערט נאָך פינסטערער אונטער'ן איינפלוס פון דער אַלגעמיינער רע־אַקציע, וואָס הערשט דעמאָלט אין רוסישן לעבן און ליטעראַטור.

די השכלה־עפּאָכע איז אַוועק אין איר רו אַריין. אָבער אין דער באַלעבאַטישער וועלט האָט שוין די השכלה צו יענער צייט געהאַט איר זאַך אָפּגעטאָן. די ווענט, וואָס זי האָט צעבראָכן, האָט קיין רעאַקציע ניט געקאָנט אויפבויען איבעראַניים. זי האָט געביטן דאָס געשטאַלט פונ'ם אידישן לעבן, און אויף צוריק איז קיין וועג ניט געווען, ווען אפילו א סך פון די נעכטיגע משכילים האָבן זיך היינט אָנגעטאָן אַ כח און מיט אַלע כחות געשלעפּט אויף צוריק. וואו ניט וואו, אין פּאַרוואָרפענע ווינקעלאַך, אין אַ זייט פון גרויסן שליאַך פון לעבן, איבערהויפּט אין די שטעט און שטעטלאַך פון קרוין־פּוילן פירט זיך נאָך שפּעטער אויך אַ קאַמף פאַר בילדונג, פאַר השכלה. אין גרויסן און גאַנצן אָבער איז שוין דער דאָזיגער קאַמף אויסגעקעמפט. יעדער פאָ־טער ווייס שוין, אַז בילדונג איז ברויט און אַ דיפּלאָם גיט אַ בעסערע שטעלונג אין לעבן. און אַזוי ווי פריער האָט יעדער איד גע'חלומ'ט צו מאַכן זיין זון פאַר אַ רב, איז איצט יעדער פאָטער גרייט זיך מקריב צו זיין, אבי מאַכן זיין זון פאַר אַ דאָק־טאָר. דער איד האָט זיך אין אַ גרויסער מאָס צוגעפּאַסט צום נייעם לעבן. די השכלה איז אַוועק אין דער געשיכטע.

אָבער די השכלה צווישן די מאַסן, די אויפקלערונג פונ'ם פּשוט'ן עולם אויף אידיש גייט ווייטער. אין די אכציגער יאָרן דינעזאָן און ספּעקטאָר, אפילו שלום עליכם און פּרץ אין זיי־ערע ערשטע ווערק זיינען נאָך אין אַ געוויסער מאָס משכילים, וועלכע טראָגן צו די אידישע מאַסן געוויס טענדענצן פון דער השכלה, וואָס פאַר 1881. דאָ ענדיגט זיך די השכלה ערשט דעמאָלט, ווען עס הויבט זיך אָן די אַרבעטער־באַוועגונג און עס באַווייזן זיך די פּיאָנערן פון דעם סאָציאַליסטישן וואָרט. און אפילו אין די ערשטע יאָרן פון סאָציאַליסטישער פּראָפּאַ־גאַנדע באַמערקט זיך נאָך אויך אַ שטאַרקער שטראָם פון דער אַלטער השכלה.

די דריי פּעריאָדן פון דער השכלה לאָזן זיך ניט שאַרף

אָפּטיילן איינער פון דעם אַנדערן. זיי טראָגן אַלע איין אַלגעמיי־נעם שטעמפּל פון דער עפּאָכע, וואָס פּאַראייניגט זיי. יעדער פּעריאָד פּאַרמאָגט נאָך אין אָנהויב שטריכן פון דעם, וואָס איז געווען פאַר אים. אין סוף האָט ער שוין סימנים פון דעם, וואָס וועט קומען נאָך אים. די געשיכטע לאָזט זיך בכלל ניט שניידן מיט אַ מעסער. איר מוזט פאַרגלייכן די מיטל־פּונקטן פון צוויי פּעריאָדן, ווען איר ווילט זען קלאָר, וואָס עס טיילט זיי אָפּ.

5

לינעצקי געהערט צום דריטן פּעריאָד פון השכלה, צום פּע־ריאָד פון שאַרפן קאַמף. געבאָרן אין 1839 אין וויניצע (אין „פּוילישן אינגל" רופט ער זיין געבורט־שטאָט וצונו), ביי אַ רבי, וועלכער איז געווען אַ גאַנצער מאַכער ביים חסידישן רבין; ערצויגן אין אָרעמקייט און פינסטערניש; לערנט תלמוד, קבלה, איז שוין צו 15 יאָר אַ פאַרטיגער רב. אָבער דאָ קומט דער שטן און פירט אים אַראָפּ פון וועג. לינעצקי הויבט אָן לייע־נען העברייאישע השכלה־ביכלאַך, ווערט באַקאַנט מיט אַ אידישן אַקציזניק, און ווערט אַ משכיל. דער פאָטער וויל ראַטעווען זיין זון פונ'ם שטן'ס הענט, מאַכט ער אים חתונה. לאָזט זיך אויס, אַז דאָס ווייבל איז שוין אַליין ביים שטן אויך אין די הענט. זי האָט שוין אויך געגנאַשט פון דער השכלה. צווינגט מען דעם יונגעטשקן לינעצקי, ער זאָל זי אָפּ'גט'ן און מ'מאַכט אים באַלד ווידער אַמאָל חתונה — דאָס מאָל מיט אַ טויב מיידל. העלפט עס ניט: ער איז שוין צו ווייט פאַרקראָכן און אויף צוריק איז קיין וועג ניטאָ. רודפ'ט מען אים פאַר זיינע נייע גענג, פאַר זיין אָפּטרעטן פון חסידות. און ווען ער דערוועגט זיך אַמאָל עפּנטלאַך אָפּצולאַכן פון רבי'ן אַליין, פּרואווט מען אים דער־טרינקען, פּשוט אַראָפּוואַרפן פון בריק אין וואַסער.

שפּעטער אַנטלויפט לינעצקי אין אָדעס, אַ גרויסע שטאָט, וואָס האָט גע'שמ'ט פאַר אַ צענטער פון השכלה. ער פאַר־ברענגט דאָרטן אַ פּאָר יאָר אין דחקות און נויט און לערנט שפּראַכן און וועלטלאַכע קענטענישן. ער איז שוין אויפ'ן וועג

קיין ברעסלוי (דייטשלאַנד), וואו ער האָט געהאַפּט אָנקומען אין דעם באַוואוסטן ראַבינער־סעמינאַר. נאָר זיין פּאַטער'ס גוטע פריינד, וועלכע האָבן אַפּנים די גאַנצע צייט שטילערהייט שטאַרק אַכטונג געגעבן אויפ'ן יונגען אַפּיקורס, דערוויסן זיך דערפון. מ'יאָגט אים נאָך, מ'כאַפּט אים און מ'קערט אים אום אַהיים קיין ווינניצע. ער אַנטלויפט ווידער, דאָס מאָל קיין זשיטאָמיר, וואו ער קומט אָן אין ראַבינער־שול. דאָרטן פאַרברייינגט ער עטלאַכע יאָר. ווערט באַקאַנט מיט די עלטערע משכילים סלאָנימסקי און צווייפל, דער ערשטער איז דעמאָלט געווען אינספּעקטאָר פון זשיטאָמירער ראַבינער־שול; דער צווייטער איז דאָרטן געווען אַ לערער. אָבער בלייבן אין ראַבינער שול און ענדיגן איר גיט זיך לינעצקי'ן ניט איין. אים איז שוין 23 יאָר און ער קאָן ניט איינזיצן אויף איין שול־באַנק מיט גאָר יונגע בחורים'לאַך, נאָך כמעט אינגלאַך. ער פאַרלאָזט זשיטאָמיר, קומט ווידער אַמאָל קיין אָדעס, ווערט דאָרטן אַ פּריוואַטער לערער, גיט שטונדן, הויבט אָן שרייבן אין צייטונגען, פריער אין „המליץ", וואו ער דרוקט קעמפּערישע אַרטיקלען געגן די טונקל־מענשן, געגן די צוויאַקעס. זיינע אַרטיקלען האָבן ערפאָלג. ער וואַרפט אָבער באַלד אַוועק דעם העברייאישן „המליץ" און הויבט אָן שרייבן אידיש אין „קול מבשר". פאַרוואָס?

מענדעלע מוכר ספרים דערציילט אין זיין אויטאָביאָגראַפיע, אַז ער האָט זיך גענומען צו אידיש, ווייל ער האָט זיך אַרומגעזען, אַז אין העברייאיש האָרעוועט ער אומזיסט: די גרעסטע מערהייט פונ'ם אידישן פאָלק פאַרשטייט ניט קיין העבּרעאיש. דאָס זעלבע דערציילט פון זיך לינעצקי אין זיין יובּילייאום־רעדע. ער האָט זיך אַרומגעזען, זאָגט ער, אַז ער שרייבט און שרייבט, און דאָס „בידנע פאָלק ווייסט גאָר ניט פון קיין פּותר און קיין חלום. ווערט אים מאַרקאָסנע. נאָר באַלד מאַכט ער זיך האַרץ און באַשליסט ביי זיך ריידן מיטן פאָלק דירעקט, אָן מעקלערס. ער וואַרפט אַוועק דאָס דו־גאַהי'שע פּידעלע און כאַפּט שוין טאַקע די באַשיידענע, בעטלערישע לירע און שפּילט שוין אויף איר פאַר זיין פאָלק אויף זיין פאָלקס־לשון". ער

שרייבט פריער אידישע לידער (גיכער קופלעטן), נאָכדעם גייט ער איבער צו פראָזע און אין 1868 הויבט ער אָן צו דרוקן אין „קול מבשר" „דאָס פוילישע אינגל", דאָס וויכטיגסטע ווערק פון זיין לעבן.

ווען מענדעלי מוכר ספרים און לינעצקי האָבן געביטן די שפּראַך פון זייער שאַפן, האָט אויף זיי פריער פאַר אַלץ גע־ווירקט דאָס, וואָס זיי זיינען ביידע געווען קעמפּער פון נאַטור, און קעמפן אין העברייאיש האָט געהייסן פירן אַ מלחמה ניט אויף אַ ברייטן שלאַכטפעלד, נאָר אונטער'ן אויוון. אָבער אויף ביידן האָט אויך געווירקט דאָס, וואָס זיי זיינען געווען קינסט־לער, מאָלער. לינעצקי אַ סך קלענער, ווי מענדעלי, אָבער אַ מאָלער איז ער אויך געווען; האָט זיי ביידן, אפשר אומבאַ־וואוסטזיניג, געצויגן צו לעבעדיגע פאַרבן, צו אַ לעבעדיגער שפּראַך. אויב זיי האָבן עס ניט קלאָר פאַרשטאַנען, האָבן זיי גע־פילט, אַז שילדערן דאָס לעבן פון אַ פאָלק איז נאַטירלאכער ווי אַלץ אין דער שפּראַך פונ'ם דאָזיגן פאָלק, אין די ווערטער, וואָס זיינען אויסגעוואַקסן צוזאַמען מיט'ן דאָזיגן לעבן, און זיי־נען מיט אים פאַרפלאָכטן און דורכגעדרונגען. אויף לינעצקי'ן האָט געוויס געווירקט דאָס, וואָס ער איז פון נאַטור געווען אַן אמת'ער פאָלקס־מענש, וועלכער האָט זיך מיט'ן המון געפילט, ווי אין דער היים, און די שפּראַך פון די מאַסן איז אים געווען באַזונדערס נאָענט און ליב.

ביידע, אי מענדעלע, אי לינעצקי האָבן שטאַרק ליב געהאַט אידיש. אָבער מענדעלי האָט זיין אַלטע ליבע צו העברייאיש אויך ניט פאַרגעסן. ער האָט ביז זיינע לעצטע יאָרן אַ סך גע־שריבן אין העברייאיש און ער פאַרנעמט אין דער העברייאישער ליטעראַטור ניט קיין קלענערן אָרט, ווי אין דער אידישער. כמעט אַלע ווערק זיינע, וואָס זיינען לכתחילה געשאַפן געוואָרן אין אידיש, האָט ער שפּעטער איבערגעשאַפן אין העברייאיש. לי־נעצקי האָט זיין העברייאישע פעדער אינגאַנצן צעבראָכן. צו דער העברייאישער ליטעראַטור פון זיין צייט האָט ער זיך באַ־צויגן מיט איראָניע. אָפט מיט גאַל און פאַרביטערונג. אין איינעם פון זיינע זאַמלביכלאַך, „לינעצקי'ס כתבים" (1876),

שרייבט ער אזוי: „העברייאיש איז א קאטערינקע, מ'דארף ניט קיין אינהאלט; די ווערטער פארטומלען; די מליצות פאר־קלינגען די אויערן. אויף העברייאיש קאן מען שרייבן: להודות, להלל, לשבח, לפאר, לרומם, להדר, לברך, לעלה ולכלם — און דער לעזער איז צופרידן: א סך שיינע ווערטער. זאל א אי־דישער שרייבער פרואוון אוועקלייגן אזא מין לשון: צו לויבן, צו לויבן, צו לויבן, צו דערהויבן, צו לויבן, — וועט מען זיך פון אים אויסלאכן. דא מוז מען געבן אינהאלט, מיט ווערטער אליין קאן מען ניט יוצא זיין". און אין זיין יובילייאום־רעדע, וועלכע איך האב שוין פריער דערמאנט, האט ער אזוי געזאגט: „ווען איך וואלט געשריבן אזעלכע ספרים, ווי דאס רוב העב־רייער שרייבן, בעונותינו הרבים — מהיכא תיתי דען ניט? אבי נאר לשון־קודש, וואלט נאך נימער ערגער געווען. כ'כלעבן, וואס דערלייגט מען דערצו, אז מען טונקט איין א פענזל אין זייף־מילינקעס און מען לאזט בולבעס, איז פארטיג א העברייאיש ווערק. קיין דין וחשבון דארף מען קיינעם ניט אפגעבן דערפון. אז פאר'ן פאלק איז דאס א סוד, און די העברייאישע לעזער פא־דערן דאך ממילא ניט מער, ווי בולבעס, אבי לתועלת השפה העברית. דארף איך שלים־מזל גאר זיין א ספרים־שרייבער אויף עברי־טייטש און דארף האבן צו טאן מיט א וועלט מענשן, וואס זאגן, אז אויף בולבעס לאזן האבן זיי אייגענע פיסקעס".

מ'דארף ניט פארגעסן, אז דאס אלץ איז געשריבן געווארן אין ברען פון רוסיפיקאציע, וואס איז געווארן א סך שטארקער אין דער צייט פון פוילישן מיאטעזש און אין די יארן וואס נאך אים. די צארישע רעגירונג האט געהאלטן די אידישע באפעלקע־רונג פון פוילן גופא און נאכמער פון ליטע און ווייס־רוסלאנד, פאר איר שטיץ־פונקט געגן די פאליאקן. די גובערנאטארן פון יענע געגענטן האבן געוואוסט, אז די אידישע טריישאפט צו דער צארישער רוסלאנד נעמט זיך דערפון, וואס אידן האפן צו באַ־קומען אין גיכן גלייכבארעכטיגונג. אבער די צארישע רעגירונג האט אפילו ניט געטראכט וועגן גלייכבארעכטיגונג; אנשטאט דעם האט זי אנגענומען א שארפן רוסיפיקאטארישן קורס. אויב אין פוילן און אין די מעריב געגענטן זיינען פאראן זייער ווייניג

עכטע רוסן, מוז מען מאכן די אידן פון יענע געגנטן פאר רוסן.

און די משכילים, די טרייע דינער פון דער צארישער רע־גירונג און די פארטיידיגער פון אירע גזירות אפילו, האבן דע־מאלט געפירט א שטארקע רוסיפיקאטארישע פראפאגאנדע. גאט־לאבער ווענדט זיך מיט אן אויפרוף צו די פוילישע אידן, זיי זאלן זיך ניט לאזן פארפירן פון חניפה'דיגע פוילישע פאטריאטן. די פוילישע אידן מוזן צושטיין צו דער רוסישער רעגירונג, וואס באציט זיך מיט חסד צום אידישן פאלק. זיי דארפן ניט פאר־געסן, ווי די פוילישע פעאדאלן האבן זיי באהאנדלט. אין זיי־נעם א העברייאישן ביכל, האט דער זעלביגער גאטלאבער גע־שריבן: מיר זיינען ניט קיין פוילישע אידן, וואס איז א שמוץ־ווארט. מיר זיינען רוסישע אידן פון א געבענשט לאנד, וואו עס פעלט ניט קיין גערעכטיגקייט און חכמה; א לאנד, וואס אירע הערשער זיינען חכמים און צדיקים צוזאמען; א לאנד, וואס ווינשט נאר גוטס די וואס וואוינען אונטער איר שוץ, און דאס גליק פון אט דעם לאנד איז אויך אייער (אידי־שער.—א. ל.) גליק... די משכילים האבן אגיטירט, אז אידן זאלן ניט באזוכן קיין פוילישע שולן, אפילו ווען די רוסישע שפראך איז דארטן אבליגאטאריש: פון פוילישע שולן קאן מען ניט דערווארטן, זיי זאלן דערציען אידן אין ליבע צום טראן און פאטערלאנד. אין די פוילישע שולן קאנען אידן באקומען פאר־שיידענע וויסנשאפטן, אבער ניט דעם באוואוסטזיין, אז זיי זיי־נען רוסישע בירגער...

און צוזאמען מיט דער פראפאגאנדע פון רוסיפיקאציע איז אנגעגאנגען א שארפע אגיטאציע געגן דעם זשארגאן. אייניגע משכילים האבן שוין געשריבן און געדרוקט אידישע ביכלאך. עס איז שוין געווען א אידיש וואכנבלאט. זעלטן ווען פלעגט זיך אפילו הערן א שטים, אז מ'קאן אידיש מאכן פאר א שיינע, געלייטערטע ליטעראַרישע שפראך. אבער די הערשנדע מיינונג צווישן די משכילים איז אין יענער צייט געווען, אז מ'מוז פון דעם זשארגאן וואס גיכער פטור ווערן. בילדונג האט ביי זיי געהייסן רוסישע בילדונג. אלע פעלקער פון רוסלאנד דארפן זיך צונויפגיסן ברידערלאך אין איין שפראך פון לאנד. אנ־

הויבן אָבער דאַרפן אידן, זיי דאַרפן זיך רוסיפיצירן, ווערן משה רבינו'ס רוסן — דאָס איז געווען דער אידעאַל פון די משכילים אין יענער צייט. דאָס, האָבן זיי געמיינט, איז דער בעסטער וועג צו פולער גלייכבאַרעכטיגונג.

אין „המליץ", 1869, שרייבט גאָטלאָבער: „און פאַר־וואָס זאָלן מיר ניט ריידן בעסער אויף דער לאַנדס־שפּראַך און נעמען אַ פרעמדע שפּראַך, וואָס איז אַ געמיש פון אַלע שפּראַכן און פאַרמאָגט ניט גענוג ווערטער אויסצודריקן קיין איין רעכטן געדאַנק? דערהויפּט אויפ'ן וויסנשאַפטלאַכן געביט איז זי פולשטענדיג אָפּגעשטאַנען, און דער, וואָס קאָן בלויז די שפּראַך אַליין, איז אַלץ איינס, ווי ער וואָלט געווען אַ שטומער און זיין האַרץ איז אויף אייביג פאַרשלאָסן פאַר אַלע וויסנשאַפטן. איז שוין לכל הפחות בעסער צו פאַרהיטן אונזער יונגען דור, אונ־זערע קינדער פון דער דאָזיגער צעקאַליעטשעטער שפּראַך, איינ־געוואוינען זיי אין דער לאַנד'ס שפּראַך, בפרט אַז אונזער גאַנ־צער פּאָליטישער גליק איז אָפּהענגיג דערפון".

אין „המגיד", נומער 39, 1865, שרייבט דער זעלביגער גאָטלאָבער: „דעמאָלט וועט גאָט געבן אַלע אידן איין שפּראַך, די לאַנדס־שפּראַך, און אַ רוס וועט זיך צוזאַמענלעבן מיט אַ אידן. יעדערער וועט זיך האַלטן זיין אמונה, נאָר אַ שפּראַך וועלן זיי האָבן איינע, וואָס וועט זיי פאַראייניגן, ווי ברידער."

אין זעלביגן יאָר, 1865, אין קאַטקאָוו'ס רעאַקציאָנער־שאָווי־ניסטישער צייטונג „מאָסקאָווסקיאַ וויעדאָמאָסטי", שרייבט איי־נער אונטער'ן פּסעוודאָנים „רוסקי יעוורייי" אַזוי: „די אונ־טערריכטס שפּראַך אין די אידישע שולן דאַרף זיין רוסיש, ניט דער צעקאַליעטשעטער דייטשער זשאַרגאָן, וועלכער איז בלויז אינטערעסאַנט, אַלס מערקווירדיגער פּראָטעסט געגן די פּאָליאַקן און דער פּוילישער שפּראַך. די עקזיסטענץ פון זשאַרגאָן דינט אַלס באַווייז, אַז די פּאָליאַקן האָבן שטענדיג דערווייטערט אידן פונ'ם בירגערלאַכן לעבן און ליטעראַטור. בלויז אין פּוילן און אין די מעריב־גובערניעס האָבן אידן איינגעהאַלטן זייער היס־טאָרישן זשאַרגאָן. דאָס באַווייזט, אַז די פּוילישע שפּראַך האָט ביי היינטיגן טאָג קיין שום רעכט ניט אַריינצונעמען אין איר

שוים דאָס גאַנצע יודנטום". דער זשאַרגאָן ווערט דאָ גענומען אַלס שאַרפער ארגומענט געגן די פּאַליאַקן, געגן דער פּוילישער שפּראַך און קולטור, אין דער זעלביגער צייט אויך אַלס שאַרפער אַרגומענט געגן זיין אייגענער עקזיסטענץ.

אברהם בער גאָטלאָבער, וועמען איך האָב פריער ציטירט, איז ניט קיין מענש, וואָס ברעכט דורך נייע וועגן. ער איז אַ טיפּישער משכיל און דאָס וואָס ער זאָגט איז אַ ווידערקול פון דעם, וואָס די גרעסטע מערהייט פון די משכילים האָבן אין יענער צייט געטראַכט און געזאָגט. דעריבער זיינען גאָטלאָבער'ס ווערטער אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר דער השכלה פון יענעם פּעריאָד. לינעצקי צייכנט זיך אויס מיט זיין קעמפערישן טעמפּעראַמענט, מיט זיין סאַטירישן טאַלאַנט. ער איז אויך ניט קיין מענש פון נייע וועגן, פון גייסטיגער איניציאַטיוו. אין אידייען איז ער אַ דורכשניטס משכיל. און עס איז אַ באַזונדערער פאַרדינסט זיינער וואָס אין יענער צייט פון פאַרביסענעם קאַמף געגן זשאַרגאָן, איז ער געווען אַ הייסער ליבהאָבער פון דער אידישער שפּראַך און ער האָט זי געשטעלט העכער אַפילו פון העברייאיש, וועלכע איז ביי דאָס רוב משכילים געווען אַן אָפּגאָט, אַ געגנשטאַנד פון ראָמאַנטישער פאַרערונג.

לינעצקי אַליין האָט געקוקט אויף זיך, ווי אויף אַ סאָלדאַט אין אַ מלחמה, ווי אויף אַן אמת-זאָגער, ווי אויף אַ קעמפער פאַר ליכט. ער איז „אַ הונט, וואָס דאַרף האַווקען אויף גנבים", „אַ האָן, וואָס דאַרף וועקן, אָנזאָגן דעם פרימאָרגן". זיין העכסטע אויפגאַבע איז געווען — „איבערקערן דעם לאָקשן-טאָפּ, ער זאָל צעבראָכן ווערן מיטן קוגל אינאיינעם".*)

צו דעם פינף-און-צוואַנציג יאָריגן יובילייאום פון זיין ליטעראַרישער אַרבעט האָט לינעצקי דערזען „דאָס היסטאָרישע

---

*) אומעטום, וואו איך ברענג לינעצקי'ס ווערטער, וואָס ער האָט געזאָגט וועגן זיך אַליין, און איך דערמאָן ניט, אַז ער האָט עס געזאָגט אין זיינע יובילייאום-רעדעס, האָב איך עס גענומען פון זיין לעצטן ביכל „אַראָפּ פון יריד".

רעדל, אויף וועלכן די אלטע פוילישע סאַנדעס פלעגן פאַר־משפּט'ן אידן צו אַ גאַנץ באַזונדערן טויט, אַ לאַכענדיגן טויט! די קישקעס האָבן זיך געסאַטעט דרייענדיג, און דער אומגליקלאַ־כער האָט געלאַכט, ביז ער האָט די כשר'ע נשמה אויסגע־לאַכט". לינעצקי'ס פּעדער איז פאַר אים דאָס זעלבע „רעדל־שפּיל". „דעם אויבערשטן איז ניחא געווען אראָפּצושיקן אַי־ציקלען אַזאַ מוזע, וואָס לאַכט וויינענדיג און וויינט לאַכנדיג. זי הייסט מיט'ן ליבהאַרציגן נאָמען „הומאָר". דעם שרייבער לאַכט זיך, בעת וויינען, און דעם לעזער וויינט זיך בעת לאַכן... דעם ערשטן טישעט זי ברענענדיג, און דעם צווייטן ברענט זי טישענדיג. און דאָס דרייט זיך אַזוי לאַנג, ביז דער שריי־בער ווערט פיזיש אויסגעברענט פון לאַכנדיגער ליבע צום לעזער און מאָראַליש אויסגעלאַכט פון ברענענדיגער שנאה צו אים פון די לעזער. קורץ, איציקל שרייבט לאַכנדיג מיט בלוט, שמעלצנדיג מיט מאַרך, קוועלנדיג מיט נערוון־זאַפט — ממש כלות הנפש און דאָך פּקוח נפש." און אין אַן אַנדער אָרט אין דער זעלביגער רעדע זאָגט ער אַזוי: „מיין שרייבן איז אַ לאַכנדיגע טשאַכאָטקע, אַ מיתה בנשיקה."

דאָס איז שטאַרק. ער האָט אָבער אַ טעות געהאַט, לי־נעצקי, אַ טעות אין נאָמען; אַזאַ מוזע ווי זיינע הייסט ניט הומאָר, נאָר סאַטירע. דער הומאָריסט לאַכט גוטמוטיג; ער באַדויערט, אָבער ער שטראָפט ניט, בייסט ניט. דער סאַטי־ריקער לאַכט מיט פּיאַווקעס, ער שטראָפט, שלאָגט, בייסט, ער וויל ווי טאָן. דער הומאָריסט איז ניט אויסן איבערצומאַכן די וועלט; ער האָט הנאה פון מאָלן די קאָמישע זייטן פון לעבן. ער האָט רחמנות אויף די קאָמישע מענשן, וואָס ער שילדערט און ער וויל מאַכן, זיי אַליין זאָלן גוטמוטיג לאַכן איבער זייערע אייגענע קאָמישע זייטן. דער סאַטיריקער וויל איבערמאַכן די וועלט; ער וויל מיט זיין געלעכטער פאַרטיליגן דאָס אַלטע, כדי צו מאַכן אַן אָרט פאַר דאָס נייע. ער האָט בלוטיג פיינט, ער האָט ברענענדיג ליב. דער הומאָריסט איז מער קינסטלער, דער סאַטיריקער — מער פּובליציסט. שלום עליכם איז געווען אַ הומאָריסט, לינעצקי — אַ סאַטיריקער.

6

דאָס וויכטיגסטע ווערק פון לינעצקי׳ס לעבן, דאָס ווערק, פאַר וועלכע ער גייט אריין אין דער געשיכטע פון דער אידי־שער ליטעראַטור איז „דאָס פּוילישע אינגל״, געדרוקט אין פאַר־זעצונגען אין „קול מבשר״ אין 1867 און באַלד ארויס אין א בוך־פאָרם. שפּעטער האָט מען עס עטלאַכע מאָל איבערגעדרוקט אין לעמבערג, אָן דער ערלויבניש פון מחבר, שטאַרק פאַרגרייזט. פאַר די לעצטע דרייסיג יאָר איז עס ווידער אַמאָל איבערגעדרוקט געוואָרן אין רוסלאַנד אונטער׳ן נאָמען „דאָס חסידישע אינגל״, שטאַרק פאַרגרעסערט און איבערגעמאַכט, אָבער גיכער צום ער־גערן, ווי צום בעסערן; הן אין דער שפּראַך, וועלכע האָט פאַר־לאָרן איר יוגנטלאַכע זאַפטיגקייט, הן אין אינהאַלט, פון וועלכן עס האָט זיך אָפּגעטאָן דער אוממיטלבאַרער טעמפּעראַמענט פון קאַמף און איז אָפּט פאַרביטן געוואָרן אויף רעזאָנערישע ריי־דעריי. ווער עס וויל גוט באַקאַנט ווערן מיט׳ן „פּוילישן אינגל״, זאָל אים לייענען אין דער ערשטער אדעסער אויסגאַבע, אדער אפילו אין א לעמבערגער אויסגאַבע, ווארום די לעמבערגער מוכרי ספרים מיט זייערע גרייזן האָבן דעם בוך ווייניגער געשאַדט, ווי לינעצקי אַליין מיט די ענדערונגען, וואָס ער האָט שפּעטער אין אים אריינגעטראָגן.

נאָך דער וועלט־מלחמה האָט משה זילבורג געגרינדעט אין ווין א אידישן פאַרלאַג, וועלכער האָט ארויסגעגעבן לינעצקי׳ס „פּוילןש אינגל״ אין א קליינעם פאָרמאַט. אויף וויפיל איך וויים, איז דאָס דערווייל די לעצטע אויסגאַבע פונ׳ם „פּוילישן אינגל״.

דאָס „פּוילישע אינגל״ איז א לעבנס־באַשרייבונג פון א חסיד, פון זיין געבוירן, ביז זיין פאַרלוירן. לינעצקי באַשרייבט די הויזפירונג, די ערציאונג, דאָס פאַמיליען־לעבן פון א חסיד. איבערהויפּט דאָס לעבן אין רבי׳ס הויף: דעם רבי׳ן אַליין, זיינע גבאים און מקורבים, די חסידים, וואָס קומען אויף שבת און יום־טוב אָדער גלאַט אזוי צום רבי׳ן, דעם רבי׳ס טיש, די פּאָליטיק פון רבי׳ס הויף. דאָס זיינען ניט קיין אָביעקטיווע

בילדער פון לעבען. ווער עס וועט מיינען דורך לינעצקי׳ס ווערק באקאנט ווערן מיט׳ן חסידישן לעבן פון יענער צייט, וועט א טעות האבן. טאמער גייט דאס חסידישע לעבן אין גאנצן אראפ פון סצענע, וועט מען עס פון „פוילישן אינגל״ ניט קאנען ערלערנען. די אויסערליכע פארמען פון לעבענס־שטייגער קומען ארויס שארזשירט, איבערגעבראכן, ווי אין א קרומען שפיגל. דער גייסט פון חסידות, די פסיכאלאגיע פון די חסידים — זייער נאאיווער גלויבן, זייער זארגלאזער בטחון און לעבנס־פרייד, די התלבות, די נשמה יתרה זייערע — דאס אלץ וועט איר ביי לינעצקי׳ן ווייניג געפינען. ער האט נאר געזען יענע זייטן פונ׳ם חסידישן לעבן, וואס האבן געשטערט דער השכלה, געווען שטיינער אין איר וועג; ער האט געפילט נאר יענע זייטן, וועלכע האבן אים באזונדערס וויי געטאן, וועלכע ער האט געמוזט באקעמפן.

אנדערש האט עס ניט געקאנט זיין. ווען מ׳שטייט אין מלחמה, פנים אל פנים מיט׳ן שונא — איך, אדער דו! דעמאלט קאן מען ביי אים קיין שום גוטס ניט באמערקן. עס וואלט געווען אומנאטירלאך. עס וואלט אפגעשוואכט דעם כח פון קאמף. מלחמה ווייס ניט פון אביעקטיווקייט. עס איז געווען נויטיג דריי צענדליג יארן, די השכלה האט געדארפט זיגן כמעט אויפ׳ן גאנצן פראנט, חסידות האט געדארפט אין א גרויסער מאס פארלירן איר כח, אלס אבן נגף, אז עס זאל מעגלאך ווערן פאר פרץ׳ן, פאר בערדיטשעווסקי׳ן און אנדערע, אריינצוקוקן טיף אין דער נשמה פון חסידות און ארויסזען דעם אינעווייניגסטן אינהאלט אירן. די שרייבער פון דער השכלה־עפאכע האבן בכלל ניט געקאנט שילדערן ריכטיג דאס אידישע לעבן, ווייל זיי האבן אויף דעם געקוקט מיט האס, ווי אויף א זאך, וואס מ׳דארף איינגאנצן באזייטיגן; ווייל זיי האבן זיך צוגעקוקט נאר צו יענע פונקטן, וואס האבן געקענט דינען, ווי א ציל פאר זייערע פיילן. נעמט דעם העברייאישן בעלעטריסט אברהם מפו. אין „אהבת ציון״ און „אשמת שומרון״, וואו ער האט געהאט צו טאן מיט׳ן האלב־לעגענדארן לעבן אין דער אלטער פאלעסטינע פון תנ״ך, האט ער ארויס־

געווען אַ פרישן טאַלאַנט, ניט גאָר קיין גרויסן, און קיין אָריגינעלן אודאי ניט (ער האָט שטאַרק נאָכגעמאַכט דעם פראַנ־צויז אייזשען סיו), אָבער דאָך אַ טאַלאַנט. און דער זעלבער מפּו, אין „עיט צבוע", וואו ער וויל שילדערן דאָס לעבן און קאַמף פון זיין אייגענער צייט, ווערט אַ פּובליציסט, אַ משכילישער מוסר־זאָגער. סמאָלענסקין און ברוידעס זיינען גאָר קליינע מאַלער פון לעבן. י. ל. גאָרדאָן אין זיין „עולם כמנהגו" איז ווייניגער ווי אַלץ טריי דעם אמת פון לעבן און קונסט. גאָרדאָן, ווי לינעצקי, זוכט מער ווי אַלץ צו זיין טריי דעם אמת פון קאַמף. עס רייסט זיך אַמאָל אַרויס פון זייער פעדער אַ בילדל, אַ שילדערונג, וואָס האָבן סימנים פון טאַלאַנט און וואַר־האַפטיגקייט. אָבער דאָס טרעפט זעלטן. בכלל זיינען זייי־ערע ערציילונגען און ראָמאַנען טענדענציעזע מוסר־פּובליציס־טיק. אין „פּוילישן אינגל" געפינט איר אַמאָל אויך לעבעדיגע בילדער, אָפּט גאַנץ זאַפטיגע. אינגאַנצן איז עס ניט קיין טרייע שילדערונג פון לעבן, נאָר אַ פּאַמפלעט, אַ בייזע קאַריקאַטור, וועלכע שפּיגלט אין זיך אָפּ אַלע מעלות און חסרונות פון דער השכלה־ליטעראַטור.

לינעצקי זעט ניט אין די חסידים קיין סימן פון שיינקייט. אַלץ איז מיאוס, אַלץ איז אָפּשייליך. ער האָט פאַר זיי איין פאַרב — סאַזשע.

„אַ סבראַד אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע, צעכראַסטעטע, שמוציגע און קויטיגע שלעפּערס, מיט פאַרגעלטע, אויסגעצוי־גענע פנים'ער, מיט געגאָלטע קעפּ און קלאָטשעוואַטע צונויפגע־שלאָגענע באָרד און פאות. פייער ברענענדיגע שוואַרצע אויגן, טיף אין קאָפּ אַריין, ווי ביי טשאָכאָטאָטשניקעס... פאַרמאַטער־טע, אויסגעהאָרעוועטע, ערנידעריגטע און פאַראַכטעטע — נאָר זיי פילן עס ניט און היצן זיך נאָך דורך געקינסטלטע התלהבות פון אַ ביסל תקון... הכלל, נשמות אָן גופים און שאָטנס אָן אַ זין, וועלכע שוועבן, און שטרעבן, און קוראַזשען זיך, און דרייען זיך, און וואַקלען זיך און טאַנצן, און שפּרינגען און פליען עפּעס אַרום אַ מין ליכט, וואָס ווייזט זיך זיי נאָר אויס".

און אָט האָט איר אַ מאַסן־בילד פון די חסידים אין רבי'ס הויף:

„דער הויף איז פול מיט אידן, אידענעס, יונגע לייטלאַך און קינדער; אַ געשריי, אַ געפילדער, אַ שטיפעריי, נאָר ווי די פאַר'סם'טע מייז! מען וואַרפט מיט די הענט. מען רוי־כערט, מען הוסט, מען כראַקעט, מען שפייט, מען קייט, מען שטופּט עלענבויגנס, מען זידעלט, מען שעלט, מען פּאַטשט; די היטלען פּאַרוקט אויף די פּאַטילניצעס, די פּאָלעס צעלאָזט אויף הינטען, די עק־גאַרטלען אויף דער ערד, אַ כוואַליע אַהער, אַ כוואַליע אַהין; עס רוישט, עס טומלט, ווי אין הונדערט פּאַראַוויע מילן, און עס איז כמעט ניטאָ, וואו אַ שפּילקע צו דער ערד וואַרפן"!

דאָס בילד פון רבי'ס הויף איז אויסערלאַך ענלאַך — ענ־לאַך, אָבער ניט אינגאַנצן ריכטיג. דאָס איז אויך געווען, אָבער ניט דאָס אליין איז געווען. קיין טענות קאָנט איר צו לי־נעצקי'ן ניט האָבן. זיין כונה איז גאָר ניט צו שילדערן, צו מאָלן. ער וויל קעמפן, ער וויל ברעכן, ער וויל לערנען. ער יאָגט זיך ניט נאָך שיינקייט פון פאָרם. ביי אים איז דער עיקר — דער תכלית. שיינקייט מאַכט זיך ביי אים אַמאָל אַגב אורחא; דער עיקר איז ניט דאָס בילד, נאָר די פּאַרטייטשונג אונטער אים. חוץ דעם איז דאָך לינעצקי אַ משכיל, אַ ראַ־ציאָנאַליסט, וועלכער האַלט מער ווי אַלץ פון לאָגיק, פון טרו־קענעם שכל. ענטוזיאַזם, דבקות, התלהבות — דאָס זיינען אַלץ זאַכן, וואָס שטערן דעם טרוקענעם שכל צו טאָן זיין אַר־בעט, הייסט עס, מיטהעלפער פון פינסטערניש.

לינעצקי איז געבוירן געוואָרן אין אַ חסידישער סביבה. אין זיין קינדהייט האָט ער איינגעזויגן אין זיך אַ סך פון דער חסידישער ראָמאַנטיק. דערמאָנט ער זיך נאָך שפּעטער אויך אַמאָל, אַז דער בעל שם טוב, דער גרינדער פון חסידות, איז אויסן געווען מיט זיין נייער שיטה „עבודה מאהבה", ס'הייסט טאָן די זאַך אויס אייגענעם ווילן און פילן דעם הויכן אייגענעם זין פון אַ מצוה מיט אירע ווירקלאַכע נוצן אין לעבן (אין די אונטערגעשטראָכענע ווערטער האָט דער משכיל גובר געווען דעם

חסיד). ער דערמאָנט זיך, אז חסידות פאַרמאָגט התלהבות, פרייליכקייט, אחדות. ער באַווייזט עס אונז אָבער קיינמאָל ניט אין לעבעדיגע פאַרבן. ער דערמאָנט זיך אָן דעם אַלעמען ניט ביים שילדערן דאָס לעבן, נאָר אין וכוח, אין מיטן אַ לאַנגער, טרוקענער דרשה; און דאָס אויך נאָר אויף אַ ווײַלע. באַלד ווערט ער ווידער אַ משכיל, אַ קעמפער, און קוקט אויף חסידים, ווי אויף אַ באַנדע ווילדע יונגען, מיט אַן אומגעלומפּערטן אָבער־גלויבן, ביי וועלכע די התלהבות איז אַ געקינצלטע — פון אַ ביסל בראָנפן.

דער רבי און זיינע מקורבים זיינען ביי לינעצקי'ן דורכאויס שווינדלער, פאַרברעכער און גנבים. די רביצין הייסט גנב'ענען צירונג און דערנאָך פּוצט זי זיך אַליין מיט דעם אויס. דעם רבי'ס זון איז אַ הולטאַי, אַ מנואָוול: ער פאַרגוואַלטיגט זיין שוועסטערקינד, און אַז זי פאַרגייט אין טראָגן, גיט ער איר רפואות אָפּצוטרייבן. דער רבי מאַכט, אַז עקרות זאָלן האָבן קינדער מיט אַ נס: דהיינו! מ'גיט זיי איין אַ שלאָפטרונק און אין שלאָף שענדעט זיי דער גבאי. דער גבאי איז אַן אויסוואורף, אַ מאַן פון צוויי ווייבער, גרייט צו שווערן פאַלש, צו זאָגן פאַלשע עדות. דער רבי אַליין איז אַן עם הארץ, אַ הול־טיי, חבר'ט זיך מיט „אַלע מוסרים, גנבים, ראַסטאַווּשטשיקעס, קאַבאַטשניקעס און בתי זונות". זיינע מופתים זיינען „תמיד פאַראויס אָפּגערעדטע, אָפּגעשטעלטע, אָפּגעפּלאַנעוועטע און אויס־גערעכנטע צום פּונקט, צו דער מינוט, און געווים נײַנציג פּראָ־צענט פון זיי ווערן אָפּגעמאַכט דורך כאַבאַרן, רכילות, מסירות, שרפות, בזיונות, אַסטראָגן, גנבות, גזלות, רציחות, מאַשענ־סטוואָ און שפיכות דמים (בלוט פאַרגיסונג אויך, ווען מען מוז").

עס איז קיין ספק ניט, אַז אין קאַמף אַ פריער געגן די מתנגדים, דערנאָך צווישן איין רבי'שער דינאַסטיע געגן דער אַנ־דערער און שפּעטער געגן די משכילים, זיינען אָפּגעטאָן גע־וואָרן ניט ווייניג פאַרברעכן, בפרט מסירות, שרפות און בזיונות. די מתנגדים געגן די חסידים האָבן געקעמפט מיט די זעלביגע מיטלען, און אפילו די משכילים האָבן אין זייער קאַמף געגן

חסידות זיך אויך ניט אַלע מאָל אָפּגעשטעלט פאַר'ן געווער פון מסירה. אַלע קעמפּנדיגע צדדים האָבן געהאַלטן, אַז דער ציל הייליגט די מיטלען. האָבן צווישן די חסידים זיך אויך געקאָנט טרעפן פאַרברעכער און פאַרברעכנס. אין אונזער וועלט זיינען מענשן ניט קיין צאַצקעס. אָבער ביי חסידים האָבן זיך אַזעלכע זאַכן אין דורכשניט געמאַכט געוויס ניט אָפטער, ווי ביי אַנדערע טיילן פון דער אידישער באַפעלקערונג. מאַכן גראָבע קרימי־נעלע פאַרברעכנס פאַר'ן לעבעגס־שטייגער פון די רבי'שע הויפן — דאָס איז געווים געווען דורכאויס אַ פאַלשער בלבול. די משכילים האָבן געהאַלטן דעם גאַנצן וועזן פון חסידות פאַר איין גרויסן פאַרברעכן. און כדי צו באַפרייען דאָס אידישע פאָלק פון אַט דעם פאַרברעכן, האָבן זיי צווישן אַנדערען שטאַרק אָנגע־ווענדעט אויך דאָס געווער פון רכילות און בלבול. בפרט אַז די חסידים גופא האָבן אויף די משכילים געמאַכט געוויס ניט קיין קלענערע, ניט קיין ווייניגער אומגעלומפּערטע בלבולים.

לינעצקי שאַצט ניט אָפּ דעם פאַקט, וואָס חסידות האָט גע־מאַכט רייכער די פאַנטאַזיע ביי אידן, ער שאַצט ניט אָפּ די פאַנטאַסטישע און סימבאָלישע מעשה'לאַך פון די חסידים, זייערע נגונים, זייער באַרייכערן די אידישע שפּראַך — ביי אים זיינען דאָס אַלץ בלויז חסרונות, עלעמענטן פון אָבערגלויבן, וואָס פאַרפינסטערן דעם קלאָרן שכל. בעת ער רעדט וועגן דעם רבי'ס מופתים, זעט ער ניט דעם גרויסן כח פון סוגעסטיע, וואָס אַ טיפער, פּרימיטיווער גלויבן האָט אויף מאַסן און אויף איינצל־נע מענשן. ער זעט דאָ נאָר קרימינעלע אויסרעכענונגען צו פאַרבלענדן, צו באַשווינדלען. לינעצקי האָט ניט פאַרמאָגט גענוג קינסטלערישן כח צו באַווייזן, אַז דער גאַנצער מהות פון חסידות, זיין וועלט־באַנעמונג, זיין גרונדשטימונג, דער לעבנס־שטייגער, וואָס ער האָט געשאַפן — דאָס אַלץ איז שעדלאַך און שטערט דעם לעבן און דער אַנטוויקלונג. ער מוז רופן צו הילף שווערע קאַריקאַטור און שווערע בלבולים.

דאָס „פּוילישע אינגל" פירט זיך אין אַ טאָן פון אַ סאַ־טירישער ביאָגראַפיע. די ערציילונג פליסט לעבעדיג, גרינג, פול מיט שפּאָט און שאַרזש, ווערטלאַך און קאַריקאַטורן. אָבער אין

צווייטן טייל איז פאראנען אן אונמעגלאך לאנגע רעדע (גאנצע 15 זייטן), וואס דער לערער, דער משכיל, האלט פאר די חסידים אין א מאמענט פון קאטאסטראפע, בעת פאליציי באפאלט דעם רבי'ס הויף. שפעטער, אין טורמע, פירן צוויי חסידים א לאנגען ויכוח. דער אינהאלט פון די דאזיגע לאנגע און לאנגווייליגע דרשות איז א ריין משכילישער, דער אני מאמין פון דער השכלה.

„קוקט אייך ארום, ברידערלאך, — זאגט דער לערער אין זיין רעדע, — אין וואס פאר א ביטערער לאגע מיר אידן געפינען זיך צווישן די פעלקער איבער אונזערע שלעכטע מעשים, פארדארבענע זיטן און הנהגות און איבער אונזער פארפרעמדן זיך פון אלץ וועלטלאכעס, בילדונג און דרך ארץ... וואס זאגט די מענשהייט, אז לא די איר זיינט א לא־יוצלח'דיג אבר פון דעם כלל, וואס גיט זיך אפ נאר מיט פוסטע פאנטאזיעס, שטותים און הבלים — זיינט איר נאך גאר א שעדלאך אבר, וואס קען זאראזן דעם גאנצן קערפער... און די רעגירונג, וועלכע האלט אייך אונטער איר שוץ און ניאנטשעט זיך מיט אייך, ווי מיט א ליידיגייער, א פוסטעפאסניק, מוז נאך טראטיען העכער האלב צייט, מי און שפייזן פון די אבשטשע ניצן אויף אייערע שענדלאכע און געמיינע אינטריגעס".

לינעצקי'ס שפראך איז שווארצע ערד, פעט, נאר ניט קולטיווירט; רייך, נאר ניט געשליפן. דאס איז פאדאליער און בעסאראבער אידיש, פול מיט פארגרייזטע רוסישע ווערטער. דאס אידיש פון חסידישן שטיבל איז דא פארמישט מיט'ן אידיש פון מארק, פארבראקט מיט פאלאווינע רייסישע אויסדרוקן פון משכילים. ווערטער פארמאגט לינעצקי א גאנצן אוצר. אויסער שלום־עליכם'ן פארמאגט, דאכט זיך, קיינער ביי אונז ניט אזוי פיל ווערטער, ווי לינעצקי. ער שטעלט זיך ניט אפ פאר א גראבןווארט אויך, אבי עס זאל זיין שארף, אבי אויסדרוקפול. לינעצקי האט זיין אייגענעם סטיל, אין וועלכן עס פילט זיך זיין פולס, וועלכן איר וועט אויף קיינעמס ניט פארבייטן. זיין פראזע איז געבויט ניט זייער גראמאטיקאליש, אבער זי איז רייך אין פארבן, דורכגעפלאכטן מיט א בילדל, אן אנצוהערעניש, א וויץ; זי איז ענערגיש און אטעמט מיט לעבן און קאמף.

פונקט ווי איצט מאכן ביי אונז אפולע נאך שלום עליכם'ן, אזוי האט מען אמאל נאכגעמאכט לינעצקי'ן. און פונקט ווי שלום עליכם'ס נאכמאכער כאפן אראפ פון רבי'ן מער די חסרונות, ווי די מעלות, אזוי איז אויך געווען מיט לינעצקי'ס נאכמאכער. וואו ער איז געווען גייסטרייך, זיינען זיי דאס רוב געווען פלאך. וואו ער איז געווען גראב און שארף, זיינען זיי געווארן גראב און טעמפ. ביי אים איז דאס געלעכטער, צום ווייניגסטן אין „פוילישן אינגל", געווען א געווער פון קאמף; ביי זיי איז עס געווארן א ברחניש מיטל צו קיצלען דעם לעזער. פארגלייכט דעם „פוילשן אינגל" מיט דער „וועלט-מסירה" פון מאניע דלוגאטש „אוים אלט-קאנסטאנטינאוו", וועט איר זען דעם גרויסן אונטערשייד צווישן לינעצקי'ן מיט זיינע נאכמאכער.

לינעצקי האט געהאט א גרויסע ווירקונג אויף דער אנטוויקלונג פון אונזער ליטערארישער שפראך. ניט בלויז אויף זיינע נאכמאכער, נאר אפילו אויף די, וואס האבן ניט געוואלט און ניט געטראכט אים נאכצומאכן. ער האט בארייכערט דעם אוצר פון ווערטער און אויסדרוקן. ער האט געמאכט לעבעדיגער די פראזע, צוגעגעבן איר ענערגיע. אליין ניט אינגאנצן ריין פון ברחנות, האט ער אויפגעהויבן דעם אידישן געלעכטער פון ברחנות צו סאטירע. לינעצקי איז אונזער ערשטער סאטיריקער, וואס פארדינט כשר דעם דאזיגן נאמען.

איצט איז גאר שווער אפצושאצן, וואס פאר א גרויסע באדייטונג דאס „פוילישע אינגל" האט געהאט פאר זיין צייט. א פאר צענדליג יאר נאכאנאנד איז עס געווען א בוך, אויף וועלכן עס איז שטענדיג געווען דער גרעסטער נאכפרעג, א בוך, אויף וועלכן מ'האט זיך ניט געקאנט דערווארטן, און ווען מ'האט עס באקומען, איז עס געווען א גאנצער יום טוב; איינס פון יענע ביכער, וואס באהערשן די מחות און פארכאפן די הערצער.

עס האבן אים געלייענט מענשן, וועלכע זיינען שוין לאנג אוועק פון חסידות, און זיי האבן הנאה געהאט פון די קלעפ, וואס זייער בלוט-שונא האט באקומען, און די שנאה האט זיך ביי זיי שטארקער צעפלאקערט, זייער קאמף געגן חסידות איז

געוואָרן שאַרפער. עס האָבן געליִיענט יונגע לייט, וועלכע האָבן זיך נאָך געוואַקלט, זיך ניט געקאָנט באַשליסן אַהער אָדער אַהין; און דאָס „פוילישע אינגל" איז געווען דער שאַרפער מעסער, וואָס האָט אָפּגעשניטן די לעצטע פעדים, וועלכע האָבן זיי נאָך פאַרבונדן מיטן אַלטן. מ'האָט עס געגעבן מענשן, וואָס האָבן נאָך דעם טעם פון השכלה ניט פאַרזוכט, געלעגן ווי אַ וואָרים אין כריין. ביי די ערשטע זייטלאַך האָבן זיי גוטמו־טיג געלאַכט, ווי פון לצנות, ווייטער אביסל האָבן זיי געשליי־דערט דאָס בוך אָן דר'ערד, ווי אַ חלול השם, אַ לעסטערונג אויף אַלץ, וואָס הייליג. זיי האָבן עס אָבער באַלד ווידער אויפגע־הויבן. עס האָט זיי געצויגן צו לייענען אַלץ ווייטער און ווייטער, ביז זיי זיינען אינגאַנצן אריינגעצויגן געוואָרן אין נעץ, און דאָס בוך האָט אָנגעמאַכט אַ גאַנצע איבערקערעניש אין זייער נשמה. אַ פולע האָבן לכתחילה אנגעהויבן לייענען דאָס „פוילישע אינגל" נאָר צוליב געלעכטער; זיי האָבן אָנגעקוואָלן פון די שאַרפע ווערטלאַך, נאָר ווייל זיי זיינען שאַרף. דער אינ־האַלט האָט זיי ניט געקימערט. אָבער אַליין ניט באַמערקט, האָבן זיי אָנגעהויבן פיינט האָבן דאָס, וואָס ווערט אויסגעלאַכט; געגן זייער ווילן האָט זיי דער פאַרפאַסער פאַר'סמט מיט זיין שנאה. מ'האָט שפעטער געפונען אין אונזער ליטעראַטור פיי־נערע סאַטירישע זייטן, מער ליטעראַרישע, מער געשליפענע, און טיפערע אודאי. קיין שטאַרקערע, קיין שאַרפערע סאַטירע, ווי דאָס „פוילישע אינגל" איז געווען, פאַרמאָגט נאָך אונזער לי־טעראַטור עד היום ניט. מיט אַלע גרויסע פעלערן זיינע, איז דאָך דאָס „פוילישע אינגל" דער איינציגער אין זיין מין.

כדי בעסער צו פאַרשטיין די גרויסע באַדייטונג, וואָס לי־נעצקי'ס בוך האָט געהאַט פאַר זיין צייט, מוז מען זיך דערמאָ־נען, אַז די חסידים האָבן אָנהויב פון אָנגעהויבן אויסגענוצט דאָס פשוט'ע אידיש, כדי צו געווינען די הערצער פון המון. גראָד אין דער צייט, ווען וועלכער מיר ריידן, האָבן די חסידים אַרויסגעגעבן פאַרשיידענע לעבנס־באַשרייבונגען פון זייערע צדיקים, פול מיט נסים ונפלאות, אותות ומופתים, וואָס קאָנען פאַרכאַפּן די פרימיטיווע פאַנטאַזיע. די דאָזיגע וואונדער־

מעשיות זיינען געווען געשריבן אין פשוט'ן אידיש פון טייטש־חומש און תחינות. געדרוקט אויף ביבל־פאפיר, האט מען זיי אין טויזנטער עקזעמפלארן צו ביליגע פרייזן פארשפרייט צווישן ברייטן המון. דאס „פוילישע אינגל", געשריבן כמעט אין א גאסן־אידיש, מיט א סך פעפער און זאלץ, צוגעגגלאך און אנ־ציענדיג, איז געווען דער בעסטער געגן־גיפט געגן די חסידישע מעשיות. אים האבן געלייענט ניט נאר בעלי־בתישע קינדער, באהאוועטע אין די שווארצע פינטעלאך, נאר פשוטע מאסן־מענשן, באלעמעלאכעס, טרעגער, דינסטן — דער המון. דאס איז געווען דער גראב־אייזן, וואס האט געריסן די ווארצלען פון חסידות אין דער שווארצער ערד, וואו זי האט געהאט די גרעסטע האפענונג צו פרוכפערן זיך און מערן.

די באדייטונג פון „פוילישן אינגל" איז איצט נאר א היסטארישע. פאר אונזער צייט האט עס קיין לעבעדיגע באַ־דייטונג ניט, אנדערע שונאים, אן אנדער קאמף, אנדערע געווער. היינט איז אפילו שווער דורכצולייענען דאס גאנצע בוך. מ'דארף זיך דערצו אנטאן א כוח. דאך זיינען פאראן אין בוך אזעלכע זייטן, וועלכע מ'קאן נאך היינט אויך דורכלייענען מיט לעבע־דיגן אינטערעס. דאס זיינען יענע זייטן, וואו עס ווארפן זיך דורך פארביגע בילדלאך פון לעבן, אדער וואו דאס געלעכטער איז באזונדערס שארף און שטעכעדיג. די מלחמה איז אריי־בער. די מוזיק פון מלחמה קאן אייך נאך אנצינדן, קאן מאכן שטארקער שלאגן אייער הארץ.

לינעצקי האט שפעטער אויך דאס חסידות ניט צו רו גע־לאזן. ער האט אנגעשריבן „דעם פוילישן אינגלס זון", „א ווארים אין חריין — נאכווייעניש נאכ'ן פוילישן אינגל". אין די דאזיגע ווערק איז שוין פאראן מער שילדערונג. ער זעט אפילו איין אייניגע גוטע זייטן פון חסידישן לעבן אויך. אין „ווארים אין חריין" איז פאראן א גאלעריי בילדער פון טרוימער מיט פאעטישע נשמות — „גאלד פון דער בלאטע ארוים", „ליכטיגע פייער־פונקען". דער „ווארים אין חריין" איז גע־שריבן אין א טאן פון ווייכן הומאר. אבער ביידע ווערקלאך האבן נאר א קליינע באדייטונג. די מאלעריי אין זיי איז ניט

פון הויכן ווערט, עס זאָל זיך לוינען אויף איר אָפּצושטעלן. און די סאַטירע — לינעצקי'ס שטאַרקסטער כוח — איז אין דעם „פּוילישן אינגלס זון" איבערגע'חזר'ט פונ'ם „פּוילישן אינגל", נאָר טעמפּער, מיט אַ סך ווייניגער טעמפּעראַמענט און גלאַנץ. אין „וואָרים אין חריין" איז שוין קיין סאַטירע גאָר ניטאָ. צוואַנציג יאָר נאָכ'ן „פּוילישן אינגל" איז שוין די צייט פון שאַרפן קאַמף געגן חסידות אַריבער. די שנאה איז גע־וואָרן אַ סך שוואַכער ביים לעזער, וועלכער האָט זיך ניט גע־דאַרפט שטאַרק רייסן פון חסידות, ווייל ער איז צו איר קיינ־מאָל ניט געווען שטאַרק צוגעבונדן. ביי לינעצקי'ן אַליין האָט די שנאה שוין אויך אָנגעהויבן זיך אויסלעשן; זיין „וצונו" האָט שוין אָנגעהויבן זיך איינהילן פאַר אים אין אַ גרינגען ווייכן וואָלקן פון קינדרעשע עראינערונגען.

8

באַלד נאָך דעם „פּוילישן אינגל" הויבט זיך אָן לינעצקי'ס טראַגעדיע, אַ טראַגעדיע, וואָס האָט געדויערט ביז דעם לעצטן טאָג פון זיין לעבן.

די אידישע ליטעראַטור איז נאָך דעמאָלט געווען אין די וויקעלאַך. ניט געווען קיין מאַרק. אָפּדרוקן אַ אידיש בוך איז אָנגעקומען שווער; פאַרקויפן — נאָך שווערער. העבּ־רעאישע מחברים־משכילים זיינען געגאַנגען אינ'ם וועג פון די אַלטע רבנים. זיי פלעגען פּעדלען מיט זייערע ביכער איבער די הייזער פון בעלי־בתים און גבירים, באַקומען אַ רובל, אַ דרייערל, איין מאָל אין אַ יובל אַ גאַנץ צענערל. און אָפּט איז מען אַוועק מיט לידיגן; דער בעל הבית האָט געוויזן די טיר. דאָס האָט זיך ניט געווענדט אָן דעם ווערט פון בוך, נאָר אָן דעם מעמד פון בעל הבית, אָן זיין ליבע צו כבוד, אָן דעם, ווי עס איז אים אין דער מינוט געווען אויפ'ן הארצן, אָן דעם איינדרוק, וואָס דער מחבר פערזענלאַך האָט אויף אים געמאַכט.

לינעצקי האָט אויסגעקליבן דעמזעלבן וועג. פּעדלען מיט אַן אייגענעם ווערק איז שוין אַליין פאַר זיך אַ מלאכה בזויה, אַ מין שנאָרעריי. אָבער אָט די שפּל'ע פרנסה האָט פאַר'סמט

די נשמה ניט בלויז ביים פארקויפן דאָס ביכל, נאָר נאָך פריער, בעת מ׳האָט עס געשריבן. מ׳האָט דאָך געמוזט צוטרעפן דעם בעל־הבית, אים האווירן; ווען ניט, וועט ער קיין רובל ניט געבן. לינעצקי האָט זיך געמאכט א נאָמען פאר א לץ, אַן אַפּ־שפּעטער, א חוזק־מאכער. א געוויינלאכן זאָטן בעל־הבית איז ניט אזוי וויכטיג פון וואָס מ׳לאַכט, ווי דאָס געלעכטער גופא; און וואָס ביליגער און וואָס פלאַכער דאָס געלעכטער איז, אלץ מער געפעלט עס אים. האָט זיך לינעצקי אראָפּגעלאָזן צו בדחנות, צו לצנות, צו פלאַכע אנעקדאָטן און פוילע וויצן. זיין „לוח אין כפּה״ אין די „לינעצקי׳ס קאַלענדאַרן״, באַשטייען דורכ־אויס פון בדחנות און לצנות.

מ׳זאָגט, אז לינעצקי האָט דעם גאַנצן פולווער זיינעם אויס־געשאָסן אין „פּוילישן אינגל״, און נאָכדעם איז שוין זיין סאַ־טירישער טאַלאַנט אויסגעשעפּט געוואָרן. דאָס איז ניט אינ־גאַנצן אמת. לייענט זיינע כתבים „די פּריטשעפּע״ און „דעם סטאַטיק״ (1876), זיי זיינען העכער העלפט בדחנות. אָבער פאראַן דאָרטן זייטן, וואָס זיינען ווייט פון בדחנות. לייענט די ערטער, וואו ער לאַכט אויס די העברעאישע ליטעראַטור פון זיין צייט, וועט איר נאָך פילן דעם סאַריטיקער, דעם קעמפער.

נאָר וואָס דען . . . אָט וואָס ער אליין זאָגט וועגן דעם אין זיין שוין פיל מאָל דערמאָנטער יובילײ־רעדע: ער וויל עסן, ניטאָ קיין פּרנסה; „מוז ער זיך וויינענדיג שיידן פון זיין שפּי־לענדער מוזע און לויפן אין יאַטקע אריין און פארקויפן זיין איינענעם לונג און לעבער״. ער געדענקט נאָך זיין אויפגאַבע, צו וועקן, צו בילן. און ער מאַכט אַ פּשרה: „ביסטו אַ האָן — קרעה, ביסטו א הונד — וועק. און אזוי פירט זיך שוין בסדר: „איציקל קרעהט און האַווקעט, ווען ער פארקויפט לונג און לעבער״. אָבער וואָס ווייטער קרעהט ער און האַווקעט אלץ וויינינגער און פארקויפט לונג און לעבער אלץ אָפטער. ער גיט ארויס הומאָריסטישע „פלעדערוויישן״ און אנדערע שמאַכ־טעס.

ער פּרופּט ארויסגעבן א אידישע צייטונג, שאַפן פאר זיך א טריבונע. דאָס גיט זיך ניט איין. פאר׳ן „בייזן מאַרשאַליק״

איז קיין אָרט ניטאָ. מע מוז בלייבן א פּשוט'ער מאַרשאַליק. זיין לאַגע איז אוממעגלאך, ניט קיין פּרנסה, ניט קיין זעלבסצופרידנקייט. און דאָ קומען אָן די ראָמאַנען־שמירער: שמ"ר, בלאָשטיין און זייערע חברים. די לעזער כאַפּן זיך צו די האַרצרייסנדיגע ראָמאַנען, און לינעצקי זעט, ווי דער ברייטער עולם, אויף וועלכן ער האָט אזוי פיל האָפענונגען געלייגט, צוליב וועלכן ער האָט זיין העברעאישע פעדער צעבראָכן, איז ניט דערוואַקסן, וואַרפט אים אַוועק, פאַרקריכט אין א זומפּ. „דרוקסטו א ביכל — ווער קויפט? די מאַסע לייענט שמר'ן. די גבירים גיבן א קערבל. אָבער אין דעם שטעקט די טראַגעדיע. דו בילסט אויף מיר און נעמסט ביי מיר א קערבל? האַלט ער מיך מיט זיין קערבל אויף א קייטל". „זיין שפּילנדע מוזע מוז אים צושפּילן, טאַנצנדיג איבער די הייזער".

דאָס פעדלעריי מיט אייגענע ביכלאך האָט געוויינלאך געמאַכט די מחברים אָדער פאַר שנאָרער, חנפושניקעס אָדער פאַר פאַרביטערטע מענשן, וועלכע זיינען פאַרבייזט אויף אַלץ און אויף אַלעמען. לינעצקי איז בטבע געווען א מענש א כעסן, א כאַלערישער טעמפּעראַמענט. דאָס פעדלען האָט אים נאָך מער צערייצט. איז ער געקומען צו א גביר פאַרקויפן א ביכל, און יענער האָט אים גראָב אויפגענומען אָדער אָפּגעזאָגט, האָט לינעצקי זיך געזידלט, געסטראַשעט. שפּעטער פלעגט ער אַזאַ אייַנעם „באַשרייבן", אויסלאַכן. און אַנדערע האָבן שוין געגעבן דאָס קערבל אויס מורא פאַר לינעצקי'ס בייזן צונג און פאַר זיין נאָך בייזערער פעדער. לינצעקי האָט עס ניט געטאָן בכיון. ער איז געווען אָרנטלאך. ער האָט ניט געמאַכט פון זיין בייזקייט קיין פּרנסה. פאַרקערט, די פּרנסה האָט אין א גרויסער מאָס אַרויסגערופן די בייזקייט.

די ערשטע יאָרן נאָך די פּאָגראָמען. די השכלה גייט אַוועק אין איר רו אריין. מ'האָט זיך אין איר „אָפּגענאַרט", עס שווימט אַרויס דער קאַמף קעגן אַסימילאַציע, דער נאַציאָנאַליזם, חבת ציון. לינעצקי געפינט, דאַכט זיך, א נייעם אידעאַל. ער שרייבט,

אגיטירט; הייסט אויסקלייבן, „אהין אָדער אהער, א מגן דוד אָדער אַן אָפּענע שער", פּילדערט קעגן דעם „אַמעריקאַנעץ", לויבט אין הימל אַריין דעם „פּאַלעסטינעץ". אָבער שוין ניטאָ די אַמאָליגע פרישקייט, דער אַמאָליגער טעמפּעראַמענט. און לינעצקי איז בכלל א מאַדים נאָר אויף קריטיקירן, ניט אויף שאַפן; ער איז א נביא פון ניין, ניט פון יאָ. חוץ אַלץ איז די נייע באַוועגונג פאַר אים א פרעמדע וועלט; ער פילט איר מיט, אָבער ער קאָן זיך אין איר קיין אָרט ניט געפינען. ווייניג מענשן זיינען פאַראַן, וואָס קאָנען אין די מיטעלע יאָרן איבער־לעבן א גייסטיגן קריזיס און בלייבן גאַנץ, וואָס קאָנען דינען דעם נייעם גאָט מיט דעם זעלבן פייער, ווי דעם אַלטן גאָט פון זייער יוגנט, וועלכן די צייט האָט צעבראָכן. אזעלכער איז געווען משה ליב ליליענבלום. אזעלכער איז ניט געווען לי־נעצקי. ער האָט זיך געפילט שלעכט מיט די חובבי ציון. אים איז ניט געפעלן געווען זייער „געקינצעלטער, אויפגעבלאָזענער נאציאָנאַליזם, אין וועלכן עס פעלט אי מענש, אי איד". זיין פעדער לייגט ער ניט אוועק. ער זעצט איבער לעסינגס „נתן החכם", פינס (אָדער לעהמאַנס?) „יעקב טיראַדאַ", גרעץ'ס אידישע געשיכטע. ער קאָן אָבער ניט גוט קיין דייטש, און די איבערזעצונגען קומען אַרויס שוואַך. מ'ווייזט עס אים אָן, פאַר־שטייט ער ניט, בייזערט ער זיך. צום סוף פון די אַכציגער יאָרן נעמט ער מאָלן דאָס חסידישע לעבן אָן סאַטירע, נאָר מיט א ווייכן הומאָר („א וואָרים אין חריין", אין שלום עליכם'ס „פאָלקס־ביבליאָטעק, 1888 און 1889). אָבער ווייט גייט ער אין דעם ניט אוועק. זיין מאַטעריעלע לאַגע איז זייער א טרויעריגע. פון די אָרימע שטונדן, פון די ביכלאך קלעקט קוים אויף וואַסער צו קאַשע. א מענש גייט אוים, פילט, ווי ער גייט אוים, און ער נערט זיך אויף זיך אַליין און אויף דער גאַנצער וועלט.

די ערגסטע צייט איז פאַר אים די לעצטע צוואַנציג יאָר. די אידישע ליטעראַטור איז אונטערגעוואַקסן. פאַראַן שוין א שטיקל מאַרק, פאַראַן אַן אָרט פאַר בעסערע שרייבער, אָבער לינעצקי איז אַלט און איבערגעברענט. ער מיינט, אז שולדיג זיינען זיינע שונאים, וואָס האָבן אים אַרויסגעלייגט א שלאָס

אויפ'ן מויל. ער גלויבט, אז ער האָט נאָך איצט אויך וואס צו זאָגן, וואס אויסצולאָכן, אז די שטיינער און דערנער, וואס מיט 30—40 יאר צוריק, זיינען נאָך היינט אויך איגגאַנצן פון וועג ניט אָפּגעראַמט. אָבער ער פילט, אז דאָס לעבן איז איצט צופיל פארוויקלט, און ער קאָן זיך שוין אין אים ניט פונאַנ־דערקלייבן. „אמאָל, קלאָגט ער זיך, זיינען געווען נאָר צוויי „איזמען" — פאַנאַטיזם און ליבעראַליזם. איצט ציוניזם, סאָ־ציאַליזם, מאָדערניזם, אַנאַרכיזם און נאָך אַזוי פיל „איזמען", אז דער קאָפּ פארדרייט זיך אַזש". און דאָס איז זיין הויפּט־אומגליק, זיין האָריזאָנט איז געווען ענג. דאָס לעבן איז אַוועק ווייטער, ער איז געבליבן הינטערשטעליג. דער רוסישער סאַ־טיריקער שטשעדרין האָט געשריבן העכער דרייסיג יאָר נאָכאַנאַנד. דאָס רוסישע לעבן האָט זיך פאַר דער צייט געהאַלטן אין איין בייטן: נייע ערשיינונגען, נייע פראַגן, נייע טיפּן. שטשעד־רין האָט זיי אַלעמען באַלויכטן מיט זיין גלעלעכטער. ער איז געגאַנגען מיט זיין דור, שטענדיג נאָך עטוואס פאָראויס. ביז זיין לעצטן טאָג איז ער ניט געווען איבעריג, הינטערשטעליג; און בעת ער איז געשטאָרבן, האָבן אַלע געפילט, ווי עפּעס נוי־טיגס פעלט, א וויכטיגע טריבונע איז ליידיג געוואָרן. דאָס איז א זאַך פון א גרויסן טאַלאַנט, אָבער אויך פון ווייטע האָרי־זאָנטן, פון א ברייטער אַלזייטיגער אַנטוויקלונג. אונזערע טאַ־לאַנטן פעלט דאָס רוב אַנטוויקלונג, פעלן ווייטע פערספּעקטיוון. זיי דערלאַנגען א בליאַסק אויף א רגע און ווערן גיך פארלאָשן. דאָס איז נאָך ביי אונז איצט אויך אַן אָפטע ערשיינונג. אין לי־נעצקי'ס צייט איז עס געווען נאָך אָפטער, און ער אַליין איז דער טראַגישסטער ביישפּיל דערפון. א סאַטיריקער פון חסידות אין איין מאָמענט פון דער השכלה־עפּאָכע; אריבער דער מאָ־מענט, האָט ער זיך געפילט איבעריג, אָפּגעלעבט. ער האָט נאָך פארמאָגט פייער; אָבער דער פייער איז אַוועק ניט אויף צו לייטערן דאָס לעבן אַרום אים; ער איז אַוועק אינעוויי־ניג זיך אַליין צו פארצערן. מינוטנווייז פילט עס לינעצקי אַליין און ער זאָגט: „איר ווייסט, וואָס איז די נפקא מינה צווישן מיר מיט מיין טאַטן? זיין דור האָט אים איבערגעלעבט. איך

האָב איבערגעלעבט מיין דור." וואָס פאַר אַ טיפע טראַגעדיע עס ליגט אָט אין די איינפאַכע ווערטער!

צום פינף־און־צוואַנציגסטן יובילײ פון זיין ליטעראַרישער אַרבעט האָט אים אַ גרופּע פריינט און פאַרערער אין אָדעס גע־שענקט אַ מתנה, אַ זילבערנעם פּאַפּיראָסניק; איז אויף אים געווען אויסגעקריצט אַ חסידיש יינגל אין אַ קאַפּאָטע און אַ שטריימל, מיט אַ פּאָר לאַנגע פּאות, און אַנטקעגן — דאָס זעל־בע יינגל, אָנגעטאָן, ווי אַ סטודענט, מיט אַ פּעקל רוסישע לערן־ביכער אונטער'ן אָרעם. די פריינט, וואָס האָבן די מתנה גע־בראַכט, האָבן דערמיט געמיינט זאָגן ליניעצקי'ן: אָט וואָס איר האָט אויפגעטאָן — פון'ם חסידישן יינגל איז געוואָרן אַ סטו־דענט! ווען אַ שונא וואָלט וועלן מאַכן אַ בייזע קאַריקאַטור אויף דער אינטעליגענטישער השכלה, האָט ער קיין בעסערס ניט געדאַרפט, ווי די צוויי אויסגעקריצטע פיגורן אויף דעם פּאַפּי־ראָסניק. קיין חידוש ניט, וואָס ליניעצקי אַליין, ווי די פריינט, וואָס האָבן זיין יובילײ געפּראַוועט, האָבן אין דער עפּאָכע פון ציוניזם און בונדיזם געלעבט אויף אַ פרעמדער וועלט.

די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן איז ליניעצקי'ס מאַטעריעלע לאַגע געוואָרן אַ סך בעסער. זיין זון איז געוואָרן אַ באַוואוס־טער אַרכיטעקטאָר און ער האָט אויסגעהאַלטן דעם פאָטער בשפע.*) אָבער די טראַגעדיע פון זיין נשמה איז קלענער ניט געוואָרן. פאַרקערט, אַרום אים איז די אידישע ליטעראַטור גע־וואָרן ברייטער, שטאַרקער. נייע נעמען, נייע באַרימטקייטן. און ער איז איבעריג, ער איז פאַרגעסן, ער איז „אַראָפּ פון יריד". „אַלט מחבר", קלאָגט זיך ליניעצקי, „בין איך דאָך שוין הע־כער 20 יאָר אַן עליו־השלומניק, אַן איבערגעלעבטער ביי מיין

---

*) דעם פאַקט, ווי אויך דאָס, וואָס איך דערציי'ל שפּעטער וועגן די באַציאונגען פון די אידישע שרייבער אין אָדעס צו ליניעצקי'ן, האָט מיר איבערגעגעבן דער פאַרשטאָרבענער ציוניסט ה. ליוּבאַרסקי (אַן אַלטער אָדעסער, געשטאָרבן אין ניו יאָרק). ער איז געווען נאָענט באַקאַנט מיט אַלע באַדייטנדיגע אידישע און העברעאישע שרייבער, וואָס אין אָדעס, און האָט ליניעצקי'ן אויך גוט געקענט. איך דער־מאָן עס דאָ מיט דאַנק.

ליבהאָרציגן פאָלק בכלל און ביים אידישן שרייבער־געזינדל בפרט".

פאַר די לעצטע צוואַנציג יאָר פון זיין לעבן האָט לינעצקי אָנגעשריבן נאָר זיינע צוויי יובילײ־רעדעס (ארויסגעגעבן אין א באַזונדער ביכל צוזאַמען מיט רעדעס און באַגריסונגען פון זיינע פאַרערער אונטער'ן נאָמען „לינעצקי'ס יובילייאום") און א קליין ביכל „אראָפּ פון יריד". זעלטן וועך עס האָט די דאָזיגע צוויי ביכלאך געלייענט; אָבער זיי זיינען העכסט אינטערעסאַנטע לעבנס־דאָקומענטן — ניט בלויז פאַר לינעצקי'ס ביאָגראַפיע, נאָר אויך פאַר דער כאַראַקטעריסטיק פון זיין דור.

לינעצקי איז געווען שטאַרק פאַרביטערט קעגן זיינע חברים, די אידישע שרייבער, און מער פון אַלץ קעגן מענדעלי מוכר ספרים. מענדעלי און לינעצקי זיינען צוזאַמען אַרויף אויף דער סצענע פון דער אידישער ליטעראַטור; און מענדעלי איז נאָך געווען לעבעדיג און זיין באַרימטקייט איז אַלץ געוואַקסן, בעת לינעצקי איז שוין לאַנג געווען פאַרגעסן. מענדעלי איז בטבע געווען א קינסטלער, א בעלעטריסט; ער איז אויך אַמאָל געווען א קעמפער; דער קעמפער האָט אין אים א געוויסע צייט אפילו פאַרשטיקט דעם קינסטלער. אָבער שפּעטער, בעת מענדעלי האָט אויפגעהערט צו זיין דער סאַטיריקער פון זיין דור, איז ער געוואָרן דער מאָלער פון זיין דור. האָט ער גענומען פאַראייביגן דאָס, וואָס איז אָפּגעשטאָרבן, אין א קינסטלערישער מצבה. און מענדעלי איז געווען אַנטוויקלטער, ברייטער און טיפער, מיט ווייטערע פּערספּעקטיוון, ווי לינעצקי. מענדעלי'ס מאַטעריעלע לאַגע איז אויך געווען א סך א בעסערע. ער האָט ניט געדאַרפט פּעדלען מיט זיינע ווערק, ניט געדאַרפט אָנקומען צו גראָשענע שטונדן. דעריבער האָט מענדעלי גייסטיג לאַנג איבערגעשטיגן לינעצקי'ן. לינעצקי אַליין האָט עס ניט געקאָנט פאַרשטיין און ער האָט געזען אין מענדעלי'ן זיין בלוטיגסטן שונא. ער האָט אים ניט אויפגעהערט צו שטעכן, צו שימפן. אים האָט זיך געדאַכט, אז מענדעלי רודפ'ט אים, ווייל ער איז א בעל גאוה, ווייל אים שטייט ניט אָן, וואָס מ'פאַרשרייבט זיי

ביידן אין דער געשיכטע פון דער אידישער ליטעראַטור אויף איין בלעטל אַלס אירע גרינדער.

און מע מוז זאָגן דעם אמת, די אידישע שרייבער אין אדעס האָבן זיך מיט לינעצקי'ן באַגאַנגען ניט ווי מיט אַן אַלטן חבר. מ'האָט אים אויסגעמיטן. שוין דערפאַר אליין, וואס ער איז צווישן זיי אַרומגעגאַנגען, ווי א מת אין עולם התהו. זיי זיינען אים געווען פרעמד, און ער איז זיי געווען פרעמד. אויך דער־פאַר, וואס ער איז געווען א מענש א פאַרבייזטער, א גאַליגער, און עס איז מיט אים געווען שווער אויסצוקומען. אָבער דאָ האָט נאָך איינס געווירקט. די אדעסער אידישע שרייבער זיינען דאָס רוב געווען מענשן געזעצטע, בעל־הבתיש־מיושובדיגע. לי־נעצקי ווידער איז געווען א מענש, וואס האָט פיינט געהאַט מיושבדיגקייט, וואָס האָט זיך בעסער, ווי אַלץ, געפילט מיט'ן פשוט'ן עולם, מיט'ן המון. לויט זיין נאַטור, איז ער געווען אַ דעמאָקראַט; נאָך מער, א באָהעם, וועלכער האָט ניט געוואָלט וויסן פון סטאַטיק. צוזאַמען מיט אברהם גאָלדפאַדן און שפּע־טער אַליין פלעגט ער גיין אין שענקען, וואו דער אידישער המון קומט זיך צונויף פאַרברענגען א פרייל׳אכע שעה. ער פלעגט דאָרטן אמאָל זינגען אידישע לידער פאַר'ן עולם. ער האָט עס געטאָן ניט אזוי צוליב געלט — מ'שטיינס־געזאָגט, וואס ער האָט געקאָנט האָבן דערפון! — ווי צוליב דעם, וואס זיין האַרץ האָט געצויגן צום המון. די געזעצטע אידישע שרייבער פון אדעס האָט עס שאָקירט; זיי האָבן עס ניט געקאָנט ניט פאַר־שטיין, ניט מיטפילן.

דער אַלטער לינעצקי האָט אָפּגעלעבט עטלאכע צענדליג יאָר אַן איבעריגער, ניט אויף אַן אָרט. אָבער אין זיין יוגנט איז געווען אַ מאָמענט, ווען ער איז געווען דער רעכטער מענש אין דער רעכטער צייט און אויפ'ן רעכטן אָרט. דער שטראָם האָט אים דעמאָלט אויפגעהויבן אויפ'ן שפּיץ פון דער כוואַליע, און ער האָט געקעמפט פאַר די בעסטע אידעאַלן פון יענעם מאָמענט מיט זיין גאַנצן פייער, מיט זיין גאַנצן טאַלאַנט, מיט בלוט פון האַרצן און זאַפט פון די נערוועז, און פאַר יענעם מאָמענט איז זיין נאָמען פאַרשריבן געוואָרן אין אונזער געשיכטע, צווישן

אונזערע ריטער פון גייסט, אין דער ערשטער שורה צווישן די גרינדער פון דער נייער אידישער ליטעראטור.

אין דעם קורצן מאָמענט פון זיין גלאַנץ, ווי אין די לאַנגע יאָרן פון זיין טראַגישן אונטערגיין, איז לינעצקי א כאַראַקטעריסטישער זון פון זיין עפּאָכע, וועלכער דריקט בולט אויס איר גאַנצן וועזן, אירע מעלות און חסרונות, ליכט און שאָטן.

מאָריס ווינטשעווסקי

מאָריס ווינטשעווסקי — דער אָנהויבער *

ווינטשעווסקי איז געשטאָרבן, ווי איינער פון די אבות, אלט און זאט מיט יאָרן. אָבער אויפגעהערט צו לעבן האָט ער א סך פריער. פאראייניזאמט אין זיין אָפגעשלאָסענער היים, ווייט פון וועלט און מענשן, איז ער די לעצטע פינף יאָר בישלאָכוויז אויסגעגאנגען. ווען מ׳ווינשט א מענשן לאנגע יאָר, דאַרף מען צוגעבן: לעבעדיגע יאָרן. וועגן טויטע יאָרן, וואָס איז די נפקא מינה וואו מ׳פאַרברייננגט זיי — אין קבר אָדער צוגעשמידט צום טויטן בעט? ער האָט דאָך שוין לאנג געהערט צו דער געשיכטע, ניט צום לעבעדיגן לעבן.

דאָס, וואָס איך וויל דאָ שרייבן, וועט דעריבער זיין ניט קיין הספד, נאָר א קורצער סך הכל. ניט באוויינען וויל איך דאָ ווינטשעווסקי׳ן, נאָר פרואוון אים אָפשאצן.

צו וועמען האָט ווינטשעווסקי געהערט — צו „אונז" אָדער צו „זיי"? צו דעם דעמאָקראטישן סאָציאליזם אָדער צום קאָמוניזם? לייענט איבער זיינע געזאמלטע שריפטן, בלעטערט דורך אין אייער זכרון די פאקטן פון זיין לעבן און ווירקן, און איר וועט לייכט געפינען דעם ענטפער. אין זיינע לעבעדיגע יאָרן, אין וועלכע ער האָט געשאפן אין דער סאָציאליסטישער באוועגונג, געשאפן אין דער סאָציאליסטישער ליטעראטור, אין די יאָרן, צוליב וועלכע ער איז געוואָרן ווינטשעווסקי, און אָן זיי וואָלט ער געבליבן איינער א נעוואַכאָוויטש אָדער א בענעדיקט, ער וואָלט גאָרנישט געבליבן — אין יענע יאָרן איז ער געווען א דעמאָקראטישער סאָציאליסט,

---

* מאָריס ווינטשעווסקי איז געשטאָרבן דעם 00טן מערץ, 1932, אין ניו יאָרק. די אָפשאצונג האָט א. ליטוואַק פאַרעפנטלאכט באַלד נאָך ווינטשעווסקי׳ס טויט.

האָט ער באַקעמפט די ס. ל. פּ. — די אַמעריקאַנער באָלשעוויקעס, באַקעמפט איר פירער דע ליאָן — דעם אַמעריקאַנער לענין. אַ קאָמוניסט איז ער געוואָרן אין די יאָרן פון אונטערגאַנג, בעת זיין שאַפונגס־קראַפט האָט זיך אויסגעשעפּט און זיין ווירקונג אויפ'ן לעבן האָט זיך איבערגעהאַקט. אַלץ, וואָס מ'קאָן אָנרופן ווינ־טשעווסקי'ס ירושה, איז געשאַפן געוואָרן אין די לאַנגע יאָרן, ווען ער איז געווען אַ דעמאָקראַטישער סאָציאַליסט. וואָס איז גע־בליבן פון זיינע קאָמוניסטישע יאָרן? קען דאָס עמיצער אָנ־ווייזן? דער קאָמוניזם איז געווען בלויז אַ פאַקט אין זיין פּערזענלאַכער ביאָגראַפיע, ניט אין דעם קאַפּיטל געשיכטע, וואָס איז מיט זיין נאָמען פאַרבונדן.

דער דאָזיגער קאַפּיטל געשיכטע איז זייער אַ וויכטיגער, און מאָריס ווינטשעווסקי פאַרנעמט אין אים אַן אָרט אויבן־אָן. דאָס איז אונזער אָנהויב, דער ווינקלשטיין, דער פונדאַמענט. ווינ־טשעווסקי איז דער אָנהויבער געווען. זיין נעכטן לעבט אין אונזער היינט און באַפרוכפּערט אונזער מאָרגן.

דער ערשטער, וועמען עס איז אַרויף אויפ'ן געדאַנקען צו טראָגן דאָס סאָציאַליסטישע וואָרט צו אידן, איז געווען אהרן ליבערמאַן. זיין העברייאישע פּראָקלאַמאַציע, „על שלומי בחורי ישראל", האָט געגעבן ווינטשעווסקי'ן דעם ערשטן שטויס. ווי ליבערמאַן, האָט אויך ווינטשעווסקי זיינע ערשטע סאָציאַ־ליסטישע פּעליעטאָנען געשריבן אין העברייאיש פאַר דער משכילישער אינטעליגענץ, ניט אין אידיש פאַר די אידישע מאַסן. ווינטשעווסקי'ס סאָציאַליסטישער זשורנאַל „אספת חכמים" איז געווען אַ פאָרטזעצונג פון ליבערמאַנ'ס „האמת". אין זיין טעַ־טיגקייט צווישן די אידישע אַרבעטער אין לאָנדאָן, איז ווינ־טשעווסקי געגאַנגען איבער דער שטעגעלע, וואָס ליבערמאַן האָט אָנגעהויבן אויסצוטרעטן. אַ קורצע צייט, בעת ליבערמאַן איז געווען אין לאָנדאָן דאָס צווייטע מאָל, האָבן זיי אַפילו ביידע געאַרבעט צוזאַמען. אָבער ליבערמאַן איז גאָר גיך אומגעקומען, און ווינטשעווסקי האָט פאַרנומען זיין אָרט. ליבערמאַן איז געווען טיפער, גליענדער, מיט מער איניציאַטיוו. אָבער ער איז געווען צופיל אינטעליגענט און גייסטיגער אַריסטאָקראַט. ער האָט

זיך ניט געקאָנט אראָפּלאָזן צו די מאַסן, אפילו מיט זיינע נאָ־ענטע חברים איז אים געווען שווער זיך איינצולעבן. ווינטשעוו־סקי איז געווען מערער א פאָלקס־מענש. ער האָט געקאָנט געפינען דעם וועג צו די קעפּ און הערצער פון די פשוט'ע ארבעטער. און אים איז באַשערט געווען צו שטיין אויף זיין פּאָסטן לאַנגע יאָרן, האָט זיך זיין ארבעט אָנגעזען, איז געווען ווירקזאַם און דויערהאַפט.

ווינטשעווסקי האָט אין 1884 אָנגעשריבן די ערשטע סאָ־ציאַליסטישע בראָשור אין אידיש „יהי אור". א העברייאישער נאָמען אויף א אידישן ביכל איז דעמאָלט געווען אין דער מאָדע, א מין בריקל צווישן ביידע שפּראַכן. אין דעם זעלבן יאָר האָט ער אין לאָנדאָן געשאַפן די ערשטע כמעט סאָציאַ־ליסטישע צייטונג אין אידיש, „דער פּוילישער אידל". שפּעטער, אין לאָנדאָן און אין ניו יאָרק, יעדעס מאָל, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט אום אַן ערנסטע סאָציאַליסטישע צייטשריפט אין אי־דיש, איז ווינטשעווסקי געווען פון די איניציאַטאָרן און וויכטיג־סטע מיטארבעטער. ער איז אויך געשטאַנען ביים וויגעלע פון „פאָרווערטס" און פון דער „צוקונפט". אין דער „צוקונפט" איז ער עטלאַכע יאָר געווען רעדאַקטאָר. אין 1896 האָט ער אין באָסטאָן ארויסגעגעבן א וואָכנבלאַט, „דער אמת", וואָס האָט געשפּילט א געוויסע ראָלע אין דער שפּאַלטונג פון דער ס. ל. פּ. הכלל, ווינטשעווסקי האָט געהאַט דעם גרויסן פאַרדינסט צו זיין דער אָנהויבער פון דער אידישער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור, דער אָנהויבער פון דער אידישער סאָציאַליסטישער פּרעסע.

ווינטשעווסקי איז געווען דער ערשטער ארבעטער־פּאָעט ביי אידן. מעסטן מיר זיינע לידער מיט דער מאָס פון היינט, מיט דער מאָס פון פּאָעזיע בכלל, זיינען זיי גאָר ווייניג ווערט. אָן פאַרב און שטימונג, אָן פאַטאָס און ברען. די גראַמען אָרים, ניט מוזיקאַליש, סענטימענטאַלע וואָסער, אָן א פונק פון אמת'ער ליריק. פון די כלומר'שט פאָלקסטימלאַכע „קינדערלאך" מיט „רינדערלאך", „מיידעלאך" מיט „קליידעלאך" גרילצט אין די אויערן. און אַלע זיינע לידער זיינען אזוי ענלאך איינס

אויף דאָס אַנדערע: דער זעלביגער אינהאַלט, דער זעלביגער טאָן, אַפּט די זעלביגע ווערטער. אַזעלכע שורות, ווי

זיך אַליין לענקענדיג,
קיינעם ניט קריינקענדיג.
ביז ניט געדענקענדיג
ווירקט איבעראַל.
זאָל קיין באַליידיגונג
ניט זיין קיין שעדיגונג
צו דיין פאַרטיידיגונג
פון אידעאַל.

זיינען אַפילו ניט געלעגן לעבן פּאָעזיע. אָדער בעת ער רעדט וועגן ריטם און דופק פון הארצן:

איר הערט דאָך, ווי ער קלאַפּט מיט אימפּעט,
בעת דאָס האַרץ האָט איר פרייד ערוואַרט.
זיין טיקטאַק איז אַ „מרכא טפחא"
אויף אַ „פזר" אַנגעשפּאַרט.
דערפאַר ווען ס'איז דאָס האַרץ פאַרצווייפלט
און די האָפנונג וויט פון גליק,
ווייך זאָגט דער פּולס: „מונח אתנחתא",
אַפּט זאָגאַר „סוף פסוק", „פסיק".

איז עס ניט עכטע בדחנות פון אליקום צונזער'ס שניט?

מען מוז אָבער געדענקען, אַז פאַר ווינטשעווסקי'ן אַליין זיינען זיינע לידער געווען ניט אַזוי פּאָעזיע ווי זינגענדיגע אַגיטאַציע — אַ טייל פון דער באַוועגונג. די מאַסע האָט געפאָדערט, און מ'האָט איר געמוזט געבן. ווינטשעווסקי אַליין דערציילט אונז אומגעפער אַזוי: עס האָט געדאַרפט אַרויס דער ערשטער נומער פון דעם וואָכנבלאַט „אַרבייטער-פריינד". מ'האָט געמוזט האָבן אַ ליד. ווי גייט עס אַרויס אַ וואָכנבלאַט אָן אַ ליד? וואו עס צו נעמען איז ניט געווען. האָט זיך ווינטשעווסקי אַוועקגעזעצט און אַליין אָנגעשריבן... ווינטשעווסקי'ס לידער זיינען דורכאויס קאָפּ-אַרבעט. אַ מענטש האָט גענומען אַ געדאַנקעלע, האָט אים צעווייקט אין צוקער-וואַסער, אַריינגעטריפט אַ פּאָר טרערן, גוט צעקייט, און דערנאָך צעהאַקט אין קורצע שורות — אַ געריכט פאַר די אידישע מאַסן.

און דאָך האָבן ווינטשעווסקי'ס לידער געהאַט אַ גרויסע באַדייטונג פאַר דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין ענגלאַנד און אַמעריקע און אפשר נאָך מער אין ליטע און פוילן. די צייט איז געווען אַזעלכע, ווען פונ'ם אָקאָרשט געבוירענעם אידישן אַרבעטער האָט אַרויסגעזונגען; זיין האַרץ איז געווען איבער־פילט; ער האָט געזוכט ווערטער פאַר זיין אינווייניגסטן נגון און ער האָט זיי געפונען אין אַזעלכע לידער, וואָס זיינען פאַר אים געווען לייכט צו פאַרשטיין, לייכט אַרויסצורײדן. דאָס, וואָס מיר רופן אָן פּאָעזיע, וואָלט פאַר דעם אידישן אַרבעטער פון יענער צייט אפשר געווען צו קאָמפּליצירט. זאָל זיין אַז דאָס רוב לידער, וואָס דער ערוואַכטער אידישער אַרבעטער האָט דעמאָלט געזונגען, זיינען געווען ניט מער, ווי רעוואָלוציאָנערע בדחנות! אָבער ער האָט אין זיי אַריינגעלייגט זיין שטימונג, און ביי אים אויף די ליפּן זיינען זיי געוואָרן פּאָעזיע.

דאָס וואָס מיר האַלטן אין ווינטשעווסקי'ס לידער פאַר חסרונות, איז אין די אויגן פונ'ם פּרימיטיוון אידישן אַרבעטער גראָד געווען אַ מעלה. דער אַרבעטער פון יענער צייט האָט געזוכט אין אַ ליד אַ קלאָרן אינהאַלט, געשריבן אין אַ קלאָרער שפּראַך. מעג דער דאָזיגער אינהאַלט אונז היינט אויסזען פלאַך און אויסגעדראָשן — פאַר די אַרבעטער פון יענער צייט איז ער געווען ניי און טיף. ווינטשעווסקי'ס לידער האָבן געווירקט מיט זייער איינפאַכקייט, מיט'ן שטאָך און מיט'ן טרער, מיט'ן איינ־פאַל און מיט'ן וויץ. גראָד אין דער בוימלדיגער סענטימענ־טאַלישקייט האָט די מאַסע פון יענער צייט געפונען דעם זיבעטן חן. אפילו מיט די איבער'חזר'ונגען האָט מען זיך געקוויקט, די איינטאָניגקייט האָט אויסגענומען: יעדעס נייע ליד האָט אויסגעזען היימיש, ווי אַן אַלטער באַקאַנטער. פאַראַנען ביי ווינטשעווסקי'ן האַרטע, הילצערנע שורות. דאָס רוב אָבער זיי־נען זיינע לידער לייכט, פאַרשטענדלאַך, ריידן קלאָרע דיבורים.

מען פליקט אייך, שטומע בלימעלאַך
מיט הענט, ווי צוואַנגען האַרט,
אָן כחות און אָן שטימעלאַך
פאַרשווייגט איר אַלץ און דאָרט.

אָדער:

וויקעלט פאַנאַנדער די פאָנע די רויטע,
שפּילט אויף אַ מאַרש און דערלאַנגט זיך אַ ריר!
וועקט אויף די אָרימע, לעבעדיג טויטע,
זאָגט צו זיי: דאָ שטייען מיר,
דאָרטן דער בלוטיגער פּיינד;
דאָ איז די פרייהייט, דאָס ליכט, די גערעכטיגקייט.
דאָרטן דער יאָך, די נאַכט און די שלעכטיגקייט.
ברידער, מאַרשירט מיט אונז היינט!

אזעלכע פשוט'ע שורות זיינען לייכט אריין אין אויער, האָבן זיך לייכט אויסגעלייגט אויפ'ן צונג; דער ארבעטער האָט זיי געזונגען, דעקלאַמירט, און צוזאמען מיט די ווערטער און מיט'ן ניגון האָט ער טיפער איינגעזאַפּט זייער אינהאַלט. אזעל־כע לידער האָבן אָפט אויף אים געווירקט שטאַרקער, ווי אַ רעדע, טיפער ווי אַ פּראָקלאַמאַציע, ווייל ער האָט זיי אַליין געקאָנט זינגען און זאָגען, און זיי זיינען געוואָרן זיין אייגנס אויף לאַנג. ווער רעדט נאָך די שפּאָט־לידער, וואו די ווערטער און די שורות האָבן געשפּרונגען, ווי אין אַ קופּלעט:

יענער יונגערמאַנטשיק
איז אַ שאַרלאַטאַנטשיק,
וואָס רופט זיך אַדוואָקאַט.
ערלאכקייט באַליידיגט ער,
לומפּעריי פאַרטיידיגט ער
און לעבט ווי אַ מאַגנאַט.
און מיט כיטרע ריידעלאך,
קרוטשקעלאך און דריידעלאך,
פאַרקרימט ער וואָס איז גלייך.

אָדער גאָר אַזעלכע שורות פון דעם אמאָל זייער פּאָפּולערן ליד „אַ בעזים און אַ קער":

איך דאַרף ניט מער קיין פלאַפּערמאַן,
אַ בעזעם און אַ קער!
קיין פלאַפּערמאַן, קיין כאַפּערמאַן, קיין קלאַפּערמאַן ניט מער!

צענדליגער טויזנטער אידישע אַרבעטער האָבן זיך אויף ווינטשעווסקי'ס לידער ערצויגן, רעוואָלוציאָניזירט. זיינע לידער

„צום אַרבעטער־פריינד", „וויקלט פאַנאַנדער די פאָנע די רויטע", „די וועלט וועט ווערן אינגער", האָט מען געזונגען אין די איינצל־קאַמערן פון די צאַרישע טורמעס, אין די פאַרוואָרפענע ווינקע־לאַך פון סיביר, און מ׳האָט פון זיי געשעפּט טרייסט און האָפע־נונג. אונטער די טענער פון זיין מאַרש „אין די גאַסן, צו די מאַסן", איז מען געגאַנגען אויף דעמאָנסטראַציעס אַנטקעגן באַוואָפנטע זשאַנדאַרן און קאָזאַקן. זיינע לידער האָבן איינגע־זאַפּט אין זיך אַ גרויסע מאַסע רעוואָלוציאָנערע ענערגיע, און נאָך היינט, בעת עלטערע אַרבעטער זינגען זיי, ציטערט אין זיי אויף זייער לאַנג־איינגעשלאָפענע רעוואָלוציאָנערע יוגנט. איז דאָס ווייניג? רופט עס בדחנות, רופט עס ווי איר ווילט, אָבער די ווירקונג דערפון איז גרויס: פאַר אַ ליטעראַרישער געזעל־שאַפט איז ווינטשעווסקי דער דיכטער אַ קנאַפּער יחסן. פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג זיינען זיינע לידער געווען אַן אוצר, ניט אָפּצושאַצן.

פון ריין ליטעראַרישן שטאַנדפּונקט איז ווינטשעווסקי׳ס פּראָזע ניט אין ערך העכער פון זיינע לידער. די „צעשלאָגענע געדאַנקען פון אַ משוגענעם פילאָזאָף" קאָן מען נאָך ערטערווייז היינט אויך לייענען מיט פאַרגעניגן. דער משוגענער פילאָזאָף איז ניט קאָנצענטרירט; ער טרעט אַלע ווײַלע אָפּ אָן אַ זייט: אגב, מחשבות׳ן און פאַרבייגייענדיג פאַרנעמען ביי אים מער אָרט, ווי די אייגנטלאכע טעמע; און ער מוז זיך אַלע ווײַלע געבן אַ פּאַטש אין שטערן: איז וואו זשע האַלט איך? אָדער: שוין ווידער פאַרקראָכן... עס זיינען אפילו דאָ קאַפּיטלען, וואָס האָבן גאָר קיין טעמע ניט. דערפאַר פאַרמאָגט ער אַ סך שאַרפ־זין, שפּיצן, שפּריצן און פאָלקס־חכמה. די שפּראַך איז באַ־וועגלאַך, שוימיג, פול מיט וואָרטשפּיל. זי איז פאָלקסטימליך. אָבער זי לאָזט זיך ניט אַראָפּ צום מאַרק, קיצלט ניט די נידעריגע אינסטינקטן.

פון די „צעשלאָגענע געדאַנקען" שמעקט אָפט מיט מגידות. אָבער ערשטענס, ווען מ׳האָט אין יענער צייט (אַ רעכט ביסל נאָך היינט אויך) געוואָלט ריידן אין אידיש וועגן אַ העכערן ענין פאָלקסטימלאך, האָט זיך דערפון געמוזט הערן דער ריח

פון מגידות. דער דובנער מגיד און ר׳ חיים רומשישקער — דאָס איז אונזער פאָלקסטימלאַבקייט פון דעם מין. קיין נייע איז נאָך דעמאָלט ניט געווען און איז נאָך היינט אויך ניט אינגאַנצן פאַראַן. צווייטנס איז דאָס פאַר ווינטשעווסקי׳ס לעזער גאָר געווען א מעלה. ער האָט זיך דאָך ערצויגן אופי׳ן מגיד׳ס דרשות. די „צעשלאָגענע גדאַנקען" זיינען פעליעטאָנען. אָבער זיי האָבן געגעבן דעם לעזער מער ווי אַנדערע אָפּהאַנדלונגען. פאַרגלייכט זיי מיט די ערשטע אַרטיקלען און פעליעטאָנען פון די אידישע סאָציאַליסטן אין ליטע און פוילן — שווערע, האַמעט־נע, קוים איינצובייסן — וועט איר ערשט דערפילן דעם טעם פון דער משוגענער פילאָזאָפיע. אין פּרט פון שפּראַך האָבן זיך די אידישע סאָציאַליסטן א סך געלערנט ביי ווינטשעווסקי׳ן. זיי האָבן זיך ביי אים אויך אָפּגעלערנט חסרונות. פון איין חסרון אין דער שפּראַך פון דער משוגענער פילאָזאָפיע, פון צופיל צוקייען און איבערקייען, האָבן מיר זיך נאָך עד־היום ניט אינגאַנצן באַפרייט.

פאַראַן אין ווינטשעווסקי׳ס ליטעראַרישער ירושה איין ווערק, וועלכע האָט א מער דויערהאַפטע באַדייטונג — אויך פאַר אונזער צייט און אפשר נאָך לענגער. איך מיין די „עראינע־רונגען פון א אידישן סאָציאַליסט". ווי אַלע, וואָס דער זיידע האָט געשריבן, זיינען די עראינערונגען ניט קאָנצענטרירט. צו־פיל רייד, צופיל זייטיגע זאַכן, וואָס האָבן צום ענין קיין שייכות ניט. אָבער זיי גיבן א סך צו באַלייכטן די עפּאָכע, זיינען רייך מיט געשטאַלטן און כאַראַקטעריסטישע פּאַסירונגען פון דער אידישער און אַלגעמיין סאָציאַליסטישער וועלט. אָבער אויך ווי ווייט איך וויים, איז די דאָזיגע אַרבעט געבליבן ניט פאַר־ענדיגט. ווינטשעווסקי איז נאָך אין זיינע „עראינערונגען" אַפילו ניט דערגאַנגען ביז אַמעריקע.

ווינטשעווסקי איז זיין גאַנץ לעבן געווען א פּאַרטיי־מענש, אָבער דאָס איז אים געווען שווער, און זייער אָפט האָט ער עס ניט געקאָנט אויסהאַלטן. ער איז געווען א מענש מער פון שטימונגען ווי פון אויסגעהאַלטענעם גדאַנק און ווילן. דער שווערער יאָך פון דיסציפּלין איז ניט אַלע מאָל געווען פאַר זיין

האַלז. ער האָט עס אַליין געוואוסט און פלעגט וועגן זיך אַפּט זאָגן מיט אַ שמייכל: איך בין ניט קיין פּאַרטרעט, איך לאָז זיך ניט איינפּאַסן אין אַ ראַם... אָדער ווי ער האָט דאָס אויס־געדריקט אין אַ ליד:

איך לאָז ניט פאַרצאַמען
מיין וועג מיט פּראָגראַמען,
איך קאָן קיין פּאַרטיי־מאַן ניט זיין.
איך קאָן מיין געוויסען
ניט בינדן, ניט שליסן
אין שטייפע שנוראָוועקעס אַריין.
מיין „איך" מוז פאַרשווינדן
אום זיך צו פאַרבינדן
מיט אייך, אויב איר האָט וואָס צו טאָן.
דאָך פריי מוז איך ווערן
און ווידער געהערן
צו זיך, ווען די טאַט איז געטאָן.

פרייהייט פון מיינונגען און דיסציפּלין אין מעשים — דאָס איז אייגנטלאך וואָס אַ פּאַרטיי פאָדערט, אויב זי פאַרמאָגט אינערלאכע דעמאָקראַטיע, און איז נישט, ניט קיין אכסניא און ניט קיין קאַזאַרמע. די מעשה דערפון איז אָבער, וואָס ווינ־טשעווסקי איז ניט אַלע מאָל געווען טריי דער פּאַרטיי־דיסציפּ־לין אפילו אין מעשים. אין אַמעריקאַנער פּאַרטייען איז עס אַן אַלגעמיינע קראַנקהייט, און מ'קאָן ניט באַשולדיגן איינעם, ווען מ'דאַרף באַשולדיגן אַלעמען. אָבער די צעפאָרנקייט פון כלל ווערט שטאַרקער, ווען די דיסציפּלין ווערט געבראָכן פון אַ יחיד, וועלכער שטייט אין דער הויך און אַלע קוקן אויף אים — פון אַ יחיד, וואָס איז אַ בן־יחיד.

ווינטשעווסקי האָט געהאַט אַ נאָמען פאַר אַן אומצופרי־דענעם, פאַר אַ שטענדיגן קריטיקער, פאַר אַ „קיקער". אַ „קיקער" האָט מען ניט ליב. ער וועקט דעם אינוויינינגסטן אומרו. קאַ־זיאָנע אָפּטימיסטן האַלטן אים פאַר אַ שטענדיגע אָנשיקעניש, וועלכן מ'דאַרף פאַרטרייבן פון דער באַוועגונג. אין דער אמת'ן זיינען פאַראַן צווייערליי „קיקער". פאַראַנען מענשן, וואָס האָבן קיין אנדער אַרבעט ניט, ווי זוכן חסרונות אין דעם, וואָס אַנ־

דערע טוען. זיי האָבן אַ באַזונדערע בייזע הנאה צו שטעקן די פינגער אין אונזערע וואונדן. פאַראַנען אַנדערע מענשן, ענער־גישע, טעטיגע, פּולבלוטיגע, וועלכע זיינען דאָך אָפּט ניט צו־פרידן, ניט מיט זייער אייגענער אַרבעט, ניט מיט דער אַרבעט פון זייערע אַרומיגע און נאָענטע, ווייל זיי זעען ווייטער און טיפער, פאָדערן אַ סך פון אַנדערע און נאָך מערער פון זיך; און זייער קריטיק איז אַן אויסגעוויטאָגטע, וועלכע טוט זיי אַליין ווי מער ווי עמיצן אַנדערש. דאָס איז די היילינע אומ־צופרידנקייט, די הייוון, אויף וועלכע אַ באַוועגונג וואַקסט. ווען ניט אָט דער פרישער שטראָם, וואָלטן די אייביג צופרידענע פאַרגליווערט געוואָרן אין זייער זעלבסטפאַרליבטקייט, און די באַוועגונג וואָלט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שטייענדיג וואַסער, אין אַ זומפּ. צווישן אָט די ביידע סאָרטן „קיקער" זיינען פאַראַן פאַרשיידענע מדרגות און גראַדאַציעס. מאָריס ווינ־טשעווסקי איז געווען נעענטער צום צווייטן ווי צום ערשטן. די אומרואיגקייט זיינע איז אָפּט געווען דאָס געוויסן פון אונזער באַוועגונג. איבערהויפּט האָט זיך דאָס אַרויסגעוויזן אין די יאָרן פון שפּאַלטונג אין דער ס. ל. פּ.

מאָריס ווינטשעווסקי איז ביי אונז געווען איינער פון די לערנער, שטודירער, וואָס מיר פאַרמאָגן אַזוי ווייניג. ער האָט נאָכאַנאַנד באַרייכערט זיין ביבליאָטעק, געלייענט, געלערנט, האָט זיך ערנסט אינטערעסירט מיט די פאַרשיידנסטע פראַגן. מיט אים האָט איר געקאָנט ריידן ניט בלויז וועגן דער טאַקטיק פון דער טאָג־טעגלאַבער אַרבעט, נאָר אויך וועגן העכערע פּראָ־בלעמען. אין אידישן לעבן אין אַמעריקע איז עס אַ זעלטענע פּרי, אויף וועלכער מ'דאַרף מאַכן שהחינו.

פאַרביינייענדיג וועגן ווינטשעווסקי'ס ביבליאָטעק. זי איז געזאַמלט געוואָרן דורך צענדליגער יאָרן. זי פאַרמאָגט ביכער און צייטשריפטן אין דייטש, רוסיש, ענגליש, אידיש און העב־רייאיש, אַ סך אַזעלכע ביכער און צייטשריפטן, וועלכע זיינען היינט אַ יקר המציאות און זעלטן וואו מ'קאָן זיי געפינען. איבערהויפּט איז די דאָזיגע ביבליאָטעק רייך אין ביכער און צייטשריפטן, וועלכע האָבן אַ שייכות צום סאָציאַליזם. אויף

ווי ווייט איך געדענק, קאָנט איר דאָרטן געפינען אַלע יאָרגאַנגן פון קאַוטסקי'ס וואָכנבלאַט „די נייע צייט", באַריכטן פון פּאַר־טיי־טאָגן אין דייטשלאַנד און פון סאָציאַליסטישע קאָנפערענצן און קאָנגרעסן בכלל. פאַר די, וואָס אַרבעטן איבער וועלכער ניט איז סאָציאַליסטישער פראַגע, איז ווינטשעווסקי'ס ביבליאָ־טעק פשוט אַן אוצר.

ווינטשעווסקי האָט אָנגעהויבן זיין טעטיגקייט אַלס קאָס־מאָפּאָליט, אַלס וועלט־בירגער, — ווי אַלע סאָציאַליסטן פון זיין צייט. אָבער שוין אין אָנהויב האָבן זיך ביי אים געפילט מער נאַציאָנאַל־אידישע שטימונגען, ווי ביי זיינע חברים. נאָכ'ן קישינעווער פּאָגראָם ווערט זיין נאַציאָנאַל געפיל שטאַרקער. ער פאַרליבט זיך אין „בונד" מיט זיין נאַציאָנאַלן פּראָגראַם, ווערט באַגייסטערט פונ'ם זעלבסט־שוץ. אָבער דאָס געפיל פון אידישקייט ווערט ביי אים שוין צו שטאַרק צערייצט. ער זעט פאַר די אויגן שטענדיג און אומעטום פּאָגראָמען און אַנטי־סעמיטיזם. און ער האָט ניט איינמאָל עפנטלאך דערקלערט, אַז אין אַמעריקע דאַרף מען האָבן אַ „בונד", וואָס זאָל אָרגאַניזירן אַ זעלבסטשוץ, בעת דאָ וועלן אויסברעכן פּאָגראָמען... אָט די אנטצינדונג פונ'ם אידישן געפיל האָט אים אויף דער עלטער געמאַכט פאַר אַ שטיקל בעל תשובה, זי האָט אויפגעבלאָזן זיינע אַלטע, מיט אַ באַרג אַש פאַרשאָטענע סימפּאַטיעס צו דער העברעאישער שפּראַך. זי האָט אים געבראַכט דערצו, ער זאָל פּראָטעסטירן געגן דעם, וואָס מען קריטיקירט די אַרבעט פון די ציוניסטן אין פּאַלעסטינע. דאָס איז געווען אַ קראַנקהאַפטע ערשיינונג. מ'טאָר אָבער ניט פאַרגעסן, אַז דאָ אין אַמעריקע, וואו לאַנגע יאָרן האָט זיין אַ סאָציאַליסט געהייסן דאָס זעל־ביגע, וואָס זיין אַן אַסימילאַטאָר, האָט ווינטשעווסקי, צוזאַמען מיט ליעסינ'ען און מיט די אַריבערגעקומענע בונדיסטן, אַ סך געטאָן צו וועקן ביי די אידישע אַרבעטער זייער געזונטן נאַציאָ־נאַלן געפיל, צו הויבן ביי זיי דעם אינטערעס צו דער נייער אידישער קולטור. אַמאָל האָט דאָ אַן אַרבעטער־טוער אָפן דער־קלערט אויף אַ פאַרזאַמלונג: „מיר זיינען ניט קיין אידן, מיר זיינען אידיש־שפּרעכנדע סאָציאַליסטן". און דאָס איז דאַמאָלס

געוועזן די אָנגענומענע מיינונג. אויב איצט איז ביי אונז מעג־ליך אַ גאַנצע נעץ אידיש־סאָציאַליסטישע שולן פון אַרבעטער רינג, האָט ווינטשעווסקי אין אָט דעם שאַרפן איבערברוך גע־ווים אַ גרויסן חלק.

עס איז געקומען די צייט פון קאָמוניזם. אַ גרויסע אילוזיע. דער לעצטער אַנטשיידענער שטריט, דער ערשטער גרויסער זיג. אין רוסלאַנד איז אַן אַרבעטער־מלוכה, אַ סאָציאַ־ליסטישע אָרדענונג. דער חלום איז געוואָרן אַ וואָר. מיר האָבן עס דערלעבט! מיר קאָנען עס זען מיט די אויגן... עס האָט פאַרכאַפּט דעם אָטעם, פאַרדרייט דעם קאָפּ. קאַלט זיינען גע־בליבן נאָר די איבּיג ניכטערע, וואָס זיינען בכלל ניט פייאיג אויף אַ גרויסע אילוזיע. ווינטשעווסקי האָט צו אָט דער קאַ־טעגאָריע ניט געהערט. ניט צוגעשטאַנען זיינען אויך די, וואָס האָבן פאַרמאָגט אַ שאַרפע אויג און האָבן קלאָר פאַראויסגעזען דעם מפּיל, וואָס מוז געבוירן ווערן פון אַ ניט־אויסגעטראָגענער סאָציאַלער רעוואָלוציע. ווינטשעווסקי'ס אַלטע אויג האָט אַזאַ ווייט־זעעוודיגקייט ניט פאַרמאָגט. זיין ענטצונדענע אידישקייט האָט ביי אים, ווי ביי אַ סך אַנדערע, נאָך מער מיטגעהאָלפן צו פאַרטונקלען די אויגן: אידן האָבן דערלעבט פולע גלייכ־באַרעכטיגונג, דערלעבט די אמת'ע גאולה... די אידישע עקאָנאָ־מישע צרות האָט מען פון ווייטן ניט געזען. היינט טראָצקי, זינאָוויעוו, קאַמעניעוו, יאָפע, ראַדעק, סטעקלאָוו — אַלץ אידן און אידן, אפילו אונזער מאַקס גאָלדפאַרב איז דאָרט געוואָרן אַ גאַנצער גענעראַל... ס'איז אַ אידישע מלוכה... ווי דאָס זאָל ניט זיין — ווינטשעווסקי איז אַוועק מיט'ן רויטן שטראָם, ער האָט געגעבן זיין נאָמען און זיין ברכה די צעשפּאַלטער פון דער סאָציאַליסטישער און אַרבעטער־באַוועגונג.

שפּעטער האָבן די קאָמוניסטן מיט די אייגענע הענט גע־בראָכן זייער שיינע לעגענדע, און דאָס רוסישע פאָלק איז גע־בליבן ביי אַ צעבראָכענער קאָרעטע, פון דער גרויסער אילוזיע האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בלוטיגער שוים, די קאָמוניסטישע פירער גריזשען איינע די אַנדערע און אַלע צוזאַמען דאָס אומגליק־לאַכע לאַנד. ביי אַ סך פאַרבלענדטע האָבן זיך די אויגן גע־

עפּנט צו זען דעם אמת. אָבער דעם זיידנ'ס אויגן זיינען שוין געווען צו אַלט דערפאַר. ער איז געבליבן טריי זיין נייער רויטער ליבע. ער פאָרט קיין רוסלאַנד אַליין זען די גאולה. דאָרטן וואַרטן אויף אים לאָרבער־קרענץ ניט פאַר זיין פאַרגאַנגענהייט, פון וועלכער ער האָט זיך אָפּגעזאָגט, נאָר דערפאַר, וואָס ער האָט געגעבן זיין ברכה דער צעשטערונגס־אַרבעט פון זיינע נייע חברים, געגעבן זיין נאָמען אויף ברעכן דעם בנין, וואָס ער אַליין האָט יאָרן־לאַנג געהאָלפן בויען. ער פאַרבלייבט אין סאָוועטן־לאַנד ניט לאַנג. אפנים, אז דאָס צוגעזאָגטע וואונדער־לאַנד זעט פון וויטן אויס אַ סך שענער ווי פון נאָענטן. זיינע ערשטע בריוו פון דאָרטן זיינען פול מיט התפעלות; אַלץ ווערט גוטגעהייסן, אַלץ באַרעכטיגט. אין די לעצטע בריוו וואַרפן זיך שוין דורך טענער פון באַהאַלטענער אומצופרידנקייט. עס לאָזט זיך הערן דער אַמאָליגער „קיקער". אָבער ער קומט צופאָרן קיין ניו יאָרק און פאַרשפּאַרט זיך אין די ענגע פיר אײַלן פון זיין אָפּגעזונדערטער היים. די ערשטע צייט פירן אים די קאָמור־ניסטן נאָך אַ פּאָר מאָל ארום אויף אַ יום־טוב, צו דעמאָנסטרירן, אַז דער זיידע איז זייערער. אָבער באַלד הויבט זיך אָן זיין לאַנגער אויסגיין, און ניט מ'זעט אים און ניט מ'הערט פון אים מערער. אין זיין נאָמען רעדט און שרייבט נאָך אַמאָל קאַרל מאַרמאָר, נאָר ווער קאָן זאָגן, וואָס ווינטשעווסקי האָט אים געזאָגט אין די יאָרן, ווען ער האָט שוין כמעט אינגאַנצן ריידן ניט געקאָנט... וואָלט דער אַלטער נאָך געווען ביי זיינע כחות, וואָלט ער געווים „געקיקט" געגן זיין נייער פּאַרטיי נאָך מער, ווי געגן די פּאַרטייען, אין וועלכע ער איז פריער געווען. און אַזוי ווי אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי טאָר זיך קיינער ניט דערוועגן צו האָבן אַן אייגענע מיינונג, וואָלט מען ווינ־טשעווסקי'ן געווים פון דאָרטן ארויסגעשטויסן, אויב ער וואָלט פריער אַליין ניט אַוועק.

פאַר דעם, וואָס איז געווען שטערבלאַך אין ווינטשעווסקי'ן, וועלן מיר זיך מיט קיינעם ניט קריגן, מיט קיינעם ניט קעמפן. מיר זיינען ניט קיין קאָמוניסטישע געצנדינער און פאַרהייליגן ניט קיין טויטע ביינער. אָבער ווינטשעווסקי'ס גייסט אין דער

גאַנצער צייט, ווען ער איז געווען לעבעדיג און שפּעטער, געהערט צו אונז. ווינטשעווסקי האָט אַריינגעשריבן אַ שיין בלעטל אין דער געשיכטע פון דער אידיש-סאָציאַליסטישער באַוועגונג — דאָס איז געווען דאָס ערשטע בלעטל, אָן וועלכער די ווייטערדיגע בלעטלאך וואָלטן געווען אוממעגלאך. מיר ווילן דאָס דאָזיגע בלעטל ניט אויסמעקן. די קאָמוניסטן קאָנען עס ניט אויסמעקן. ווינטשעווסקי אליין וואָלט עס ניט געקאָנט אויסמעקן, ווען ער זאָל אפילו האָבן געהאַט כח דאָס צו וועלן.

י. ל. פּרץ

פעסימיזם און טראגישער אפטימיזם.

1

אויף אלע זיינע מער־באדייטנדע ווערק האט י. ל. פרץ א סך געארבעט. ער האט זיי געבויט און איבערגעבויט, געפיילט און געשליפן. אבער מער ווי אלץ האט ער געארבעט אויף די צוויי גרעסערע דראמעס, „די גאלדענע קייט" און „ביינאכט אויפ'ן אלטן מארק". ביידע האט ער אפגעדרוקט אין א ריי וואריאנטן. וואלט פרץ געלעבט לענגער, וואלטן מיר פון דער לעצטער דראמע מסתמא געהאט נאך עטלאכע וואריאנטן. ער האט נאך איר אלץ ניט געהאלטן פאר איננאנצן פארענדיגט. זיין שעפערישע כונה האט נאך ניט געפונען דעם פולן אויסדרוק, וואס זאל אים צופרידנשטעלן.

„ביינאכט אויפ'ן אלטן מארק" האט זיך פרץ'ן ניט איינגעגעבן. פארמאסטן האט ער זיך זייער ברייט: ער האט געוואלט ארויסברענגען א בילד פון אלע אידישע קלאסן, גרופן און ריכטונגען — אלטע, נייע און די נייסטע פון די נייע; געוואלט ארויספירן אלע הויפט־שפילער אויף דער בינע פונ'ם אידישן לעבן. געוואלט ווייזן אונזער היינט, רעשטלאך פון נעכטן און אויסזיכטן אויף מארגן. דאס האט געדארפט זיין עטוואס ענליכעס צו וויספיאנסקי'ס בארימטער דראמע „די חתונה". דאס צעטל פון די „פערזאנען" פארנעמט דריי זייטן. און ווי ביי וויספיאנסקי'ן, זיינען צווישן די שפילער פאראנען אויך ניט קיין לעבעדיגע זאכן: ברונען־גער, שטיין־בילדער פון ריטער, גייסטלאכע און א בישאף, קלויסטער־גלאק, מארגנשטערן, א בלעכענער האן, דער פייפער פון פאבריק — פערזאנען־סימבאלן. אבער די לעבעדיגע פערזאנען זיינען אויך ניט קיין טיפן און

געשטאַלטן, נאָר שאָטנס, וואָס דאַרפֿן אויף עפּעס אָנווייזן, אויף עפּעס אָנווינקען. איינציגע מענשן און גאַנצע גרופּעס שווימען דורך פאַרביי אייער אויג. זיי באַווייזן זיך, זאָגן אָפּ זייער פּסוק און פאַרשווינדען. איניגע באַווייזן זיך צו עטלאַכע מאָל, אָבער יעדעס מאָל נאָר אויף א קורצער ווײַלע, אויף א מינוט, אויף א רגע. נאָר איין איינציגער פּערזאָן באַוויזט זיך אויף דער בינע אָפּט, בלייבט לענגער, רעדט מערער; דאָס איז דער בדחן — דער לץ. קיינער מאַכט אויף אייך ניט קיין בלייבנדיגן איינדרוק, קיין פּערזאָן און קיין סצענע. אַלץ טראָגט זיך פאַרביי און פאַרביי, ווי אין א קאַליידאָסקאָפּ. עס שווינדלט אין די אויגן, עס שווינדלט אין קאָפּ. און אַז איר פאַרענדיגט, איז אייער מוח פול מיט אָפּגעריסענע שטיקלאַך און ברעקלאַך, וואָס וואָלטן זיך אפשר געקאָנט צונויפגיסן און בילדן איין גאַנצע זאַך; זיי האָבן זיך אָבער ניט צונויפגעגאָסן, קיין גאַנצע זאַך ניט גע־וואָרן, געבליבן נאָר א וואונק, א רמז, ריכטיגער, — א סך רמזים. איר פאַרמאַכט דאָס בוך און איר געפינט זיך אין א פאַרלעגנ־הייט: וואָס באַטייט עס? וואו איז דער באַשייד? צופיל פּערזאָנען, צופיל סצענעס, און זיי פאַרשטעלן, אַנשטאָט צו באַ־ווייזן, פאַרטונקלען אַנשטאָט קלאָר צו מאַכן.

מ'האָט געפּרואווט לערנען אין דער דראַמע פּשט, אויס־טייטשן זי אויף פאַרשיידענע אופנים, זיך דערגריבלען צו דעם סוד פון די רמזים, צו פּרץ'ס כונות.

איין כונה פּרץ'ס, די הויפּט כונה, איז קלאָר פון דעם נאָ־מען, וואָס ער האָט דער דראַמע געגעבן. זי גייט דורך, ווי א רויטער פאָדים, דורך דעם גאַנצן פאַרביילויפנדיגן אינהאַלט, וועלכן איר זעט, ווי דורך א פענסטער פון אן עקספּרעס־צוג: זי זעט זיך אַרויס אין די ווערטער פונ'ם בדחן, פונ'ם וואַנדערער און פונ'ם דיכטער — די דריי פּערזאָנען, צווישן וועלכע פּרץ האָט צעטיילט זיין אייגענע באַציאונג צו דער שפּיל פון די שאָטנס אויף דער בינע.

„ביינאַכט אויפ'ן אַלטן מאַרק" — דאָס גאַנצע אידישע לעבן מיט אַלע זיינע גרופּעס און ריכטונגען, מיט אַלע באַווע־גונגען און שטרעבונגען, שטרייטן און קאַמפן — דאָס אַלץ איז

ניט מער ווי א יאריד בײנאכט אויפ'ן אלטן מארק. אזוי די מתים, אזוי אויך די לעבעדיגע. בעת די מתים גייען ארויס פון די קברים, דרייען זיך צווישן זיי ארום לעבעדיגע: דער פרוש, נתן שכור, דאס גאסן־מיידל, „ער" און „זי". און עס איז שווער אפצוטיילען, ווער זיינען דא די לעבעדיגע און ווער די טויטע. פון אלץ און אלעמען שמעקט מיט קברות־בלעטלאך.

די סוחרים דינגען זיך איבער א וואגן מיט אלטווארג. די אינגלאך זינגען: „וואס איז דער מענש? וואס איז זיין ווערט? אש פון דער ערד, שטויב פון דער ערד! היינט אין שטוב, מארגן אין גרוב". ביי די לעבעדיגע איז „פינסטער, ווי אין די גריבער, שטיל, ווי אין די גריבער". דער וואסער־טרעגער, וואס וויל דערקוויקן די דורשטיגע, פארטריקנטע גומענס מיט פרישן קאלטן וואסער, מיט מים חיים, טראגט אן עמער אן א דנא, פון אויבן גיסט זיך אריין און פון אונטן גיסט זיך ארויס. דער האלץ־העקער, וואס וויל אנווארימען נאקעטע יתומים־לאך אין גרויסן פראסט — פאכט מיט דער האק אין דער לופטן.

און משיח'ן, די ערלייזונג וועלן ניט ברענגען ניט די אלטע: דער פרוש מיט זיין פרומקייט און דער מקובל מיט זיינע לפסק'ן און נויטריקון, ניט די נייערע: די משכילים, וועלכע פרייען זיך דערמיט, וואס ביי אידן זיינען שוין גאט צו דאנקען, פאראנען ערשטע גילדיע... צווייטע גילדיע... אדוואקאטן און דאקטוירים... די ערלייזונג וועלן ניט ברענגען אויך גאר די נייע: ניט די בלינדע זעצערין, וועלכע האט פארלוירן די אויגן אין א קאנספיראטיווער דרוקעריי טיף אין א פינסטערן קעלער — פון דעם שטויב פון בליי; ניט דער ארעסטאנט אן א פוס, וועלכער איז צוועלף יאר אין קייטן געזעסן, א פוס געפוילט, אראפגענומען מיט א מעסער, ווי מיט א זעג. ניט דער געהאנגענער, ניט דער גערקעפטער גארבער, וואס בלאנדזשעט ארום מיט'ן קאפ אין די רויטע הענט, און ניט דער הוזאר, וואס האט אפריער ביים גארבער אפגעהאקט דעם קאפ, דערפאר ווייל: „האסט א רויטע פאן געטראגן אין גאס, איז געווען א פריקאז: קאלט געוועד!" דערנאך האט מען אים, דעם הוזאר, אליין געשאסן: „קוים געקומען צום פארשטאנד".

אַזויפיל קרבנות, און אין גאַס בלאַנדזשעט אַרום דער פאַרהונגערטער אַרבעטער, עס דערבאַטירן און ליאַרמען די רעד־נער: זוכט אַ לאַנד! פאַרלאַנגט אַ סיים!... ניין, אַ היים, אַ נייע היים. נאָך פון בייזן נישט געשענדעט, נאָך פון בלוט ניט באַפלעקט... די אַלטע מאַמע וויינט און שטרעקט צו אירע קינ־דער אויס די הענט... זאָלן זיי רײדן, זאָלן זיי דעבאַטירן, אײ־בער אַלץ הויבט זיך די פאַבריק, וואָס ציט אַרום די קלוי; און בעת דער פאָרהאַנג פאַלט ביים סוף פון דער דראַמע, הויבט די פאַבריק אָן צו פייפן און פאַרטויבט אַלץ און אַלעמען. טויטע קלעזמער שפּילן אַ מאַרש פאַר אַ צוג פון טויטע קעמפער. און מען דער פאַרהונגערטער אַרבעטער רײדן נביאיש: „עס וועט גע־שען אונזער ווילן! עס גייט דער נייער העלד אויף אייער גאַט, אויף אייער וועלט!" מען די בלינדע זעצערין ענטפערן מיט התפעלות: „איך הער זיין שטים פון ווייטן!" און דער געהאַנגענער גאַרבער מיט'ן שטריק אויפ'ן האַלז, אויסרופן פול האָפענונג: „פון דער הויך זע איך אים רייטן אין פולן גאַ־לאָפּ!" און דער געקעפּטער גאַרבער: „אמת, נאָט אייך מיין קאָפּ!" — עס ענטפערט אָפּ אַ געלעכטער...

דער היימישער דיכטער זאָגט נביאות: „עס גייען טעג, גרויסע טעג, גרויסע העלדן שוין אין וועג". דער בדחן מאַכט פון אים חוזק: „געקומען! אין חורבה פאַרשטעקט!" פון חורבה גייען אַרויס די קדושים, די מאַרטירער, וועלכע האָבן נאָר געקאָנט דערלאַנגען צום קנאַק — די רעכטע באַק, די לינ־קע באַק... דער היימישער דיכטער פאַרשטעלט זיך דאָס גע־זיכט: „וואָס דאָס האָט איבערגעליטן!" דער בדחן, דער בייסנ־דיגער לץ, פרעגט מיט שפּאָט: „אָבער וואָס באַשטייטן?" טרייסט איז נאָר אין גלעזל, ביי נתן דעם שכור, וואָס וואַלגערט זיך אין רינשטאָק. טרייסט איז נאָר אין גייסטיגן אַלקאָהאָל, אין דער לעגענדע, אין וועלכער „עס זוכן זייער טרייסט די מענשן, וואָס זיינען פון לעבן געקוועלט, נישט שטאַרק, נישט דרייסט זיך צו שיצן און ווערן".

ביינאַכט אויפ'ן אַלטן מאַרק ווערט דער בדחן פעלד־מאַר־שאַל, ער וויל פירן גאָט'ס וועלט. אין די לעבעדיגע גלויבט ער

ניט. רופט ער ארוים די מתים פון די קברים און עס קומט אָן
אַ שרעקלאַכע נאַכט. זיינען די טעג ווייניגער שרעקלאַך?

דער בדחן וויל, די מתים זאָלן לעבעדיג ווערן, זיי זאָלן טאַנצן מיט'ן גאַנצן אימפּעט: „זאָלן די הערצער צאַפּלען צום פּלאַצן, זאָלן קלאַפּן די שלייפן, ווי טאַצן... לעבט, וואָס איר האָט ניט דערלעבט! פילט, וואס איר האָט ניט דערפילט!" און די מתים פּרואוון פּאָלגן דעם בדחן. מתים לאַכן מיט אַ היל־צערנעם געלעכטער. מ'טאַנצט לײדנשאַפטלאַך איין ראָד און נאָך אַ ראָד, טויטע ווייבער ווערן אויסגעלאַסן: „רייסט אַראָפּ די קאַפּקים! לאָזט אַרוים די האָר! מאַלע וואָס מ'טאָר נישט — עך, מ'טאָר, מ'טאָר!" אָבער ווי לאַנג לעבן טויטע, ווי לאַנג לעבן טויטע? און עס ריידן צווישן זיך די חוקרים: „טויט און לעבן אַלץ אומזיסט. מען מוז זיך איינמאָל אונטערגעבן. לאָז דאָס געהירן פוילן אין דער שטיל". טויטע ביינער קנאַקן. טויטע קלעזמער שפּילן... דער חסיד האַלט פון טאַנצן... אָבער זיין גליק איז, וואס ער האָט ניט קיין קשיות, ער פרעגט ניט קיין שאלות...

אָבער ווי לאַנג לעבן טויטע? עס שיינט אויף דער מאָרגנ־שטערן און דער טאַנץ האַקט זיך איבער, און עס הערן זיך אנגסט־שטימען: „וויי, דער מאָרגן לייכט! אוים נאַכט! אוים נאַכט! וויי, עס טאָגט!" דער בדחן באַפעלט טאַנצן שטאַר־קער: מ'דאַרף ניט ציטערן פאַר מאָרגן־גרוי, „טאַנצט אריין דעם גרויסן טאַנץ אין גרויסן טאָג!" און ווען אַ שול־מת איז אין ספק: מען מעג? ענטפערט דער בדחן: „אז „מ'קאָן און מ'וויל". אָבער די מאַרק־מתים באַרואיגט זיין ענטפער ניט. קאָנען און וועלן... „וועלן מיר דען קאָנען? קאָנען מיר דען וועלן?" דער בדחן פאַלט אריין אין פּאַטאָס: „לעבן נעמט מען מיט געוואַלד!" אָבער די מתים טענה'ן זיך זייערס: „מיר זיינען דאָך טויט!" הייסט זיי דער בדחן פאַרלייקענען דעם טויט. דער טויט איז אָפּגעשאַפט. פון היינט אָן איז קיין טויט ניטאָ; אַלע מתים שרייען אים נאָך: נישטאָ! אַלע שווערן! אָבער עס איז געגוג, דער בלעבענער האָן זאָל אַ קריי טאָן, און די מתים צעלויפן זיך אין אַנגסטן, לויפן צו די קברים. דער

בדחן, וואָס האָט אויף א וויילע פאַרביטן שפּאַט פון ניט־גלויבן אויף פּאַטאָס פון האָפנונג, פאַלט אריין אין לעצטן מוט פון יאוש: „העי, וואו זייט איר? ליכט פאַרשפּרייטער, אין משיח׳ס טויערן־קלאַפּער, צוקונפטס פליגן־כאַפּער, שלעגער קאָפּ אָן וואַנט — (קיין ענטפער) און איר דאַך־באַשלעגער, בלעכער, איר, וואָס שטייגט הויך און העכער — מיט מיר אַרויף אויפ׳ן דאַך!" ער וויל טויטן דעם האָן, וואָס שרעקט די מתים מיט זיין קרייען אויף טאָג. אָבער זיין רוף איז אומזיסט. טאָמער וויל עמיצער אים נאָכגיין, האַלט אים די בלינדע זעצערין אָפּ: „ס׳איז ניט קיין קלאָסן־קאַמף! ניט אייער זאַך!"

דער בדחן בלייבט אַליין און ער גיט זיך אונטער: „איבערגעבאַפּט די מאָס. געפאַלן מיט׳ן קאָפּ אַראָפּ. איך זאָג מיך אָפּ, פון אַלץ אָפּ". און דער פּרוש, דער פאַרשטייער פונ׳ם אַלטן, מאַכט דעם סך הכל: „נאַריש, נאַריש אַלץ און אייטל, נאַריש אַלץ מיט אַנאַנד. עס ווערט נאַכט און עס טאָגט, און נאַריש איז, אויב עמיץ זאָגט, ער האָט א נייס דערקלערט". ביים וואַנדערער שפּינט זיך א נייער פאַרלאַנג, עס וועקט זיך א נייער קלאַנג. דער וואַנדערער פילט נאָך, אז עפּעס אין האַרץ דאַך בליט, נאָר ער אַליין ווייס ניט, וואו איז צוועק, וואו איז ציל. דער לעקטאָר ענטפערט אים שטרענג: „דאָס געהערט ניט צום שפּיל..." דער פאָרהאַנג פאַלט. און פון הינטער׳ן פאָרהאַנג הערט זיך ווי דער בדחן רופט אין שול אריין! צי מאַכט ער דאָס חוזק, אָדער פון ענטוישונג און יאוש האָט ער זיך באמת אומגעקערט צום אַלטן פרוש אין דער אַלטער שול? און די פאַבריק הויבט אָן פייפן און פאַרטויבט אַלץ און אַלעמען. — דאָס איז דער אַלטער קהלת, דער טיפסטער אָפּגרונד פון פּעסימיזם. ניטאָ קיין נייעס אונטער דער זון. הבל הבלים הכל הבל. אַלץ איז נאַכט, אַלץ איז טויט. מתים, אין די קברים אריין!

אָבער פּרץ איז לויט זיין כאַראַקטער קיין פּעסימיסט ניט געווען. ער האָט געגלויבט, ער האָט געמוזט גלויבן, געמוזט האַלטן די אויגן איינגעשפּאַרט אין דער צוקונפט און דאָרטן זוכן ליכט, דאָרטן זען א פּאַרשיין. זיין גאַנצער לעבנסוועג, דער

וועג פון זיין שאפונג ווייזט דאס אונז קלאר. מער נישט וואס ביי דעם גרעסטן אפטימיסט, ביי דעם טיפסטן גלויביגער מאכן זיך מינוטן און שעה'ן, אפילו טעג און נאך מער נעכט, ווען עס נאגט דער ווארים פון ספק, ווען דער געדיכטער שאטן פון פעסימיזם פארשטעלט יעדן שיין. אין יענע פיבער־מינוטן זעט מען חלומות פון חושך, חלומות פון קהלת, פון הבל־הבלים. און פרץ'ס דראמע האט טאקע אן אונטער־קעפל „א טרוים פון א פיבער־נאכט". פאראנען מאמענטן ווען עס איז אויסערגעוויינ־לאך שווער צו בלייבן אן אפטימיסט, ווען דאס גאנצע לעבן צווינגט ארויף פעסימיסטישע יאוש־שטימונגען. די יארן 1917 — 1907, די מאגערע צען יאר, וועלכע האבן פארביטן די פריי־ערדיגע צען יאר פון העראאישע אנשטרענגונגען, זיינען געווען דורכאויס אזא צייט פון אויסערלאכן און אינערלאכן חושך. און פרץ האט שוין דעמאלט אנגעהויבן אלט צו ווערן. פלעגן אים צייטנווייז באפאלן שווערע ספקות: איז דאס דער סך הכל פון א לעבן? און אטאקעס פון יאוש פלעגן פארטונקלען זיין ליכ־טיגן געמיט. אפילו אין אזעלכע מאמענטן האט זיך זיין גאנ־צע נאטור געבונטעוועט קעגן דעם פעסימיזם. דאס איז ער אליין דער וואנדערער, וועלכער וויל זיך ניט אונטערגעבן און עפעס אין הארצן ביי אים ציט אן אן אפהאלט. אבער דער פעסימיזם באהערשט אים, ווי א קאשמאר, ווי א שווערער חלום. און אין די מאמענטן, ווען ער גיט זיך אונטער, נעמט ער זיך שרייבן און איבערשרייבן זיין „ביינאכט אויפ'ן אלטן מארק". אין יענע מאמענטן נעמט ער זיך איבערזעצן קהלת, דאס אייביגע בוך פון יאוש און הבל הבלים. און ווייל אין אזעלכע מאמענטן איז זיין עכטע נאטור געווען פארכאפט פון עפעס פרעמדס, ווייל אין אזעלכע מאמענטן איז ער געווען ניט ביי זיך, האט ער ניט גע־קאנט איינהאלטן די גאנצע קראפט און גלאנץ פון זיין שעפע־רישן טאלאנט, און וואס ער האט אין אזעלכע מאמענטן געשריבן, האט ניט געקענט ארויסקומען אין גאנצן געלונגען.

2

דער ערשטער אקט פון דער „גאלדענער קייט" (די איבע־ריגע אקטן זיינען ניט אין פארגלייך שוואכער), דאס איז דער

פּערל פון פּרץ'ס שאַפן, זיין שעדעוור. קיין אַנדער ווערק זיינס האָט אַזוי האַרמאָניש און פול ניט אויסגעדריקט פּרץ'ס גאַנצן מהות, ווי דער דאָזיגער אַקט.

פּרץ איז געווען אַן אָפּטימיסט. אָבער דאָס איז ניט געווען דער פלאַכער אָפּטימיזם, וואָס שאָקלט אויף אַלע צרות צו מיט'ן קאָפּ: גם זו לטובה, וואָס קוקט אויף אַלץ און אַלעמען דורך ראָזעווע ברילן, און דער האָריזאָנט איז פאַר אים שטענדיג מיט ליכט באַגאָסן. פּרץ'ס אָפּטימיזם איז געווען אַ טראַגישער. ער האָט געוואוסט, דורך וויפיל גערדיכטע וואָלקנס יעדער שטראַל־ליכט מוז זיך דורכשלאָגן, מיט וואָס פאַר אַ ים פינסטערניש יעדער פונק מוז קעמפן. דער מענש גייט באַרג אַרויף, אָבער ער גייט מיט שווערע, לאַנגזאַמע טריט. און וויפיל מאָל שטעלט ער זיך אָפּ אין זיין גאַנג, וויפיל מאָל קייקלט ער זיך אויף צוריק. פאַראַנען זעלטענע מאָמענטן, ווען דער מענש לויפט מייל־טריט; אָבער ער ווערט באַלד שוואַך, מיד און גליטשט זיך אַרונטער, און די ניט אין גאַנצן דערשטיקטע כוחות פון דער פאַרגאַנגנהייט — אין אים און אַרום אים — שטויסן אים צוריק. דער וועג פון דעם מענשן אין דער געשיכטע איז דריי טריט פאָראויס און צוויי טריט צוריק. אָבער דריי איז מער ווי צוויי; און זיין יעדער אַראָפּפאַל איז העכער פאַר דעם אַראָפּפאַל, וואָס פאַר אים, און זיין יעדער אויפהויב איז העכער פאַר דעם אויפהויב, וואָס פאַר אים, און אַזוי קלעטערט ער דאָך אַלץ העכער און העכער.

דער היסטאָרישער פּראָצעס איז טויב און בלינד; ער ווייס ניט פון קיין ליידן, ווייס ניט פון קיין טראַגיק. אָבער דער דאָזיגער פּראָצעס ווערט געמאַכט דורך לעבעדיגע מענשען, וואָס יעדער שניט פון דער געשיכטע, יעדער זיגזאַג אירער גייט דורך זייער מוח, דורך זייער האַרצן. מיט וויפיל וואונדן, מיט וויפיל טראַגישע ליידן דאָס איז פאַר זיי פאַרבונדן!

פּרץ האָט ליב דעם מענשן, וועלכער הויבט זיך; ער האָט אויך ליב יענעם מענשן, וועלכער ליידט פון זיין פאַלן, ליידט דערפון, וואָס ער וויל זיך הויבן און קאָן ניט. אָבער פּרץ ווייס, אַז דער זעלביגער מענש, וואָס האָט זיך נעכטן מיט אַלע כוחות

געהויבן, און דאָס האָט אים פאַרשאַפט די גרעסטע פרייד, קען מאָרגן פאַלן און אפילו ניט באַמערקן, אז ער פאַלט, קען אפילו האָבן הנאה פון פאַלן.

פרץ ווייס: אַ גרויסער אידעאַל רופט אַרויס אַ גרויסע באַוועגונג, רופט אַרויס גרויסע מענשן, ריטער פון׳ם הייליגן גייסט. די באַוועגונג שאַפט שטורמדיגע, געהויבענע מאָמענטן. אָבער דער שטורם געדויערט ניט לאַנג, און פאַרווירקלאַכט ווערט נאָר אַ טייל פון דעם אידעאַל, יענער טייל פון שבת, וואָס קען אויסגעמישט ווערן מיט דער וואָך. נאָך די גרויסע העלדישע טרוימער קומען קליינע ניכטערע מענשעלאַך, עפּיגאָנען, וועלכע צעבייטן דעם אידעאַל אויף קליינגעלד, און מיט אַ טייל פון אָט דעם קליינגעלד אָרדענען זיי איין זייער אייגענעם לעבן. זיי ווילן ניט וויסן פון קרבנות. זיי האָבן פיינט חלומות. זיי זיינען ברוטאַל פּראַקטיש. אָבער ווי טראַגיש דאַרפן זיך פילן יענע איינצלנע ריטער, וועלכע האָבן איבערגעלעבט דעם זיג. וואָס מ׳האָט עס געמאַכט פון זייער אידעאַל! ווער עס זיינען עס זייערע יורשים! זיי שטרענגען זיך אָן איינצוהאַלטן דעם פּראָצעס, ניט לאָזן אַוועק דעם שיינעם מאָמענט. אָבער אומזיסט! דאָס איז איבער זייערע כוחות.

סוף כל סוף איז דער חושך, וואָס קומט אָן, ניט אַזוי פינסטער, ווי יענער חושך, וואָס איז געווען פאַר דעם שטורעמדיגן מאָמענט. סוף כל סוף וועט דער ניי־אָנגעקומענער חושך ברענגען אַ נייעם מאָרגנשטערן, וועלכער וועט זיין ליכטיגער פאַר דעם, וואָס איז אַוועק. אָבער וויפיל גלויבן דאַרף אַ מענש פאַרמאָגן, אז ער זאָל אין אָט דעם „סוף כל סוף" געפינען אַ טרייסט. דאָס איז דער אָפּטימיזם פון „און פונדעסטוועגן הויבן מיר זיך דאָך".

דער ערשטער אַקט פון דער „גאָלדענער קייט" שפּילט זיך אָפּ אין דער שעה, ווען „דער ליבער שבת קודש גייט אַוועק". פרץ האָט ליב דעם שבת. ניט די רו פון שבת. איר קענט זיצן ליידיג אין אַ מיטן מיטוואָך, אָבער קיין שבת וועט עס ניט זיין. ער האָט ליב דאָס דערהויבן זיך איבער די קלייניגקייטן, איבער דער וואָכעדיגקייט פון לעבן. ער האָט ליב די פייערלאַכע

אַנגעשטרענגטקייט, די פּאַרטיפּונג, די געהויבענע שמחה, ער האָט ליב דעם עקסטאַז, די נשמה יתירה... אַ גאַנצע וואָך האָט אַ איד איין נשמה, שבת צוויי. שבת ווערט אַ איד גרעסער, טיפער, ברייטער, אומפּאַסנדער. דער אויסגאַנג פון שבת, דאָס געזעגענען זיך מיט דער נשמה יתירה איז פאַר דעם אידן געווען אַ טרויעריגער מאָמענט. צוריק צו דער וואָך מיט אירע וואָכע־דיגע דאגות... היינריך היינע שטעלט זיך פאַר דעם אידן, ווי אַ פּרינץ, אַ בן מלך, וואָס אַ בייזע מכשפה האָט אים פאַרשאָלטן. ער זאָל זעקס טעג אין וואָך זיין אַ הונט. מיט אַ הינטישער פעל און אַ הינטישער טבע. פרייטאָג פאַרנאַכט ווערט ער אויף איין טאָג איבער אַ נייעס אַ פּרינץ: און ווען די שבת'דיגע זון פאַרגייט, איז פאַר אים ווידער אויסגעשפּרייט די הינטישע פעל, אין וועלכער ער מוז פאַרקריכן אויף זעקס הינטישע טעג.

וועבנדיג זיין לעגענדע, האָט דער איד געזוכט אַ פאַרגלייך מיט זיין שטימונג אין די שבת־פאַרנאַכטן, און ער האָט עס גע־קענט געפינען נאָר ביי די רשעים אין גיהנום. שבת איז דער גיהנום פאַרלאָשן און די רשעים רוען. נאָר ווען דער שבת גייט אוים אין פינסטערניש, און אַ אידענע טוט אַ רייב די האַנט אָן אַ קאַלטער שויב און זאָגט די ערשטע ווערטער פון המבדיל, הויבן די מלאכי חבלה אָן אונטערצוהייצן די קעסלען מיט שוועבל און פעך און עס הערט זיך אַ פורכטבאַרער געשריי: שובו רשעים לשאולה! רשעים, צוריק אין גיהנום אריין! דער שבת פאַרנאַכט איז ביי אידן געווען אַ שעה פון טיפן אומעט. שווייגענדיג זיצן אין שטוב די ווייבער און קוקן ארוים אויפ'ן ערשטן שטערן. און אין בית מדרש קרעכצן די מאַנסביל די פסוקים פון אשרי תמימי דרך, ביז מ'צינדט אָן פייער און פון עמוד הערט זיך דער אייליגער והוא רחום פון וואָכעדיגן מעריב.

די חסידים, וועלכע האָבן געזוכט צו מאַכן הייטערער דעם אי־דישן טרויער פון דורות, האָבן די שבת־פאַרנאַכטן אויך גע־זוכט צו פאַרוואַנדלען פון אומעט אין פרייד. ביים רבי'ן פראַ־וועט מען דעמאָלט דעם לאַנגען שלוש־סעודות, דערנאָך קומט די פרייליכע מלוה־מלכה. איך געדענק אמאָליגע יאָרן אין ווילנע ביי די לעבעוויצער חסידים. דאָס רוב זיינען דאָס געווען

אָרימע בעלי־מלאכה'ס. פלעגט מען שבת צו מנחה ברענגען אין שטיבל ווער א חלה, ווער א הערינג און ווער אביסל משקה, און נאָך מנחה פלעגט מען צוזאַמען פראַוועו א פרייליכען שלוש־סעודות; אָן תורה — זיי זיינען דאָס רוב געווען ביטערע עם־הארצים — אָבער מיט נגונים, מיט מעשיות פון רבי'ס מופתים, וואָס האָבן זיך פארצויגן ביז א שפעטן מעריב.

און דער אויסגאַנג פון א געוויינלאַכן שבת־טאָג פאַלט ביי פרץ'ן צונויף מיט דעם אויסגאַנג פון א רייכער שבת־עפּאָכע ביי אידן. חסידות. די ערשטע חסידים האָבן אריינגעטראָגן אין דער אידישער רעליגיע און אין דעם אידישן לעבן — אין יענער צייט זיינען זיי נאָך ביידע געווען פארפלאָכטן — א נייעם שטראָם הארציגקייט, שמחה, פאַנטאַזיע, נשמה־דערהויבנקייט, פאָלקסשאַפונג. אין דער אידישער וועלט פון אוקראַינע, פוילן, ליטע און ווייס־רוסלאַנד האָט זיך צופלאַקערט א מחלוקת צווישן אַלט און ניי, א מחלוקת, וואָס האָט געשפּאָלטן קהילות און משפּחות, דערפירט ביז רדיפות און מסירות. אין אָט דער מחלוקת איז די חסידות געוואַקסן, האָט זי אויסגעשמידט אירע כוחות. און ווען די מחלוקות האָט זיך געענדיגט, און חסידות האָט העכער העלפט געזיגט, האָט די שטורעמדיגע עפּאָכע זיך אויסגעלאָשן, חסידות האָט פארלוירן איר נשמה יתירה, האָט אָנגעהויבן ווערן וואָכעדיג.

חסידות האָט פון אָנהויב אָן געהאַט אין זיך צוויי עלע־מענטן: אָפפרײשונג און דערהויבונג פאַר דער נשמה — די פּאָעזיע פון חסידות — און סגולות, קמיעות, רפואות און מופתים — די פּראָזע פון חסידות. די אידישע מאַסן פון אוּ־קראַינע און פוילן זיינען געקומען צום רבי'ן זוכען היילונג פאַר זייערע פארטריקנטע דורשטיגע נשמות. זיי זיינען אָבער אויך געקומען בעטן ביים רבי'ן געזונד, פרנסה, קינדער. דער רבי איז פאַר זיי געווען א צדיק, א גוטער איד; ער האָט אָבער פאַר זיי אויך פארביטן א מכשף; מער נישט דאָס, וואָס דער מכשף האָט געטאָן מיט'ן כוח פון טומאה, האָט דער רבי געדאַרפט טאָן מיט'ן כוח פון קדושה. מיט איין עלעמענט אַליין — נאָר מיט'ן צדיק אָדער נאָר מיט'ן מכשף — וואָלט

חסידות די אידישע מאַסן ניט צוגעצויגן. דער בעל־שם טוב איז געווען אַ האַרמאָנישע באַהעפטונג פון ביידע, דערי־בער איז זיין כוח געווען אַזוי גרויס.

אָבער פאַר סגולות און קמיעות האָט מען געצאָלט. זיי האָבן געקאָנט געבן וואָוילשטאַנד, אפילו רייכקייט. די ערשטע רביים האָבן דאָס ניט געזוכט. די שפּעטערדיגע האָבן אויף דעם אַרויסגעקוקט. דאַרפסט דעם רבי — צאָל אַ פדיון. דער טראָן פון רבי'ן איז איבערגעגאַנגען בירושה פון טאַטן צום זון. די ערשטע צייט פון חסידות האָבן זיך אָפּט אַרויסגערוקט נייע רביים, וועלכע האָבן זיך דערהויבן צוליב זייערע אייגענע מעלות. שפּעטער האָבן זיך איינגעשטעלט פעסטע דינאַסטיעס. דער רבי האָט אָנגעהויבן הערשן ניט מיט'ן כוח פון זיין פּער־זענלאַכקייט, נאָר מיט זכות אָבות פון טאַטעס און זיידעס; רביים פון אַן אַנדער שטאַם האָט ער אָפּט באַקעמפט. אַן ערשט אויפגעקומענעם רבי'ן אַן אַ שטאַם האָט ער גע'רודפ'ט. די ער־שטע רביים זיינען געקומען פון דער טיפעניש פון פאָלק. דער בעל־שם טוב איז אַמאָל געווען אַ פאַסטוך, אַ באַהעלפער ביי אַ מלמד. זיין אייניקעל, ר׳ ברוך פון מעדזשיבאָז, איז שוין געווען אַ געבוירענער אַריסטאָקראַט און האָט געקוקט אויפ'ן פאָלק פון אויבן אַראָפּ. ר׳ ישראל רוזשינער, ר׳ דוד'ל טאַלנער האָבן געלעבט ווי רייכע פריצים, און זיי האָבן געזוכט צו ווירקן אויפ'ן חסיד'ישן עולם מיט דער רייכקייט און גלאַנץ פון זייער הויף, פון זייערע קאַרעטן.

אַז די מחלוקות האָט זיך געענדיגט, איז געקומען די גרויע וואָכעדיגע רואיגקייט, וואָס האָט איינגעוויגט, פאַרשלעפערט. אַז חסידות האָט געזיגט און איז געוואָרן אַ כוח, האָבן אָנגע־הויבן פאָרן צום רבי'ן רייכע סוחרים'לאַך, וואָס האָבן ביים רבי'ס טיש געזוכט פשוט'ע פריילאַכקייט און כבוד, אַמאָל נויטיגע באַקאַנטשאַפט און פּראָטעקציע אין זייערע געשעפטן. דאָס האָט ניט זעלטן דעם רבי'ן אַליין אַריינגעצויגן אין מסחר, אין שותפות. אַנשטאָט דעם קאַמף מיט די מתנגדים איז געקו־מען אַן אינערלאַכע צאַנקעריי צווישן רבי'אישע דינאַסטיעס פאַר איינפלוס, פאַר חסיד'ישע שטעט און טעריטאָריעס, ניט זעלטן

אפילו צאנקערייַ צווישן ברידער פון איין דינאַסטיע, וועלכע האָבן זיך ניט געקענט צעטיילן מיט דער ירושה. און ווען אינ'ם אידישן לעבן איז אויפגעשטאַנען אַ נייע באַוועגונג — די השכלה, זיינען די רביים געוואָרן אירע שאַרפסטע געגנער, האָבן זיי מיט נעגל און ציין פאַרטיידיגט זייערע מאַכט־פּאָזיציעס און האָבן פאַרפאָלגט די משכילים מיט'ן זעלביגן אימפּעט, מיט וועלכן די רבנים האָבן נאָך דאָ ניט לאַנג זיי אַליין פאַרפאָלגט. געבליבן נאָך אינ'ם אידישן לעבן פונקן פון דעם אַמאָל יונגען חסידות, אָבער דער קוואַל פון נייער שאַפונג איז אין חסידות אויסגעטריקנט געוואָרן. פון אַ לעבעדיגן קוואַל, וואָס טראָגט אַפּפרישונג, איז חסידות געוואָרן אַ שטייענדיג וואַסער, וואָס האָט אָנגעהויבן פוילן און פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ זומפּ. ווי שווער האָט געדאַרפט פילן אַ רבי, וועלכער האָט געזען פאַר די אויגן דעם אָנהויב פון אַראָפּפאַל און אין מוח ביי אים האָט נאָך געלעבט דאָס ליכט פון דעם אַמאָליגן אויפגאַנג. איר געדענקט דאָס ווערטל, וואָס אַפּאַטאַשו ברענגט אין נאָמען פון דעם אַלטן קאָצקער („פּוילישע וועלדער"): „איך האָב געוואָלט זיין אַ רופא פאַר נשמות און זיי האָבן מיך געמאַכט פאַר אַ קאַנאַוואַל צו היילן פערד".

דער ערשטער אַקט פון דער „גאָלדענער קייט" שפּילט זיך אָפּ שבת שפּעט אין אָוונט. אונטער איין דאַך לעבן דריי חסיד'ישע דורות. דער אַלטער שלמה און אַרום די ישישים, די עלטסטע חסידים, וועלכע האָבן נאָך אפשר געקענט דעם בעל־שם טוב, וועלכע האָבן דורכגעמאַכט די שטורמדיגע עפּאָכע, דעם שבת פון חסידות. זיין שוואַרצער זון ר' פנחס, מיט'ן גבאי ר' ישראל, מיט רייכע אָנגעפּאַרענע חסידים, וועלכע באַקוקן די רייכע פּריצ'ישע מעבל פונ'ם רבי'ם הויז און קלייבן דערפון נחת. פאַר פנחס'ן איז חסידות — מאַכט, הערשאַפט. ער וואַרט, שלוחים פון קהילות זאָלן ליגן ביי זיינע פיס, קושן זיינע קנעבל; ער וועט האַרט באַשטראָפן אַלע, וואָס זיינען מורד אין אים, אַראָפּוואַרפן שוחטים, פאַרשילטן רבנים און דינים, פאַרטיליגן די אפיקורסים, באַקעמפן די, וואָס זיינען ניט פון זיין שטאַם. אונטער'ן זעלבן דאַך

לעבט שוין אויך פּנחס'עס זון משה, אַ דור, וואָס איז קיין דור ניט, אָהן די מעלות פון זיידן, אָן די חסרונות פון טאַטן, אָן ווערדע, אָן גלויבן אין זיך.*) שלמה'ס צייט איז שוין לאַנג אריבער. ער איז נאָך רבי, אָבער די פּאַקטישע באַלעבאַטים זיינען שוין פּנחס און דער גבאי ראשון ישראל. ביים רבי'ן אין הויז זעט איר שוין שווערע זיידענע פּאַרהאַנגען, געקויפט ביים פּריץ מיט'ן הויז צוזאַמען, געשניצטע באַלקן און מעבל, אַלמערס מיט פיגורן. די אָרימע חסידים דערמאָנען מיט וויי־טאָג: „דאָ פלעגט דער רבי זיצן ביי דערנאַכט, אין פינסטערע נעכט, אין התבודדות אַליין, מלחמה האַלטן מיט אַל־דאָס־בייז, מיט מסירת נפש"... די יונגע רייכע חסידים קוקן אויפ'ן אַלטן רבי'ן, ווי אויף אַן עובר בטל: ער איז פון זינען אַראָפּ... שוין לאַנג צייט, שלמה זאָל אַוועק אין זיין אייביגער רו אַריין, פּנחס זאָל ווערן רבי. אָבער שלמה לעבט לאַנג, ער וויל ניט אַוועק; ער וויל מיט גוואַלד איינהאַלטן דאָס אַמאָליגע ליכט, וואָס לעשט זיך — ער מיט די ישישים.

עס איז שוין שפּעט אין אָוונט. לאַנג צייט צו מאַכן הבדלה, וואָך מאַכן. אָבער דער אַלטער שלמה האָט זיך איינ־געשפּאַרט: איך מאַך קיין הבדלה ניט!... שוין לאַנג צייט, די רשעים זאָלן זיך אומקערן אין גיהנום אַריין, און זייערע נשמות ציטערן פאַר דעם פּיין, וואָס וואַרט אויף זיי. נשמות פון אָקאָרשט געשטאָרבענע וואַרטן מיט שרעק אויפ'ן משפּט. דער בית־דין של מעלה איז שוין גרייט צו משפּט'ן, צו פּסק'ענען. און די נשמות פלאַטערן מאימת יום הדין... אָבער דאָרטן אין הימל מוז זיין שבת, ווייל שלמה אויף דער ערד האָט קיין הבדלה ניט געמאַכט. „ציטערט ניט, פלאַטערט ניט! מיט צוואַנגען האַלט מען שבת איין! ניט גע'פּסק'ענט, ניט געשטראָפט. אויס־געלייזט מוז ווערן די וועלט! שבת! שבת זאָל זיין! ניט

*) אין דער לעצטער באַאַרבעטונג פון דער „גאָלדענער קייט" איז שוין אין ערשטן אַקט פאַראַן אַ פערטער דור, שלמה'ס אור־אייניק־לאַך און משה'ס קינדער יונתן און לאה. איך רייד דאָ אָבער וועגן דעם וואַריאַנט פון 1906—1907, וועלכן איך האַלט אין אַ סך פּרטים פאַר דעם בעסטן, דעם פאָלקאָמענסטן.

געאַקערט, ניט געזייט, ניט געבויט און ניט פאַרריכט, ניט גע־האַנדלט און ניט געוואַנדלט"...

אָבער אויב אויף יענער וועלט שטייט בית־דין של מעלה און וואַרט אויף וואָך, קענען די חסידים אויף דער וועלט אודאי קיין לאַנגען שבת ניט אויסהאַלטן. סוחרים ווילן פאָרן אַהיים. מ'דאַרף עפֿענען די קלייטן. ביים ישובניק האָט דער שכן אויס־געדונגען א מיל, ער וואַלגערט זיך מיט ווייב און קינדער אַרום אין שניי, און צום רבי'ן לאָזט מען אים ניט צו. א פרוי גייט שווער צו קינד. ס'איז סכנות נפשות. נשים רייסן איין די שול. אַלע שרייען: פאַרוואָס מאַכט מען ניט קיין הבדלה? די וועלט קען ניט אויסהאַלטן קיין לאַנגען שבת. די וועלט דאַרף וואָך, אַז ניט, וועט זי חרוב ווערן...

אָבער שלמה מאַכט ניט קיין הבדלה. מ'בעט: האָט רחמנות, רבי, אויף'ן עולם! אָבער דעם רבי'ן קימערט ניט דער עולם. וואָס איז דער עולם? „צוויי... דריי... פיר... פינף מנינים קליינע, קליינע אידעלאַך.. אויסגעמאָגערטע, איינגע־שרומפּענע אידעלאַך, איינגעהויקערטע קומען קלאַפּן ביים צדיק אָן.. שטעלן אויס די הענטעלאַך: א פונק, א פונק, א נדבה'לע, א מופת'ל... און יעדער וויל פאַר זיך, פאַר זיך, פאַר אייגן ווייב און קינד, פאַר אייגן הויזגעזינט". שלמה איז פאַרנו־מען מיט גרעסערס, מיט העכערס. „צווישן טויט און לעבן וואַקלט זיך א וועלט, א וועלט זינקט אין מרה שחורה אַריין, א וועלט!" די שכינה ברומט, וויינט און טרויערט. משיח קען ניט גיין אויסלייזן די וועלט... און קיין כח צו וואַרטן איז נישטאָ... „אויסגעלייזט פון פּיין און שרעק מוז ווערן די וועלט!" וועט שלמה זי אויסלייזן. ער וועט ניט מאַכן קיין הבדלה. אייביגער שבת זאָל זיין; אידן מיט אַן אייביגער נשמה יתירה. זאָל חרוב ווערן די וואָכעדיגע וועלט פון האַנדלען און וואַנדלען, פון בויען און פאַררוכטן. „און מיר שבת'דיגע, מיר יום־טוב'דיגע, מיר נשמה יתירה'דיגע אידן ווען איבער אירע חורבות גיין... זינגענדיג און טאַנצנדיג מיט פלאַקערדיגע נשמות גיין צו אים — אַהין אין דער הויך, צום כסא הכבוד".

אָבער דער גבאי ישראל רוימט פנחס'ן איין סודות אין

אויער, ער רעדט אים אָן צו עפּעס בייז... ער לויפט צווישן עולם, רוימט איין אַ סוד דעם, יענעם, לויפט צוריק צו פּנחס'ן און דערציילט... עפּעס גרייט זיך דאָ, עפּעס וועט געשען. און בעת שלמה מיט די ישישים און זקנים דרייען זיך אין טאַנץ, זינגען אין עקסטאַז שיר השירים און גייען צו אַן אייביגן שבת, קומט פּלוצלונג אריין ישראל דער גבאי — פון הינטער אים שלאָגט אין צימער אַ פּאַס ליכט: גוט וואָך, אידן!

שלמה פאַלט צוריק אויפ'ן שטול: ניט דערלאָזט... ווער האָט געמאַכט אוים שבת? ווער האָט מורד במלכות געווען? דער גבאי ענטפערט פעסט: „פּנחס האָט הבדלה געמאַכט, ר' פּנחס... דער עולם האָט געבעטן. דער עולם האָט פאַרלאַנגט, געהייסן האָט דער עולם". אוים שבת. ר' פּנחס פאַרנעמט דעם פאָטער'ס שטול. ער איז רבי.

שלמה איז געפאַלן. אָבער ער איז אַזוי גרויס אין זיין עקשנות מיט געוואַלד איינצוהאַלטן דעם שבת, ער איז אַזוי טראַגיש־פּראַכטיג אין זיין פאַלן, אַז ער באַרואיגט אייער יאוש, ער מאַכט אייך שטאַרקער גלויבן אין מענשן. אַ מענשהייט, וועלכע פאַרמאָגט אַזעלכע שלמה'ס, קען אויף לאַנג די נשמה יתירה ניט פאַרלירן; זי וועט אפילו אין דער גרויער וואָך פילן דעם אָפּגלאַנץ פון שבת־ליכט און דורך דער גרויער וואָך וועט זי דערגיין צו נאָך ליכטיגערע שבתים. הגם קיין אייביגער שבת, קיין יום שכולו שבת איז איר ניט באַשערט.

פּרץ אַליין האָט אין די וויטערדיגע אַקטן פון זיין דראַמע געלייגט האָפענונגען אויף יונתן, שלמה'ס אוראייניקל, אַז ער וועט צוריקברענגען אין חסידות די נשמה יתירה. אומזיסטע האָפענונג. חסידות איז שוין קיין נייע שעפערישע עפּאָכע ניט באַשערט. די געשיכטע האָט פאַרקירעוועט אויף אַ נייעם וועג. די עפּאָכעס פון שטורם און דראַנג, וואָס אידן האָבן איבער־געלעבט שפּעטער, זיינען שוין מיט דער רעליגיע ניט געווען פאַר־וועבט. די שעפערישע באַוועגונגען פון די לעצטע פּאָר דורות זיינען געווען וועלטלאַכע. עס זיינען נאָך פאַראַנען רעליגיעזע אידן, חסידים און מתנגדים, רבנים און רביים. מ'שרייבט נאָך רעליגיעזע ספרים. אָבער דער שעפערישער גייסט האָט זיך

פון דעם אלעם שוין אפגעטאן. דאס זיינען פארטריקענטע בויד מער, פון וועלכע מ׳קען שוין קיין פרוכט ניט ערווארטן.

פרץ האט גענומען דעם אונטערגאנג פון חסידות, אבער קומט דען ניט פאר דאס זעלבע ביים אונטערגאנג פון פאר־שידענע רעוואלוציעס? קענט איר ניט געפינען אזעלכע טראגישע פיגורן, ווי שלמה, ביי יעדער גרויסער באוועגונג, וועלכע הויבט זיך אן אויסצולעבן?

אינ׳ם ערשטן אקט פון דער „גאלדענער קייט" האט פרץ געשאפן א סימבאל, וואס איז דורך און דורך אידיש, פארוואָרצלט אין אידישע לעגענדן, אנגעזאפט מיט אידישע שטימונגען. אבער דער דאזיגער סימבאל איז אזוי ברייט און טיף, אז ער גייט ארויס פון די אידישע גרעניצן און ווערט אלמענשלאך. די אידישע ווארצלען און די אלמענשלאכע הויך מאכן די „גאל־דענע קייט" פאר דאס בעסטע צווישן פרץ׳ס ווערק, אפשר פאר די גרעסטע דערגרייכונג פון אונזער נייער אידישער ליטע־ראטור...

ווענן פרץ דעם סאציאליסט איז מען געוואוינט צו ריידן אביסל איראניש: א סענטימענטאלער סאציאליזם... דאס איז ניט ריכטיג. אודאי האט מען פרץ׳ן ניט געקאנט איינפאסן אין פעסטע ראמען פון א פראגראם, און מ׳קאן ביי אים ריידן נאר ווענן א סאציאליסטישן אידעאל, ווענן א סאציאליסטישער שטימונג, ניט ווענן א סאציאליסטישן שולחן ערוך. אבער אט דער אידעאל איז ביי אים געווען הויך און ברייט, די שטימונג — טיף; ניט קיין פארוויינטער רחמנות־סאציאליזם איז עס געווען.

נעמט זיין „באנטשיע שווייג". דוכט זיך, דורכאויס רחמנות צו די, וואס ליידן און שווייגן און טראגן אויף זיך די גאנצע משא פון דער וועלט. אבער צוזאמען מיט רחמנות איז עס דורכגעדרונגען מיט טיפער פאראכטונג צו דעם אייביגן שוויי־גער. און דער סוף... ווען מ׳דערקלערט באנטשיען, אז די גאנ־צע וועלט איז זיינע, און ער קאן זיך נעמען, וואס זיין הארץ גלוסט; ווען מען פרעגט, וואס איז זיין באגער, און ער ענט־פערט „אויב אזוי, וויל איך טאקע אלע טאג א פרישע בולקע

מיט פוטער..." — צולאכט זיך בייז און שטעכעדיג דער שטן, שמייכלען פארשעמט די מלאכים און דער רבונו של עולם אליין פילט זיך עפעס, ווי פארלעגן... הערט איר אין דעם ניט פרץ'ס ביטערע איראניע איבער דעם טעמפן שוויגער, ביי וועלכן די באדערפענישן, באגריפן און האריזאנטן זיינען אזוי קליין, אז ער וואלט גאר ניט געקאנט אויסנוצן די וועלט, ווען זי וואלט מיט אמאל ווערן זיינע?

און אין דער אראבישער מעשה'לע „המחשבה והכנור", וואס פרץ האט אפגעדרוקט אין העברעאישן זאמל־ביכל „החץ" (ווארשע, 1894) און שפעטער האט זי פרומקין איבערגעזעצט אויף אידיש אונטער'ן נאמען „דער גערדאנק און די הארפע", איז פאראן אזא שטעל: דער נביא שוועבט אין דער לופטן און אין די ארעמס האלט ער זיין פון ליכט געבווירענע טאכטער. זיי טראגן זיך פון דעם מדבר צו דער גרויסער שטאט, פון דער שטומער נאטור צו די מענשן־קינדער. ס'איז פארנאכט, פון איין זייט הימל זעט זיך די זון — א גרויסע, א רויטע ביים אונטערגיין; פון דער אנדער זייט די לבנה, א קליינע, א בלאסע — ביים אויפגיין. די טאכטער זיפצט. איר דוכט זיך צו הערן, ווי די לבנה קלאגט: קליין בין איך און נידעריג, קליין און באליידיגט... דער פאטער זוכט זי צו טרייסטן: בעת משיח וועט קומען, וועט דער אויבערשטער ממלא זיין דעם חסרון פון דער לבנה און איר ליכט וועט זיין, ווי דאס ליכט פון דער זון... — און די זון, וואס וועט מיט איר דעמאלט זיין? — די זון, ענטפערט דער פאטער, וועט דעמאלט ווערן זיבן מאל אזוי גרויס, ווי איצט... די טאכטער זיפצט שווער: אויב אזוי, וועט אין יענעם סוף פון די טעג זיין מער ליכט; אבער די עולה וועט בלייבן די זעלביגע... — איז דאס סענטימענטאליזם?

זאגט מען, פרץ האט נישט געהאט קיין פעסטע באציאונג צו די אידישע ארבעטער־מאסן. אין אנהויב פון די 1890־גער יארן איז פרץ א סאציאליסט; ער גיט ארויס די „יום־טוב־בלעטלאך" און דעם זאמל־בוך „ליטעראטור און לעבן" — די ערשטע שוועלבעלאך פון דער לעגאלער אידישער סאציאליסטישער ליטעראטור אין ליטע און פוילן; ער שרייבט „באנטשיע שווייג",

„ביי א פרעמדער חופה־קלייד", „וועבער־ליבע" וכדומה; ער גייט אויף קאָנספּיראַטיווע קוואַרטירן לייענען רעפעראַטן פאַר אַרבע־טער, שטייט אין פאַרבינדונג מיט די פּיאָנערן פון „בונד", באַגעגנט זיך מיט אידישע פּ. ס. אָבער דאָס געדויערט ניט לאַנג. צום סוף פון די 90־גער יאָרן רוקט זיך פּרץ אָפּ אָן א זייט פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג; ער נעמט ביי איר ניט מער קיין דירעקטע טעמעס פאַר זיין שאַפן, וועלכע איז דע־מאָלט איננאַנצן קאָנצענטרירט אויף חסידות. אין 1905 ווערט ער אויף א קורצער ווײַלע ווידער באַגייסטערט פאַר'ן אידישן אַרבעטער, גייט צו נעענטער צום „בונד". אָבער שוין אין 1906 שרייבט ער זיין איין־אַקטער „אַמאָל איז געווען א מלך", וואו ער מאַכט חוזק פון דער קליינלאַכקייט פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג. אין די שווערע יאָרן פון רעאַקציע, 1914 — 1907, ווערט די דערווייטערונג נאָך גרעסער. פּרץ הויבט־אָן שרייבן אין „היינט", און ווען א בונדישער טוער וואַרפט עס אים אויף אין „הזמיר" אויף א קעסטל־אָוונט: „די אידישע מאַסע קאָן עס ניט פאַרשטיין...", ענטפערט פּרץ: איך שפּיי אויף אייער אידישער מאַסע!... און אין די אַרטיקלען פון יענער צייט האַלט ער כסדר אין שטעכן די לינקע, די פאָרשטייער פון'ם אידישן פּראָלעטאַריאַט.

הייסט עס, אַז פּרץ האָט אָפּגעטראָטן פון די אידעאַלן און שטימונגען, וועלכע האָבן אים באַהערשט אין די 90־ער יאָרן? דורכאויס נישט. אפילו אין די יאָרן פון רעאַקציע איז פּרץ געווען א הייסער פריינט פון דער לאָדזער פּראָלעטאַרישער „האַרפע". ער פלעגט מיט'ן גרעסטן פאַרגעניגן פאָרן אַהין אויף פאָרלעזונגען און ער האָט ניט איינמאָל געזאָגט, אַז אין „האַר־פע" האָט ער זיין בעסטע אוידיטאָריע, אַז ער פילט זיך אין ער־גער ניט אַזוי גוט, ווי צווישן אַרבעטער. ווען איך האָב אים דאָס לעצטע מאָל געזען — דאָס איז געווען אין 1913 אין ווין אויף א באַנקעט, וואָס איז געגעבן געוואָרן פון זיין כבוד וועגן — און איך האָב אים פאַרגעוואָרפן זיין דערווייטערונג פון סאָ־ציאַליזם — האָט ער מיר עפּענטלאַך געענטפערט: „איך בין היינט אויך אַזאַ סאָציאַליסט, ווי אַמאָל, נישט קיין ערגערער סאָ־

ציאַליסט, ווי איר. מער נישט, וואָס איר נעמט אייער סאָציאַ־ליזם ביי מאַרקס'ן, און איך האָב מיין סאָציאַליזם געפונען אין דער ביבעל, ביי די נביאים". אין דעם שטעקט א שטיק השכלה, אָבער דאָס באַווייזט, אז פּרץ גופא האָט אויך אין יענע יאָרן זיך געהאַלטן פאַר א סאָציאַליסט.

און די וואַקלונגען? די סתירות? די זאַך איז פּשוט. פּרץ איז לויט זיין קינסטלער־נאַטור געווען א ראָמאַנטיקער, א ראָמאַנטיקער פון דער פאַרגאַנגנהייט, א ראָמאַנטיקער פון דער צוקונפט, א ראָמאַנטיקער פון די צוקונפט־קערנער, וואָס ער האָט געפונען אין דער פאַרגאַנגנהייט. אין יעדער באַוועגונג האָט ער ליב געהאַט נאָר אירע געהויבענע יום־טוב'דיגע מאָמענטן, די מאָמענטן פון עקסטאַז. די קליינע אַלטעגלאַכע אַרבעט, די וואָך — מעג זיין, אַז אַרויפגעצויגן אויף איין שנירל, איז זי גענוג גרויס און שאַפט דעם באָדן, אויף וועלכן ס'וואַקסן די געהויבענע מאָמענטן — פּרץ'ן האָט זי ניט אָנגעצויגן; זי האָט אים אפילו אָפּגעשטויסן. דעריבער האָט ער דאָס רוב געזוכט אין דער פאַרגאַנגנהייט, וואו די פּראַקטישע אַרבעט מיט אירע קליינע שוואַכקייטן איז פאַרהילט אין א שלייער פון וויַיט און פילט זיך שוין ניט, אָדער אין דער צוקונפט, וואו זי פילט זיך נאָך ניט, און ניט אין דער געגנוואַרט, וואו די וואָך פאַרשטעלט אָפּט דעם שבת.

אין די ערשטע יאָרן, בעת די אַרבעטער־באַוועגונג איז געווען קליין און הייליג, שוואַך און הימליש; בעת זי איז באַ־שטאַנען דורכאויס פון פּיאָנערן, אויסדערוויילטע, וואָס איינגע־הילט אין סוד האָבן זיי געטראָגן דער וועלט א נייע בשורה — דעמאָלט האָט זי צוגעצויגן פּרץ'ס קינסטלעריש אויג. פאַרכאַפּט זיין קינסטלערישן אָטעם. שפּעטער, בעת די באַוועגונג האָט גע־נומען שלאָגן וואָרצלען אין באָדן, עס זיינען אַריינגעצויגן גע־וואָרן מאַסן אין קאַמף פאַר זייערע טאָג־טעגלאַכע נויטן — איז עס פאַר די פּאָליטיקער געווען א שמחה. דווקא דאָס, וואָס די באַוועגונג איז אַראָפּ אויף דער ערד, אַרויס אין גאַס; דווקא איר

וואָכעדיגקייט האָט געפּרייט דאָס האַרץ. זיי האָבן געוואוסט, אַז נאָר אויף דעם וועג קאָן מען דערגרייכן צו אַ נייעם העכערן שבת. נאָר אויף דער קליינער און אין פּלוג קליינלאַכער אַרבעט וואַקסן די פליגלען פאַר גרויסע מעשים. לאַגיש האָט עס פּרץ פאַרשטאַנען נישט ערגער, ווי די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי־טוער. אָבער פּרץ איז געווען פריער פאַר אַלץ און מער פון אַלץ אַ קינסטלער, און זיין קינסטלעריש אויג האָט זיך אָפּגעקערט פון דעם גראָשעגעם קאַמף, אויף וועלכן מ׳האָט צייטווייליג צעביטן דעם גרויסן חלום. אין 1905, בעת די גאַנצע אַרבעטער־באַוועגונג איז געווען איין גרויסער יום־טוב, איין שטורעמדיגער אויפשטייג, ווען די קלייניגקייטן זיינען בטל געוואָרן אין גרויסן, איז פּרץ ווידער באַגייסטערט געוואָרן פאַר די אידישע אַרבעטער־מאַסן. אָבער ווען שפּעטער אַביסל האָט די באַוועגונג זיך צעברעקלט אין קליינע סטרייקן, ווען זי האָט טיילווייז אפילו דעגראַדירט צו עקספּראָפּריאַציעס און „קאָמבינאַציעס”, האָט עס פּרץ׳ן געמוזט אָפּשטויסן. ער האָט געוואוסט, אַז די דעמאָראַליזאַציע איז ניט די סיבה פון דורכפאַל, נאָר זיין רעזולטאַט. אָבער ווויסנדיג די סיבה, האָט ער דאָך נישט געקאָנט גובר זיין דעם עקל צו די רעזולטאַטן. בפרט אַז גלייך נאָכדעם האָט זיך אָנגעהויבן אַן אינווייניגסטע רעאַקציע. די אינטעליגענץ איז אַנטלאָפן פון אירע נעכטיגע אידעאַלן, אָנגעהויבן ווייכן פון די מאַסן, זיך אומקערן צוריק צו דעם „תכלית־לעבן” פון די טאַטעס. די מאַסע גופא האָט פאַרלאָרן דעם אימפּעט, געוואָרן צעשטויבט, אָפּהענטיק, איז אויף אַ צייט פון זיך אַליין אַוועק. אין אַזאַ מאַסע האָט פּרץ געוויס נישט געקאָנט איינזען קיין שיינקייט. נישט פּרץ האָט זיך געביטן, נאָר די מאַסע האָט אויף פאַרשידענע עטאַפּן פון איר וועג זיך געווענדט צו אים מיט פאַרשידענע געשטאַלטן, און נישט צו אַלע געשטאַלטן אירע האָט זיך דער קינסטלער פּרץ געקאָנט גלייך באַציען.

עס זיינען דאָך פאַראַן פאַרשידענע באַציאונגען צו דער מאַסע. פאַראַן ניאַנסעס פון דער מאַסע, וועלכע גייען צו צום אַרבעטער, ווי צו אַ קראַנקן קינד: מ׳מוז היטן יעדער טריט

זיינעם, כסדר אים פירן פאַר אַ הענטל, ווארום טאָמער לאָזט איר אים איבער אויף איין רגע אַליין, קאָן ער נאָך חלילה פון יועג אראָפּ, פאַרבלאָנדזשען. מ׳מוז ריידן מיט׳ן ארבעטער אויף אַ באַזונדערער סענטימענטאַלער שפּראַך, צוטשמאָקן מיט די ליפּן: קינדערלאַך, ביינדעלאַך, ציינדעלאַך, קליינינקע, שיינינקע, ליבינ־קע, ווי אין ארבעטער־לידער פון אַ געוויסן מין... אָדער מיט אַ באַזונדערער פלאַכקייט, אַלץ צעקייען און אין מויל אריינ־לייגן — אז ניט, וועט עס דעם ארבעטער זיין צו שווער... און דעם גאַנצן אמת מיט אַמאָל טאָר מען דער מאַסע נישט זאָגן; נאָר יעדעס מאָל אַ טיי־לעפעלע. אַנטקעגן אָט די ניאַנקעס פון דער מאַסע זיינען פאַראַן אירע געצנדינער, מאַסיסטן, וועלכע האַלטן, אַז די מאַסע איז אַלע מאָל שיין, כסדר גערעכט, תמיד אַן אוצר פון אַלע מעלות און גוטע מידות. מיר האָבן זי ניט וואָס צו לערנען, פאַרקערט, מיר דאַרפן זיך שטענדיג לערנען ביי איר. זיי זיינען גרייט אויף אַ בטול היש, אינגאַנצן צע־שוואומען צו ווערן אין דער מאַסע, צו דערשטיקן זייער אייגענעם שכל צוליב אירער אַ מאָמענט־שטימונג, וועלכע זיי נעמען אַן פאַר׳ן העכסטן אמת. „אויב דער פּראָלעטאַריאַט איז משוגע, וויל איך זיין משוגע צוזאַמען מיט אים“...

און עס זיינען פאַראַן לאַקייען פון דער מאַסע, וועלכע שטייען פאַר איר נאָכאַנאַנד אויף די קני און מיט פאַרגלאָצטע אויגן לויבן זיי און הויבן כסדר אירע מעלות. און טאָמער האָט ווער אַ העזה צו געפינען, אַז דער אָדער יענער שריט פון דער מאַסע איז ניט קיין ריכטיגער, מאַכן די לאַקייען גוואַלדן, פאַר־מסר׳ן זיי אים פאַר זיין מאַיעסטעט דעם פּראָלעטאַריאַט: זע, ער האָט דיר פוגע בכבוד געווען! ער איז אַ פאַררעטער! מיר זיינען די איינציגע, וואָס קושן דעם שטויב פון דיינע פיס... איינציגע זיינען שוין אַזוי געבוירן מיט לאַקייאישע נשמות און קאָנען ניט אַנדערש. אַנדערע ווידער פאַרקויפן זיך צום פּראָ־לעטאַריאַט, כדי אים דערנאָך צו פאַרקויפן. ביידערליי לאַקייען, די אויפריכטיגע, ווי די פאַרקויפטע, דעמאָראַליזירן די מאַסע מיט זייער חניפה.

אין 1905, אויף מאָרגן נאָך דעם אָקטאָבער־מאַניפעסט, בעת עס האָט זיך געדוכט, אַז דער צאַריזם לעבט שוין איבער זיינע לעצטע טעג, און דער פּראָלעטאַריאַט איז מיט אַמאָל גע־וואָרן אַ יחסן, האָט מיר שלום אַש געזאָגט: איצט דאַרף די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע נעמען אין אירע הענט דאָס אַרויסגעבן ציַיטונגען און ביכער... ניט אַזוי צוליב סאָציאַליזם, ווי צו־ליב אונזער ליטעראַטור... איך פאַרשטייט — איצטער, אַז דער אַרבעטער האָט געזיגט, וועט אַוועק אַ סדרה פון מיאוס'ע חניפה, אַז מ'וועט דאַרפן אַנטלויפן... אַלע צייטונגען וועלן קריכן ביים אַרבעטער אונטער די נעגל, ליבן אַפילו זיינע חסרונות... ס'וועט זיין אַ רחמנות אויפ'ן געדרוקטן וואָרט... אָבער די „אָרגאַ־ניזאַציע" — דאָס איז דאָך דער אַרבעטער אַליין, ביי איך וועט מען דאָך אַמאָל קאָנען אַרויסזאָגן אַן אמת וואָרט...

פּרץ האָט זיך באַצויגן צו דער מאַסע, ניט ווי אַ ניאַנקע צו אַ קראַנקן קינד, געוויס ניט, ווי אַ לאַקיי צו זיין פּריץ, און אַפילו נישט, ווי אַ בלינדער פאַרליבטער, ווי אַ געצנדינער. זיין באַציאונג צו דער מאַסע איז געווען אַ געזונטע, וואָס קאָן נישט פאַרפירן, נישט באַליידיגן. ער האָט ליב געהאַט די אַר־בעטער־מאַסע ניט אַזוי פאַר אירע ליידן, ווי פאַר די גרויסע שאַ־פונגס־מעגלאַכקייטן, וואָס זיינען אין איר באַהאַלטן. ער האָט געוואוסט, אַז די דאָזיגע מעגלאַכקייטן האָבן זיך דערוויילע אַרויס־געוויזן נאָר אין זעלטענע מאָמענטן, אַז די מאַסע איז ניט אַלע מאָל גערעכט, אַז זי זוכט דעם אמת'ן וועג אָפט בלאָנדזשענדיג, אַז זי לערנט זיך אויף אירע פעלערן. ווען די גרויסע מעגלאַכ־קייטן פון דער מאַסע זאָלן זיך שוין האָבן פאַנאַנדערגעוויקלט, וואָלטן מיר געשטאַנען ניט ערשט אין וועג, נאָר שוין ביים ציל. מיר דאַרפן זיך לערנען ביי דער מאַסע, אָבער מיר האָבן נאָך איר אויך אַ סך צו לערנען. פאַרלייקענען אונזער שכל איז אַ זינד ניט בלויז געגן אונזער אייגענעם איך, נאָר געגן דער מאַסע גופא. צעשוואומען ווערן אין דער מאַסע הייסט דער־טרונקן ווערן אין דער סטיכייע, צונעמען ביי דער מאַסע אַ טייל פון איר מאַרך.

פרץ האט אין זיינע פאלקסטימלאכע געשיכטן גענומען ניט אלץ, וואס דאס פאלק האט געשאפן. ער איז געווען ניט קיין זאמלער, נאר אן איבערקלייבער. ער האט ניט גענומען די גראב־קייט און דעם נאאיוון ציניזם פון פאלק, ניט גענומען אפילו די לעבנס־דערפארונג, די פראקטישע חכמה פון פאלק. אפילו ניט דעם פרייען שפיל פון זיין פרימיטיווער פאנטאזיע. ער האט אויסגעקליבן יענע מאמענטן, ווען די שאפונג פון דער מאסע ווערט קאנצענטרירט און פארטיפט, ווען זי הויבט זיך אויף אוי־בער דער וואכעדיגער מדרגה און ברענגט ארויס סאציאלע און עטישע ווערטן. און אין דער ענטוויקלונג פון איר באוועגונג האט ער אויך אויסגעקליבן נאר יענע עטאפן, ווען די מאסע האט באקומען א נשמה יתירה. א וואכעדיגע מאסע האט אים ניט אינטערעסירט. די חסרונות, וועלכע די מאסע מוז אויסלעבן, ווי קינדער קראנקהייטן, האט ער ניט ליב געהאט; און ער האט אויך ניט ליב געהאט די מאסע גופא אין די מאמענטן, ווען אירע חסרונות ווייזן זיך שטארקער ארויס. עס איז ניט וויכטיג, צי האט פרץ ריכטיג אפגעשאצט די אדער יענע איינשאפט פון דער מאסע, דעם אדער יענעם עטאפ אין גאנג פון איר ענטוויקלונג. מעג זיין, אז ער האט אין איינצלנע פאלן א טעות געהאט און אנגענומען א מעלה פאר א חסרון, אבער דער צוגאנג זיי־נער איז פאר אים, פאר אן אויפריכטיגן קינסטלער — און נאר דער אויפריכטיגער איז א קינסטלער — געווים געווען ריכטיג.

א מערקווירדיגע זאך — אויפ'ן גרעניץ צווישן 19טן און 20טן יארהונדערט, אין די יארן, ווען די לעבעדיגע באוועגונג פון דער לעבעדיגער אידישער מאסע איז ניט געווען קיין דירעק־טער אביעקט פון פרץ'ס שאפן, איז זי דאך פאר אים געווען א סטימול, וואס האט אים געגעבן טיפע אנרעגונגען. מיט א סך וועגן איז פרץ געקומען צום חסידישן ראמאנטיזם, אבער איינער פון זיי איז געווען פאלגנדיגער: די מאסע פון היינט, וועלכע איז ארויס אויף דער היסטארישער ארענע מיט פרישע כוחות און פארכאפט פון א נייעם אידעאל, האט גענומען קעמפן פאר נייע לעבנס־פארמען און שאפן נייע ווערטן, די דאזי־

גע מאסע פון היינט, האט ניט ווילנדיג געשטויסן פרץ'עס אויפ־מערקזאמקייט אויף אן ענלאכע עפאכע פון דעם נאענטן היס־טארישן נעכטן, ווען מיט א יאר אנדערטהאלבן הונדערט צוריק האט די ברייטע אידישע מאסע אויך איבערגעלעבט א גרויסן מאָ־מענט פון דערהויבונג, איז ארויס אנטקעגן רבנים און קהל'ס לייט מיט זייער שווערער טרוקענער יאך־תורה; און מיט אימפעט און שוואונג האט זי זיך געלאזן שאפן א נייע הארציג־פאעטישע אי־דישקייט, א פארביגע און זאפטיגע, פול מיט פרייד און לעבנס־לוסט.

ווי ווייט די אינגאנצן רעליגיעז־דורכגעוועבטע חסידות פון 18טן יארהונדערט זאל ניט זיין פון דעם דורכאויס וועלטלאכן סאציאליזם פון סוף 19טן יארהונדערט, אבער איןביידע באַ־וועגונגען איז די הויפט טרעגערין געווען די אידישע מאסע. אין ביידע ווייט־אפגעשיידטע מאמענטן האט זי ברייט פאנאנדער־געוויקלט אירע בעסטע שאפונגס־כוחות. פרץ האט אין ביידע באוועגונגען אנגעטאפט בארירונגס־פונקטן און — צי האט ער דאס געוואלט אדער ניט — זיינע חסידישע מעשיות זיינען אָנ־געזאפט מיט סימבאלן, וועלכע לאזן זיך אזוי לייכט אריבערטראגן אין דעם סאציאליזם פון אונזער צייט. דערמאנט זיך „צווישן צוויי בערג". געדענקט איר די אנטיטעזע: תורה פאר לומדים אדער תורה פאר אלע אידן; די שכינה דארף רוען ניט בלויז אויף יחידי סגולה, נאר אויף כל ישראל. — איז עס ניט קיין פראבלעם פון אונזער צאפלדיגן היינט?

פרץ'ן איז אין חסידות וויכטיגער, ווי אלץ, דער המון, וואס איז באגייסטערט און אנגעשטרענגט, און אין זיין באגייס־טערטער אנשטרענגונג שאפט ער לעגענדן, מעשה'לאך, נגונים, שאפט ער דעם רבי'ן אליין. יא, דער רבי אליין איז פאר פרץ'ן אויך א שאפונג פון דער אידישער מאסע. אמאל, ריידנדיג מיט מיר וועגן גאר אן אנדער ענין, האט פרץ פלוצלונג אי־בערגעבראכן און א זאג געטאן, ווי ער וואלט פארענדיגט הויך א געדאנק, וואס האט זיך די גאנצע צייט געשפונען אין דער טיפעניש פון זיין מוח: און רב ישראל בעל שם טוב איז דאך

טאַקע געווען אַ שיכור... איך האָב אים אָנגעקוקט פאַר׳־חידוש׳ט. און ער: וואָס, איר האָט נישט געהערט? די רבנים פון זיין דור האָבן געזאָגט אויף דעם בעש״ט, אַז ער איז געווען אַ שיכור און האָט זיך געוואַלגערט אין רינשטאָק. זאָג איך אייך, אַז ס׳איז וואָר, געווען טאַקע אַזוי. אָבער וואָס אַרט עס מיר, וויבאַלד אַז דער אידישער המון האָט אויפ־געהויבן דעם דאָזיגן שיכור פון רינשטאָק, האָט אים אָרומ־געוואַשן, אוועקגעזעצט אויף אַ שטול און געמאַכט פון אים אַ בעל־שם טוב?

דוד אײנהאָרן

דוד אײנהאָרן*

עס איז אַן אַלטע מעשה: אין יעדן פֿון אונז זײַנען פֿאַראַן אַזױ װי עטליכע נשמות, װאָס אײנע פֿון זײ איז ניט ענליך צו דער צװײטער. זעלטן װען זײ גיסן זיך צונױף אין אײן האַרמאָניש גאַנצע. דאָס רוב לעבן זײ אײנע לעבן דער אַנדערער, קעמפֿן אײנע געגן דער אַנדערער און אונזער איך איז פֿול מיט סתירות, און אונזערע מעשים זײַנען אַ רעזולטאַט פֿון זײערע כּחות־פֿאַרהעלטענישן אין יעדער באַטרעפֿענדער מינוט. דאָ זיגט אײן נשמה, דאָ אַ צװײטע. דאָ שװאַכן זײ אָפּ, האַמעװען אײנע די אַנדערע. און עס טרעפֿט, אַז אַ געװיסע צײַט װײַזט זיך אַרױס נאָר אײן נשמה; די איבעריגע ליגן שטילערהײט באַהאַלטן און לױערן אױף דעם מאָמענט, װען זײ װעלן איר קאָנען פֿאַרשטױסן, פֿאַרבײַטן.

אין דוד אײנהאָרן דעם דיכטער לאָזן זיך באַמערקן דרײַ אַזעלכע נשמות. דרײַ אײנהאָרנס אין אײנעם. פֿאַראַן אַ אײנהאָרן אַ שטיל־פֿאַר׳חלומ׳טער, אַ פֿאַרבענקטער, װעלכער זעט אַלץ דורך אַ ראָזעװען נעפּל, דורך אַ דינעם דורכזיכטיגן שאָטן, װעלכער הערט אַלץ, װי שטילע מוזיק, װאָס דערטראָגט זיך פֿון װײַטן רױם, פֿון לאַנג־געװעזענע צײַטן, פֿאַר װעמען אַלץ איז אַזױ װי דאָ און ניטאָ, און דאָס רעאַלע, דאָס ממשות׳דיגע זעט אױס, װי אַ לעגענדע, װי אַ מעשה׳לע.

פֿאַראַנען אַן אַנדער אײנהאָרן אַ קעמפֿערישער. אַ הײס־בלוטיגער, װעלכער קאָן ברענענדיג פֿײַנט האָבן, קאָן מיט כּח

*) די אָפּשאַצונג האָט ליטװאַק געשריבן אין 1929, װען ס׳איז געפּײַערט געװאָרן דער פֿינף און צװאַנציג יאָריגער יובילעי פֿון דוד אײנהאָרנ׳ס שאַפֿן.

שלאָגן, וועלכער האָט אַליין הנאה פון די קלעפּ, וואָס ער פאַר־טיילט, און לעבט זיך אויס אין שטורם פון קאַמף. און אַ דריטער איינהאָרן איז פאַראַנען — אַ ביטערער, אַ גיפטיגער, פול מיט בייסנדער איראָניע און פאַראַכטונג, וועלכער קאָן פאַר'סמ'ען מיט זיין גאַל אַלץ און אַלעמען און אפשר פריער פאַר אַלץ זיך אַליין. די לעצטע צוויי איינהאָרנס זעען מיר אַמאָל צוזאַמען. דעם ערשטן מיט די לעצטע צוויי — קיינמאָל נים.

מיט פינף און צוואַנציג יאָר צוריק, בעת דוד איינהאָרן האָט זיך באַוויזן אין אונזער ליטעראַטור, איז ער געווען דער שטילער פאַרבענקטער טרוימער. זיין ערשטן ביכל האָט ער אַ נאָמען געגעבן „שטילע געזאַנגען". אַ מתנה:

דער בלאַסער בת־מלכה, נאָך וועלכער איך בענק
און וועל זי נישט קיינמאָל געפינען,
פאַר דער, וואָס איך פלעג אין די פינסטערע נעכט
די האַרציגסטע מעשה'לאַך שפּינען.

נאָך דער, וואָס איך גאַר אין די ליכטיגע טעג
און זוך זי אין ראָזע פאַרנאַכטען,
דער יונגער פרינצעסין, וואָס וואוינט ערגעץ־וואו,
ערגעץ־וואו אין אַ שלאָס אַ פאַרמאַכטען.

אין זיינע יוגנט־לידער חזר'ן זיך אָפטער ווי אַלץ איבער די ווערטער: בענקשאַפט, בלייך, בלאַס, חלום.

די בענקשאַפט איז ניט פון דעם מין, וואָס איז שאַרף און פייניגט און מאַכט אייך צו וועלן אַנטלויפן פון זיך אַליין. דאָס איז אַ שטילע בענקשאַפט, אַ בלאַסע, אַ נעבלהאַפטע, אין וועלכער איר באָדט זיך, ווי אין זילבערנעם שיין פון לבנה. אויב אברהם רייזען איז לויט זיין פּאָעטישער נאַטור אַ מענש פון בין השמשות, פון דער שעה, וואָס איז ניט טאָג און ניט נאַכט, ווען די שאָטנס לייגן זיך געדיכטער און דער פאַר־טראַכטער טרויער לייגט זיך אויפ'ן האַרצן שווערער — איז דער יונגער איינהאָרן אַזוי ווי געבוירן פאַר לבנה־נעכט, ווען דאָס אויג זעט אַלץ דורכזיכטיג באַשאָטנט, דאָס אויער כאַפּט אויף קוים הערבאַרע ווייטע נאַכט־קלאַנגען, דער גאַנצער אַרום

נעמט אָן פאַנטאַסטישע פאָרמען, און די נשמה שווימט אין שטילע ווייכע חלומות.

עמיץ האָט זיך פאַרבענקט...
צו דעם בלאָ־ווייסען רוים,
צו דעם נעץ פון די צערטליכע, ליכטיגע שטראַלען
האָט פלוצלינג אַ מעלאָדיע דערגרייכט,
ווי אַ טרוים...
און דערנאָך אין דער ווייטקייט פאַרפאַלען...
עמיץ האָט זיך פאַרבענקט...

דאָרטען ווייט, דאָרטען ווייט, וואו עס דרעמעלט דער וואַלד
איז אַ נעפּעל פון מאַטאָווען זילבער
שטיל אין אַ שאָטען פאַרהילט
פון אַן אוראַלטען בוים.

אויפ'ן פייכט־ווייכען גראָז, מיט אַ האַרפע אין האַנט,
מוז זיצען אַן עלענדער זינגער
און אַ ניגון פאַרטראַכט וועבען שטיל, וועבען שטיל
אויף די סטרונעס מיט צערטליכע פינגער.
עמיץ האָט זיך פאַרבענקט...

אָדער

דאָס איז שוין לאַנג, מיין קינד געווען, שוין לאַנג,
ווען ס'האָט אין בלאָער ליכט דער ערשטער קלאַנג
פון שטילען טרויער איינזאַם זיך צושפּרייט
און ערגעץ אויף אַ פרישען קבר דאַן
האָט קליינע ווייסע בלומעלאך פון פעלד
אַ קליינע צאַרטע פרויען־האַנט פאַרזייט.

— — — — — — — — — — — — — — —

געווען איז דאָס לאַנג, מיין קינד, שוין לאַנג...
אַראָפּ צו אונז אַ פאַרבענקטער גייסט,
וואָס שוועבט ארום און סוד'עט תמיד איין
אונז שטיל אַ סוד פון אַ פאַרגאַנגען גליק,
וואָס ציהט אונז, ווי דער בלאָער ווייטער שיין
פון שטערן, און לאָזט קיינמאָל ניט צו רוה,
און וועקט דאָס האַרץ און דריקט פון אויג אַ טרעהר,
און רופט, און רופט, נישט ווייסענדיג אַוואו.

אין יענע יונגע יאָרן איז איינהאָרנ'ס האַרץ געווען פאַר־

נומען מיט דער פּראָבלעמע פון דער אַלטער אידישקייט, וועלכע גייט אונטער און קערט זיך ניט אום צוריק. עס רעדט זיך אַזוי: מיט דער פּראָבלעמע. דאָס איז אויך געווען אַ ווייכע בענקשאַפט, אַ שטילער פאַר'חלומ'טער צער. און אין דעם איז געווען איינהאָרנ'ס צויבער. ער האָט געזונגען וועגן דעם לעצטן בעל-תפילה, וואָס איז געשטאָרבן; וועגן דער אַלטער שול, וואָס שטייט איינזאַם פאַרשלאָסן.

און שטיל אויף די טרעפּלאך פון אָרון
די שכינה אַן עלענדע שטעהט.
איהר קאָפּ איז געבויגען אין טרויער
און שוואַרץ, ווי די נאַכט, איז איהר קלייד
און ס'דוכט, איהרע ליפּען זיי מורמלען
אַ שטילעס, אַ לעצטעס געבעט,
און ס'הערט זיך אַ שטים פון פּרוכת:
צו שפּעט, מיין געטרייע, צו שפּעט!...

ער האָט געזונגען וועגן די יחידים, וואָס וועלן פאַרבלייבן אין שול און וועלן אָנצינדן דאָס ליכטל פון פאַרלאָשענעם נר תמיד.

עס טאָר זיך ניט לעשען,
מען טאָר ניט פאַרגעסען
צו שטעלען אַ יאָהרצייט דער שכינה פון פאָלק.

דעמאָלט האָט ער באַשאַפן זיינע אידישע לעגענדעס און זעאונגען „צווישן די זאנגען", „עלילת דם", „די אַנטלאָפענע כלה" און אַנדערע. אין דעם איינהאָרן פון יענע יאָרן פילט זיך עטוואָס פון ביאַליק'ן, פילט זיך נאָך מער פון אַלעקסאַנדער בלאָק, אָבער שטאַרקער ווי אַלץ פילט זיך זיין אייגענע, איינהאָרנ'שע. אָנגעהויכט פון אַנדערע, בלייבט ער אָריגינעל, אייגנאַרטיג. זיינע לידער פון יענע יאָרן זיינען נאָך היינט אַזוי פריש, ווי אין דעם טאָג, ווען זיי זיינען געשריבן געוואָרן. זיי וועלן פאַרבלייבן אין דעם אוצר פון אונזער פּאָעזיע. דער יונגער איינהאָרן איז געווען אַן עטאַפּ, אַן אָנהויב פון אַ נייער ווענדונג אין דער אידישער פּאָעזיע. דעריבער איז זיין ערשט ביכל אַזוי וואַרים אויפגענומען געוואָרן פון דער קריטיק און

פונ׳ם בעסערן לעזער. ביז דעמאָלט איז דאָס אידישע ליד געווען שוין צו ממשות׳דיג, צופיל רעאַל. איינהאָרן האָט אין איר אריינגעטראָגן דעם עלעמענט פון שטילן חלום, פון לייכ־טער, שוועבנדער פאַנטאזיע. דאָס אידישע ליד האָט געוואוסט נאָר פון גאַנצע טענער, נאָר פון שאַרף אָפּגעגרעניצטע פארבן. איינהאָרן האָט געבראכט האלבע טענער, ניואַנסן, פּיאַניסימאָ.

⁂

עס זיינען אריבער עטלאַכע יאָר. איינהאָרן איז געוואָרן עלטער. דאָס לעבן האָט אים איבער׳ן קאָפּ ניט געגלעט. ער איז ארעסטירט געוואָרן פאר געהערן צום „בונד", איז געזעסן אין טורמע, ארויסגעשיקט געוואָרן קיין אויסלאַנד. דערווייל איז געקומען די מלחמה, די גרויסע וועלט־קאַטאַסטראָפע, דער באַזונדערער אידישער חורבן. די האַרטע ווירקלאַכקייט האָט אונטערגעהאַקט די פליגלען פון די פארבענקטע חלומות. איינ־האָרנ׳ס שאַפונג לעבט איבער אַ קריזיס. דער חלום איז צערונען. די גרויזאַמע וואָר האָט פארטויבט און צוטומלט. די לידער פון יענע יאָרן, וועלכע זיינען צונויפגעקליבן אינ׳ם בוך „צו אַ אידישער טאָכטער" שטייען אַ סך נידעריגער, איידער די שאַפונג פון די פריערדיגע צוויי זאַמלונגען „שטילע געזאַנגען" און „מיינע לידער". פון דער „שטילער בת מלכה" איז געוואָרן אַ רעאַלע אידישע טאָכטער. ניטאָ שוין דער פאַנטאַסטישער שטראַלן־קראַנץ פון „דער יונגער פרינצעסין", וואָס וואוינט „ערגעץ־וואו, ערגעץ־וואו אין אַ שלאָס אַ פארמאַכטן". עס איז אָבער אויך ניטאָ דאָס הייסע בלוט פון אמת׳ער ליידנשאַפט, ניטאָ דער כשוף פון לעבעדיגער עראָטיק. שלעפּן זיך די לידער שווער, לאָזן ניט איבער קיין איינדרוק, געדענקען זיך ניט. אמאָל טוט נאָך אַ בליץ דער אמאָליגער צויבער־חלום, ווי אין דעם שיינעם ליד „אַ רגע רו":

און איך קום אין לאַנד פון חלום
אין דאָס שטילע יוגענט־לאַנד.
דאָרטען פליהט די גאָלדענע פּאַווע
איבער דער גן־עדן־וואַנט.
דאָרטען שטראָמט דער קוואַל פון לעבען

אויף אַ דימענטענעם זאַמד
און דאָס ציגעלע דאָס ווייסע
עסט דאָרט מאַנדלען פון מיין האַנד.
העלער ווערען מיינע אויגען
אין דעם שטילען חלום־לאַנד.

אָבער דאָס טרעפט זעלטן.

נאָך האָט זיך דער וועלט־קריג ניט געענדיגט, און שוין האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייער שטורם, וואָס האָט אָפּגעפרישט דאָס הארץ און פארטריבן דעם חושך פון די אויגן. 1917 — די רעוואָלוציע אין אויסלאַנד. 1918 — דער קראַך פון ווילהעלם׳ס ארמייען, אַ רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד, אין עסטרייך, אין אונגארן. די האַניג־מאָנאַטן פון דער אומאָפּהענגיגקייט אין פוילן. אין דוד איינהאָרן האָט זיך אויפגעכאַפּט דער הייס־בלוטיגער קעמפער. ער קומט אין פוילן, ווערט אקטיוו אין דער באַנייטער בונדישער פּרעסע.

איינהאָרנ׳ס לידער פון יענער צייט, איבערהויפּט די פּאָעמע „מיליאָנען“, אָטעמען מיט שטורם. דער ריטם איז פול מיט קראַפט און אימפּעט. אין זיי פילט זיך דער פולס פון דער צייט, דער פולס פון די מארשירנדע, אָנגרייפנדע מאַסן. די לידער פון זיין ערשטן פּעריאָד זיינען געשריבן מיט אַ דינער טאַמביר־נאָדל און זיידענע פעדים. די לידער פון לעצטן פּעריאָד זיינען געשאַפן מיט אַ האַק, וועלכע איז ניט אַזוי שיין, איז אָבער דערפאַר שטאַרק. די דאָזיגע לידער טאָר מען ניט גרינג־שעצן. און דאָך געהערן זיי מער צו דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, איידער צו דער פּאָעזיע. ניט דערפאַר, וואָס פּאָעזיע און רעוואָלוציע קאָנען ניט שטימען און איינע מוז אויפעסן די אַנדערע. עס קאָן זיין רעוואָלוציאָנערע פּאָעזיע פון גאָר אַ הויכער מדרגה. איז דען פאַראַנען וויניג שיינקייט אין דעם אויפמאַרש פון מיליאָנען, וועלכע גייען זיגן אָדער שטאַרבן? פאַראייביגן די העכסטע אָנשטרענגונג פון דער מענשהייט, פאַר־אייביגן דעם שטורם — איז אַזאַ אויפגאַבע צו קליין, צו וואָכע־דיג פאַר דער פּאָעזיע? אָבער פאַראַנען אַן אַלטע עצה פון חיינריך היינע: זאָלן דיינע ווערטער זיין שפּיזן, זאָלן דיינע

וועמטער זיין שווערדן, אָבער — זיי אַזוי אַלגעמיין, ווי מעגליך...

אזוי אַלגעמיין, ווי מעגליך — דאָס הייסט, לאָז זיך ניט אַראָפּ צו נאָענט צו איינצלהייטן, ווער ניט צעשוואומען אין זיי; האָב שטענדיג פאַר די אויגן דאָס אַלגעמיינע, דעם רויטן פאָדים, וואָס פאַרבינדט די איינצלהייטן מיט דאָס גאַנצע, וואָס פאַרבינדט זיי מיט דער צוקונפט. ווער עס היט די עצה ניט אָפּ, יענער שטייט אין געפאַר, אַז זיין פּאָעזיע וועט זיך אַראָפּ־לאָזן צו אַ פּראָקלאַמאַציע. לײדער האָט איינהאָרן ניט שטענדיג אָפּגעהיט היינע'ס עצה... און זיין רעוואָלוציאָנערער טעמפּעראַ־מענט האָט אַמאָל אַ קורצן אָטעם. אָט ברויזט ער אויף מיט גרויסן כח, און מיט אַמאָל פאַלט ער אַראָפּ, און אָנשטאָט שטאַרקע ווערטער, גיט ער אונז הויכע ווערטער, פון רעוואָלוציאָנערער פּאָעזיע ווערט רעוואָלוציאָנערע רעטאָריק.

נאָך אין דער צייט פון וועלט־קריג האָט איינהאָרן אָנגעהויבן שרייבן פּראָזע — פעליעטאָנען, פּאַמפלעטן; און שוין דעמאָלט איז אין זיינע פעליעטאָנען געווען צו באַמערקן סימנים פון אַ מייסטער. אָבער אין זיין גאַנצער קראַפט און גלאַנץ האָט זיך איינהאָרן דער פעליעטאָניסט אַרויסגעוויזן ערשט נאָך דער מלחמה.

איינהאָרנ'ס פעליעטאָן — דאָס איז ניט די גראַציע פון פרישמאַנ'ען, ניט דער פיינער סקעפּטישער שמייכל פון גאָמ־בערג'ן. דאָס איז שניידנדע איראָניע, דאָס איז דער אָטעם פון קאַמף. עס שפּריצן הייסע פונקען, עס פאַלן מעסער־שטעך. און מיט אַמאָל אַ פּאָעטיש בילד, אַ גייסטרייכער פאַרגלייך; מיט אַמאָל עטלאַכע לירישע שורות פון טיפן הארצן, און ווידער איראָניע, ווידער מעסער־שטעך. איינהאָרנ'ס פעליעטאָנען וועגן די אידישע פּאַסאַזשקעס און ספּעקולאַנטן, וועגן די ווערים, וועלכע גריזשען דעם קראַנקן קערפּער פון אונזער פאָלק אין פוילן, זיינען אין יענער צייט געווען אַ געשעעניש. זיי האָבן געמאַכט אַ גרויסן רושם. מ'האָט זיי ציטירט, מ'האָט וועגן זיי אַ סך גערעדט. זיי האָבן אַרויסגערופן דעם גרעסטן צאָרן ביי די אָנגעגריפענע. זיי האָבן אַרויסגערופן הייסע ליבע ביי די מאסן. און דערמאָנט זיך אָן דעם איינדרוק, וואָס איינהאָרנ'ס

„בריוו צו אַלגינ׳ען” האָבן געמאַכט דאָ אין אַמעריקע. איינ־האָרנ׳ס פּעליעטאָנען זיינען ניט פּרישמאַנ׳ס און ניט גאָמבערג׳ס. עס איז אַן אַנדערע, אָבער אויך אַ הויכע מדרגה.

און די צייט איז געגאַנגען: די רעוואָלוציעס האָבן ניט געגעבן אַלץ, וואָס מ׳האָט פון זיי דערוואַרט. מיר האָבן צופיל דערוואַרט און אונזערע הענט זיינען געווען צו קורץ. דער קאָמוניזם, צו וועלכן איינהאָרן האָט פון אָנהויב געפילט אַ ביסל סימפּאַטיע, האָט זיך אַרויסגעוויזן אין זיין גאַנצער אָפּשטויסנ־דער געשטאַלט. אין די אַרבעטער־רייען האָט זיך אָנגעהויבן אַ שווערער ברודער־קאַמף. אין דער וועלט בכלל און אין אונ־זער אידישער וועלטל בפרט איז געקומען אַן אַראָפּפאַל, אַ רעאַקציע. דער מענש איז געוואָרן קלענער. און דאַמאָלט האָט זיך אויפגעכאַפּט דער דריטער איינהאָרן, מיט דער נשמה פון גיפט און גאַל, און ער האָט זיך געשטעלט ביי דער זייט פון איינהאָרן דעם קעמפער. דאָס פילט זיך אין זיינע לידער, וואָס טראָגן דעם כאַראַקטער פון פּאַמפלעטן, ווי „די חתונ׳קע”, „די באָד” און דערגלייכן. דאָס פילט איר נאָך מערער אין זיינע פעליעטאָנען. די לידער פון דעם מין זיינען מער בייסנד, ווי שיין. די פעליעטאָנען האָבן דורך דעם באַקומען מער זאַלץ און פעפער, אָבער ניט זעלטן שוין צופיל זאַלץ און פעפער. גיפט איז גוט אין מאָס. פאַרכלינען זיך מיט גיפט טויג ניט. די שטענדיגע צורייצטקייט דערעסט, די פאַרביטערונג געגן אַלץ און אַלעמען שטויסט אָפּ. און דער פאַרביטערטער איינהאָרן שוואַכט אָפּ איינהאָרן דעם קעמפער. אַ שווערד, וואָס איז באַשמירט מיט גאַל, ווערט ניט שאַרפער, נאָר טעמפער.

און אַז איך האַלט שוין דערביי, וויל איך זאָגן נאָך עפּעס. די פאָרמע פון איינהאָרנ׳ס פעליעטאָנען איז שוין לאַנג איינע און דיזעלביגע, די אַרכיטעקטור איינע און דיזעלביגע. דאָס מאַכט זיי אַביסל איינטאָניג, נעמט צו אַ סך פון זייער פריש־קייט. דאָס פאַרדריסט נאָך מער דערפאַר, וואָס בכלל איז איינהאָרן אַ פעליעטאָניסט פון דער ערשטער מדרגה.

***

איז שױן דער אַמאָליגער אײנהאָרן, דער שטילער, פאַר׳־חלום׳טער בענקער, אינגאַנצן פאַרשװאונדן? דורכאױס ניט. שױן העכער צען יאָר, אַז אײנהאָרן איז פאַרנומען מיט איבער־זעצן דעם תהילים. אין די יאָרן פון שטורם און דראַנג פלעגט אײנהאָרן אָפּזיצן לאַנגע נאַכט־שעה׳ן אין זײן חדר׳ל און מיט דער אַמאָליגער פײנער טאַמביר־נאָדל, באַרײכערט מיט די ערפאַרונגען פון לעבן, האָט ער געװעבט די טיף־האַרציגע אַלטע געזאַנגען. דאָרטן, אין שטילן חדר׳ל, בײם אַלטן ספר׳ל, האָט זיך באַהאַלטן דער בעל־חלום, װאָס איז אין דוד אײנהאָרן. אײנהאָרן אַלײן אײלט זיך ניט צו ענדיקן זײן אַרבעט. אָבער אַז ער װעט זי ענדיקן און פאַרעפנטלאַכן, װעלן מיר װידער אַמאָל דערזען אונזער אײנהאָרן אין אַ נײעם שײן!

דוד אײנהאָרן האָט אונז שױן אַ סך געגעבן, און מיר האָבן נאָך ניט אױפגעהערט צו דערװאַרטן פון אים נײע טענער, נײע פאַרבן.

יוסף אפּאַטאָשו

יוסף אָפּאַטאָשו

דער טאַלאַנטפולער בעלעטריסט יוסף אָפּאַטאָשו איז אין אַמעריקע באַקאַנט געוואָרן מיט זיין „ראָמאַן פון אַ פערד־גנב" און אַנדערע פאַרבן־רייכע און זאַפטיגע דערציילונגען. די לעצטע יאָרן האָט ער שטאַרק באַרייכערט אונזער ליטעראַטור מיט זיינע היסטאָרישע ראָמאַנען „אין פוילישע וועלדער", „1863" און „אַליין". דער ראָמאַן „אין פוילישע וועלדער" איז אַרויס אין וואַרשע אין פאַרלאַג „קולטור־ליגע". אין אַ קורצער צייט איז די ערשטע אויפלאַגע כמעט אין גאַנצן צוגאַנגען. אויף אונזער ניט־רייכן ביכער־מאַרק איז עס אַן ערפאָלג, וואָס איז ניט געהערט געוואָרן.

אַ היסטאָרישער ראָמאַן איז בכלל אַ זאַך, וואָס איז ביז אַהער ניט געווען אין אונזער יונגער ליטעראַטור. — וועגן שונד־ראָמאַנען רעדט מען ניט. — אָפּאַטאָשו האָט דאָ אויסגעטראָטן אַ נייעם וועג. אָבער „אין פוילישע וועלדער" איז ניט בלויז אַ נייס, נאָר אַ גרויסע נייס. דאָס איז אַ מייסטערווערק, אַ וויכטיגע דערגרייכונג. אָפּאַטאָשו האָט אויסגעקליבן אַ העכסט־אינטערעסאַנטע עפּאָכע: דעם פוילישן אויפשטאַנד פון 1863. די שטרעבונג פון די פוילישע פּריצים און גלחים אויפצושטעלן צוריק זייער אַלטע מלוכה. דער חלום פון דער יונגער פוילישער אינטעליגענץ, וועלכע וויל צונויפבינדן די באַפרייאונג פון דער פוילישער ערד מיט דער באַפרייאונג פון די פוילישע מאַסן, פילט ניט קיין פעסטן באָדן אונטער די פיס אויף דער רעאַלער ערד און זוכט אַן אָנהאַלט איבער'ן קאָפּ אויפ'ן מיסטישן הימל, וועבט אַריין אין איר רעליגיעזע מיסטיק־פעדים פון סאָציאַלער דערלייזונג און פאַנטאַזירט וועגן דעם אונטערדריקטן פוילישן פאָלק, ווי וועגן אַ משיח־פאָלק, וואָס וועט דערלייזן זיך און מיט

זיך די גאנצע וועלט. די פוילישע פויערים בונטעווען געגן פריץ. זיי קאָנען זיך ניט פאָרשטעלן די הערשער פון זייערע „נפשות” אין דער ראָלע פון באפרייער, זייערע שמייסער אַלס דערלייזער. דער פריץ איז אַ דם שונא די „מאָסקאַלן”, און ווען עס גייט אום דערשטיקן זיין א י י ג ע נ ע ם פויער, רופט ער צו הילף דעם פ ר ע מ ד ן ביקס, דעם זעלביגן ביקס, וואָס האָט אָקאָרשט געשאָסן אויף אים אַליין, אויף זיינע נאָנטע און ליבע. די לאַגע פון די יונגע פוילישע טרוימער איז טראַגיש: דער פויער, וועמען זיי מיינען צו דערלייזן, אויף וועמען זיי לייגן זייערע בעסטע האָפענונגען, קאָן זיי ניט פאַרשטיין; ער באַצייט זיך צו זיי מיט דער זעלביגער שנאה, ווי צו זייערע פריצישע טאַטעס. און ער פילט אַ בייזע הנאה, ווען די א י י ג ע נ ע באפרייער ווערן געשלאָגן פון די פ ר ע מ ד ע באדריקער.

און ביי אידן: דער שפּעפּרישער קוואַל פון חסידות הערט אויף שלאָגן; איר פייער טשאַדעט מער, ווי עס לייכט און וואַרעמט. קאָצק פלאַמט אויף פאַר'ן פאַרלאָשן ווערן. עס בליט אויף די השכלה, און צוזאַמען מיט איר באַווייזן זיך די ערשטע שוואַלבן פון דער אַסימילאַציע. אידישע יונגע לייט וואַרפן זיך אין קאַמף פאַר דער באַפרייאונג פון פוילן, אין וועלכער זיי זעען אויך אַ ישועה פון אידישע צרות; אייניגע פון זיי, — קאַהאַנע, למשל — בינדן צונויף די גאולה פון פוילן מיט דער נאַציאָנאַלער גאולה פונ'ם אידישן פאָלק, אפילו מיט זיין היסטאָרישער מיסיע, אַלס באַפרייער פון אַלע אונטערדריקטע. די דאָזיגע טרוימער פון געטאָ וואַרפן זיך אין די אָרעמס פון דער פוילישער יוגנט, שענקען איר זייערע בעסטע כחות, זייערע שענסטע חלומות. וואָס פאַר אַ רייכע עפּאָכע! וואָס פאַר אַ קנויל פון וויכטיגע געשעענישן, וועלכע האָבן ארויפגעלעגט זייער שטעמפּל אויף דער ווייטערדיגער אנטוויקלונג פון פוילישן אידנטום.

און דאָס אַלץ האָט אַפּאַטאַשו פאַר אונז פאַנאַנדערגעוויקלט אויף אַ גרויסן לייוונט, אין אַ פאַרנעם, וואָס אונזער ליטעראַטור האָט נאָך ביז אַהער ניט געזען. ער האָט אונז געגעבן אַ מייס-

טערהאַפטן בילד פון דער סביבה, אַ גאַלעריי פון קערנדיגע געשטאַלטן.

די שטאַרקסטע זייט פון „די פּוילישע וועלדער" איז דאָס אַלגעמיינע בילד פון דער עפּאָכע. גרופּן־סצענעס און סיטואַציעס גיבן זיך אָפּאַטאָשו'ן איין מער, ווי איינצלנע געשטאַלטן. עפּיזאָדישע פּאַרשוינען (ישראל דער באָרוועסער, דער אַלטער משכיל שטראַל, זיין ווייב פּעליציע) קומען אַרויס בולטער, ווי די הויפּט־פיגורן. איבערהויפּט איז עס ריכטיג בנוגע צו דעם הויפּט־העלד פון ראָמאַן, וועלכער קומט אַרויס ניט גענוג קלאָר, ערטערווייז אַפילו צושוואומען; און עס מאַכט אַן איינדרוק, פּונקט ווי מרדכי וואָלט געווען וויכטיג פאַר אָפּאַטאָשו'ן ניט אַלס פיגור אַן און פאַר זיך, נאָר ווי אַ שניר, אויף וועלכן ער ציט אַרויף זיינע וואונדערלאַכע שילדערונגען פון דער עפּאָכע. דאָס לאָזט זיך טיילווייז דערקלערט דערמיט, וואָס אין אַ פולשטענדיג־באַאַרבעטער, פאַרענדיגטער פאָרם האָבן מיר דערווייל־פאַר זיך נאָר דעם ערשטן ראָמאַן פון דער טרילאָגיע. אין די צוויי ווייטערדיגע ראָמאַנען, ווען זיי וועלן אין גאַנצן פאַרענדיגט ווערן, וועט מרדכי'ס פיגור אַרויס בולט'ער און קלאָרער.*) און אפשר דערקלערט זיך דאָס אויך דערמיט, וואָס אין זיין פריער יוגנט, אין ערשטן ראָמאַן, איז מרדכי ניט קיין סוביעקט פון די געשעענישן, נאָר זייער אָביעקט. ניט ער באַשטימט זיינע מעשים. ער ווערט מיטגעריסן פון שטראָם. זיין איבערגאַנג פון קאָצקער חסידות צום פּוילישן אויפשטאַנד קומט פאָר כמעט אומבאַמערקט פאַר אים אַליין. דער מאָמענט ביים קלויסטער, ווען מרדכי כאַפּט אונטער דעם קרייץ, וואָס זיין געפאַלענער טרעגער האָט אַרויסגעלאָזן פון האַנט, און טראָגט אים ווייטער אונטער קוילן און קלעפּ פון שווערדן, אָדער די רעדע, וועלכע ער האַלט איבער'ן טויטן קערפּער פון גע'הרג'עטן פויער און ער צינדט מיט איר אַזוי אָן די פויערים, אַז זיי לאָזן זיך

---

*) דעם ליטעראַרישן איבערבליק האָט אַ. ליטוואַק געדרוקט אין „אונזער געדאַנק" (ווילנע) אין 1922, ווען י. אָפּאַטאָשו איז געקומען פון אַמעריקע אויף אַ באַזוך קיין פּוילן.

אויפ'ן פריץ'ס פאלאץ — קומט פאר אים אליין אומגעריכטער־הייט, און ווען עמיצער וואלט מרדכי'ן מיט א שעה פריער גע־זאגט, אז ער וועט אזוי טאן, וואלט ער אפשר ניט געגלויבט.

מיט איינער און דער זעלביגער ליבע און אויפמערקזאמקייט מאלט אפאטאשו די אידישע וואלד־מענשן און די גויאישע פישער, דעם רבינ'ס לויה און די פראצעסיע פון די פויערים מיט דער שטרויענער פיגור, די שפיצן פון קאצקער חסידות, ר' מענדעלי און רבי איטשע, און די פוילישע יונגע קעמפער און טרוימער. אין אפאטאשו'ס ווערק אטעמט איר מיט א שטארקער וואלד־לופט. איר דערהויבט זיך איבער דער וואכי־גער געוויינלאכקייט פון קליינע מענשן מיט קליינע השגות צו די בערג פון גרויסע געשעענישן און רייכע פערזענלאכקייטן, מיט טיפן אידעאליזם און שטארקע ליידנשאפטן, ערטערווייז צו די שפיצן פון העכסטן עקסטאז.

אין אפאטשו'ס ווערק איז קענטיג ניט בלויז א מערק־ווירדיגער טאלאנט, נאר אויך א גרויסע ארבעט; קענטיג, אז ער האט ברייט און טיף שטודירט די עפאכע, וועלכע ער שיל־דערט — א מעלה, וואס טרעפט ביי אונזערע קינסטלער ליידער זעלטן.

יוסף אפאטאשו האט שוין אונזער ליטעראטור א סך געגעבן. ער האט שוין פארשריבן זיין נאמען אין איר געשיכטע, מיט אותיות, וואס וועלן ניט אפגעמעקט ווערן. אבער ער איז נאך יונג; זיין וועג האט זיך נאך ערשט אנגעהויבן, און מיר דער־ווארטן נאך פון אים א סך. אפאטאשו איז איינע פון אונזערע שענסטע האפענונגען.

ה. לייוויק

„דער גולם"

דראַמאַטישע פּאָעמע אין אַכט בילדער. פאַרלאַג „קולטורליגע", וואַרשע, 1922.

1

די גרופּע אַמעריקאַנישע אידישע דיכטער, צו וועלכע לייוויק געהערט — מאַני לייב, מ. ל. האַלפּערן, זישאָ לאַנדוי — צייכנט זיך אויס פון אונזערע אינגסטע מיט קלאָרקייט און איינפאַכקייט פון דער שפּראַך. און קלאָרער און איינפאַכער פון זיי אַלעמען איז לייוויק. זיין שפּראַך איז לייכט, אָן מליצות, אָן ווערטער־קונצן, וואָס ברענגען נישט ארויס די פאַרבן, נאָר פאַרשיטן זיי. דאָס איז ניט די גליטשיגע לייכטקייט, וואָס דערמאָנט אָן קופּלעטן, וואו די שורות בלאָזן פאַרביי דעם אויער, אַז אין אַ מינוט ארום איז גלייך ווי זיי וואָלטן נישט געווען. לייוויק'ס שורה האָט אַ וואָג. זי איז אַ טירל אין דער טיף. און דאָך צעברעכט זי גלייך די וואַנט צווישן דיכטער מיט'ן לעזער און שאַפט אָן אוממיטלבאַרע אינטימלאַכקייט. אפט וואונדערט איר זיך: מיט וואָס פאר אַן איינפאַכע מיטלען לייוויק דערגרייכט דאָס גרויסע פּאָעטישע רעזולטאַטן! און אויב איר מוזט זיך אַמאָל שטאַרק פאַרטראַכטן איבער לייוויק'ס שורות און איר קאָנט נישט דערגיין לסוף דעתו, פילט איר, אַז דאָס זיינען נישט קיין שווערע ווערטער, וואָס פאַרשטעלן פון אייך דעם אינהאַלט, אַז דאָס איז דער אינהאַלט אליין אַזוי טיף, אַז איר מוזט זיך צו אים דערגרונטעווען.

וואָרים לייוויק איז נישט קיין פּאָעט, וואָס שפּילט זיך מיט פערזן גלאַט אַזוי לשם שפּיל. לייוויק קומט צו אונז שטענדיג מיט א גרויסן אינהאַלט; ער פילט די גרעסטע אחריות פאַר זיינע פערזן, מיט וועלכע ער וויל שעפּן פון תהום.

די דראַמאַטישע פּאָעמע „דער גולם" איז דערהוויל לייוויק'ס העכסטע דערגרייכונג, און אפשר איז זי די גרעסטע דערגרייכונג פון דער אידישער פּאָעזיע. שוין ביי די ערשטע זייטן פילט איר, אז איר האָט דאָ צו טאָן מיט אַ ווערק, וועלכעס איר וועט לייענען און איבערלייענען און יעדעס מאָל נייעס ארויסלייענען. לייוויק'ס „גולם" האָט דערהוויל נאָך נישט געפונען די אַנ־ערקענונג, וואס ער פאַרדינט. ער איז אַ סך ווייניגער פּאָפּולער, ווי אייניגע אַנדערע פּאָעטישע ווערק, וועגן וועלכע מען האָט ביי אונז די לעצטע פּאָר יאָר געמאַכט קולות. אַ גיכן און שרייענ־דיגן ערפאָלג האָט נאָר דאָס, וואס איז לויט דער מאָס פון עולם אָדער וואָס איז צוגעשניטן לויט אַ געוויסער אידייאישער מאָדע פון טאָג. צו אַזעלכע ווערק, ווי לייוויק'ס גולם, דאַרף מען דער־וואַקסן. זייער ערפאָלג קומט נישט גיך, אָבער ער דויערט לאַנג. ער בליצט נישט אויף ווי אַ ראַקעטע; ער פינקלט ווי אַ שטערן אין דער הויך.

2

הקול קול יעקב והידים ידי עשו. יעקב מיט'ן קול, עשו מיט די הענט. שוין אַ פּאָר טויזנט יאָר, ווי מיר זיינען אַ פאָלק פון גייסט. נישט פון פיזישער גבורה. רויע קראַפט איז דאָס געווער פון אונזערע שונאים; זי איז צו גראָב, מגושם. מיר האָבן פאַר דעם מורא געהאַט און אין דערזעלביגער צייט געקוקט דערויף פון אויבן אראָפּ, ווי אויף אַ נידעריגע מדרגה פון אַ בהמה. דער איד האָט ניט געגומען מיט כח. חכמה, אפילו ביטערקייט, די טרפה זייט פון שכל, איז ביי אונז געווען פאַר־רעכענט העכער פאַר סטיכעישן כח. די גאולה האָבן מיר דערוואַרט פון נסים. אונזער משיח — אַ עני ורוכב על החומר, אַן אָרעמאַן, וואָס רייט אויף אַן אייזל, אַ בהמה, וואָס נעמט מיט געדולד און אויסדויער, נישט מיט פלינקן כוח. אונזער משיח ציילט די טרערן, בינדט איבער זיינע וואונדן. די הענט זיינען ביי אים מיט שטריק געבונדן, די פיס אין קייטן געשמידט, ער זאָל, חלילה, נישט ארויסווייזן די גבורה, וואָס איז באַהאַלטן אין זיי. אפילו דער אַלטער דוד המלך, וואָס האָט פון אַ

באַנדע אין דער מדבר דערגרייכט צו הערשאַפט איבער'ן פֿאָלק ישראל און האָט אַ לעבן לאַנג בלוטיגע מלחמות געפֿירט, אפֿילו ער איז ביי אונז געוואָרן אַ פֿאַרוויינטער תהלים־זאָגער, וואָס זיצט אַ שלאַנפֿינקער אין אַ הייל און וואַרט אויף נעגל־וואַסער. איז אַז משיח וועט קומען, וועלן די גוים זיין אויף אַן אייזערנער בריק, די אידן אויף אַ פּאַפּירענער. זייער בריק וועט זיך איינברעכן; מיר אויף אונזער בריק וועלן אַריבער בשלום. וואָרים נישט אין אייזן איז די גאולה, נאָר אין פּאַפּיר.

אונזער לעגענדע ווייסט צו דערציילן פֿון אידישע גבורות. די רויטע אידלאַך זיינען גבורים. די, וואָס אויף יענער זייט סמבטיון, קאָנען גיין איין איד קעגן הונדערט גוים. אָבער ערשטנס זיינען עס דאָך די עשרת השבטים און בני משה, נישט אונזערע אידן; צווייטנס טוען עס יענע אויך נישט מיט פיזי־שער גבורה, נאָר מיט'ן שם המפורש. דער הינקענדיגער שניידער, וואָס די רויטע אידלאַך האָבן אונז געשיקט צו הילף אין אַן עת צרה, האָט געהאַלטן אַ האָן אין האַנט, און ביי יעדער פֿעדער, וואָס ער האָט אויסגעפּליקט פֿון'ם האָן, זיינען געפֿאַלן טויזנט אידישע שונאים — אַ כוח נישט פֿון דער וועלט. מיר האָבן מעשיות פֿון אונזערע אייגענע שטאַרקע אידן, וואָס האָבן גע־קאָנט אויפֿהייבן אַ פֿויער פֿאַר די פֿיס, פּאַכן מיט אים אין אַלע זייטן, ווי מיט אַ לייכטן שטעקל, און מיט זיין קאָפּ צע־וואַרפֿן טויטע די פֿויערים, וואָס זיינען געשטאַנען אַרום. אַזאַ איינער האָט אין אַ וועט־קאַמף מיט אַ קאַראַאימישן גבור אַרומ־געטראָגן די גרויסע אייזערנע טירן פֿון ווילנער שול דריי מאָל אַרום דעם בעלעמער און האָט דורך דעם געוואונען די אַלטע שול פֿאַר דער אידישער קהלה פֿון ווילנא קעגן דער קאַראַאימער קהלה פֿון טראָק. אָבער אַזעלכע בעלי־כוח פֿלעגן אַרויסרופֿן ביי אידן נאָר פֿאַרוואונדערונג, נישט קיין אכטונג. זיי זיינען גע־ווען יחסנים ביים פֿריץ אין הויף. אויף דער אידישער גאַס האָט מען זיי געהאַלטן פֿאַר מגושמדיגע הפקר־יונגען און מ'האָט זיי געגעבן דעם צונעמעניש גוי. אין די פֿאָלקס־מעשיות רופֿט מען אַזאַ שטאַרקן אידן: גח. בעת מיר זיינען קינדער געווען, פֿלעגן מיר עם פֿאַרטייטשן אַזוי: גח מאכט: גבור חזק, אַ

שטאַרקער העלד. היינט ווייס איך, אַז גאָך איז אַ פּויליש וואָרט, וואָס מיינט אַרומשלעפּער, אויסגעלאַסענער.

און נישט בלויז רויע קראַפט, אפילו פיזישע אַרבעט איז ביי אונז געווען בזוי ומבוזה, בפרט אַזעלכע מלאכות, וואו פיזישער כּוח איז אַלץ, ווי האַלץ־זעגן, וואַסער טראָגן, וכדומה. מען האָט זיך טאַקע געגרויסט דערמיט, וואָס אַ תּנא ר׳ יוחנן איז געווען אַ שוסטער, און אַ ר׳ יצחק איז געווען אַ שמיד, אָבער אויף די לעבעדיגע שוסטער און שמידן האָט מען כּבוד נישט געלייגט. די סאָציאַלע לאַגע פון האַרעפּאַשניק איז געווען אַזעלכע, אַז ביי אַלע פעלקער האָבן די הערשנדיגע קלאַסן געקוקט אויף אַרבעט, ווי אויף אַ חרפּה, און די אונטערגעדריקטע — ווי אויף אַ קללה. אָבער ביי קיין פאָלק איז פיזישע אַרבעט נישט געשטאַנען אַזוי נידעריג, ווי ביים פאָלק פון לופט־מענשן, לומדים און יחסנים.

3

נאָר ביי אידן האָט געקאָנט אַרויסוואַקסן די לעגענדע וועגן גולם. אַנדערע פעלקער ווייסן אויך צו דערציילן פון בני אדם, וואָס האָבן מיט׳ן כּוח פון וויסנשאַפט אָדער מיט שמות און השבעות באַשאַפן קינסטלאַכע מענשן, דאָס, וואָס מען רופט האָמונקולוס. ביי די אומות העולם איז דאָ געלעגן די גרויסע העזה, ווען אַ מענש פאַרמעסט זיך מיט׳ן בורא עולם צו באַשאַפן זיינס גלייכן, דער טראַגישער וועטקאַמף צווישן גאָט און מענש. דער גולם האָט געטראָגן אַן אַנדערן, אַ ריין אידישן כאַראַקטער. ער איז באַשאַפן געוואָרן נישט קעגן גאָט, נאָר מיט גאָט׳ס הילף, מיט זיין שם המפורש. דעם ווילנער גאון׳ס גולם האָט געהאַקט האָלץ און געטראָגן וואַסער פאַר׳ן בית־המדרש. מען דערציילט פון אַ גולם, וואָס האָט געהאַקט האָלץ און געטראָגן וואַסער פאַר אַלע אידן פון שטעטל. ס׳האָט געזאָלט זיין נאָר אַ חומר־מענש, וואָס האָט געדאַרפט באַפרייען פון גראָבער פיזישער אַרבעט די ריין־רחניות־מענשן, אידן. דער גולם, וואָס דער מהר״ל מפּראָג האָט באַשאַפן, האָט געהאַט אַ גרעסערע אויפגאַבע, ער האָט זיך געדאַרפט דרייען אין

די גוישע גאַסן. צוליב זיין געזונטן אויסזען האָבן אים די גוים אָנגענומען פאַר אַ זייעריגן און האָבן זיך פאַר אים נישט געהיט, האָט דער גולם געקאָנט אויסשפּירן די פּלענער פון די שונאי ישראל און אָנזאָגן באַצייטנס דעם מהר"ל. אין אַנדערע מעשיות האָט דער גולם אין אַ שעה פון נויט געשלאָגן די גוים, וואָס זיינען אָנגעפאַלן אויף דעם אידישן געטאָ; ס'הייסט אַרויסגעוויזן דעם עלעמענטאַרן כוח, אויף וועלכן אידן אַליין זיינען געווען נישט פּייאיג. אידן האָבן גערעדט מיט'ן גרעסטן יראת הכבוד וועגן דעם מהר"ל מפּראַג, מיט וועמען די גולם־לעגענדע איז מער פון אַלץ צונויפגעבונדן. זיי האָבן אָבער געפילט אָפּשיי און עקל צום גולם גופא און אַלע זיינע אַנטפּלע־קונגען. דאָס זאָגט שוין אַליין דאָס וואָרט גולם — אַ שטיק ליים, אַ חומר אָן אַ רוח. אַלע גולם־מעשיות ענדיגן זיך אויף איין שניט. האָט מען דעם גולם געהייסן טראָגן וואַסער, האָט ער געקענט טראָגן און טראָגן אָן אויפהער, און ווען דער גאון זאָל אים נישט זאָגן: גענוג! וואָלט ער די גאַנצע שטאָט דערטרונקען. האָט מען אים געגעבן אַ האַק, האָט ער גע־נומען שניידן אָן אַ סוף און אָן אַ שיער. איז נישט געווען קיין העלץ, האָט ער געהאַקט קעפּ; איז נישט געווען קיין גוים, האָט ער געהאַקט אידישע קעפּ. לויט דער פּראַגער לעגענדע, האָט דער מהר"ל אַרויסגענומען ביים גורל דעם שם־המפורש און אומ־געקערט אים צו דער ערד, פון וואַנען ער איז גענומען געוואָרן טאַקע צוליב דעם, וואָס דער גולם איז איין פרייטאָג פאַר־נאַכט, בעת מען האָט שוין געהאַלטן אין מיטן מזמור שיר ליום השבת, אַרומגעלאָפן איבער די גאַסן פון פּראַגער געטאָ און האָט געשניטן אידן אויף רעכטס און לינקס.

די גולם־לעגענדע איז אין די לעצטע יאָרן געוואָרן אַ גאַנג־באַרע טעמע. פאַר דער דאָזיגער מיסטעריעזער טעמע האָבן זיך גענומען די דייטשן. אַרטור האָליטשער האָט אָנגעשריבן אַ ראָמאַן „דער גולם פון פּראַג". מערינק'ס „גאָלום", אַ בוך פון ווייזיאָנען, האָט געהאַט אַ גרויסן ערפאָלג און איז איבער־געזעצט געוואָרן אויף אייניגע שפּראַכן. פאַראַנען אויך באַלאַדן וועגן גולם. אָבער די דערמאָנטע ווערק האָבן קיין שום שייכות

נישט צו ליוויק'ס דראַמאַטישער פּאָעמע, וועלכע איז דורכויס אָריגינעל. ליוויק האָט גענומען די פּראָגער פאָלקס־מעשה און ער האָט זי פאַרטיפט, דורכגעוועבט מיט משיח־מאָטיוון, פאַרפלאָכטן מיט די טראַגישע קאָליזיעס צווישן שעפער און שאַפונג, פירער און מאַסע, געלייטערט און דערהויבן צו אַ נאַ־ציאָנאַל־אידישן, אפילו צו אַן אַלמענשלאַכן סימבאָל.

4

דער פאָן, אויף וועלכן ליוויק'ס פּאָעמע איז געוועבט, — דאָס איז די אידישע אומרו, די אידישע שרעק. נאָכאַנאַנד מען רעדט פון שלעכטע צייטן, פאַרצייטיגע און איצטיגע. פון אַלע זייטן לויערן סכנות: בלוט און פייער און פאַרניכטונג. עס איז ערב פסח, די צייט ווען די אידישע שרעק איז קאָנצענטרירט, דערגרייכט די העכסטע מדרגה. איבער די קעפ הענגט אַ קלאַנג וועגן אַ פלאַש קידוש־ווייַן, וואָס גוים האָבן אויף אַ פלאַש בלוט פאַרביטן. און אָט איז די פאַרקערפּערטע אידישע אומרואיג־קייט, וואָס שרייט, רופט און מאָנט מיט העזה — דער משוגענער תנחום, וועמענס זון יוחנן איז געהרג'ט געוואָרן אין דער ערש־טער נאַכט פון פסח. די אידישע היסטאָרישע אומרו איז משוגע און דערפירט צו משוגעת. תנחום פאַרנעמט דער ערשטער אַלע גרויליגע קלאַנגען: „פינסטערניש, פינסטערניש גייט אויף אונז פון אַלע זייטן". ער לאָזט נישט שלאָפן: אין די אידישע חורבות „קומט מען וואַכיק זיין, ציטערן, פיבערן, לויערן". תנחום ווייסט נישט קיין שיער פון קריעה־רייסן. אויף אים וואַרטן אַלע לאַצן, ער „זאָל זיך צורירן צו זיי, פאַנאַנדערררייסן". ער זעט נאָר צרות, ער זעט נישט קיין ישועה: „ווער זאָל ראַ־טעווען? ווער קאָן ראַטעווען? ווער דאַרף ראַטעווען? ווער? כאַ־כאַ־כאַ"...

אָבער אפילו דער משוגענער תנחום פילט נישט בלויז דעם גרויל פון אומרו, ער פילט אויך די שליחות, וואָס וואַקסט פון איר אַרויס. און אין די יסורים זעט ער נישט בלויז ווייטאָג און פיין, נאָר אויך אַ קרבן, אַ קרבן פאַר דער וועלט.

„די גרויסע אויגן פון דער וועלט,
זיי זיינען פול מיט בענקשאַפט —
ווער דערזעט די גרויסע אויגן פון דער וועלט?
איך.
ווער קען איינשטילן די בענקשאַפט פון דער וועלט?
איך.
ווייל מיין הארץ איז פול מיט רחמים צו דער וועלט...
אין מיין פייערדיגן רייטוואַגן טראַג איך זיך
רונד ארום, רונד אַרום די טורעמס,
יעדן מיטן נאַכט.
אין דעם פייערדיגן רייטוואַגן
ליגט מיין זון —
מיין פסחדיגער זון...
זיין לינקער אויג איז דורכגעשטאָכן מיט אַ שפּיז,
דאָס רעכטע צוגעמאַכט;
זיין רעכטע האַנט איז אפּגעשניטן ביזן אקסל,
די לינקע — ביזן עלנבויגן.
יעדע ערשטע נאַכט פון פסח זאָג איך צו מיין זון:
— שטיי אויף, ווער לעבעדיג,
באַקום צוריק די אויגן און די הענט,
ווייל דורשטיק איז די תאוה פון דער וועלט
און הונגעריג איר בענקשאַפט...
און ער אויף
איינער וואָרט.
ביז — מיר הערן טריט:
זיי...
שטעכן זיי אים ווידער דורך זיין לינקן אויג,
שניידן ווידער אפּ זיין רעכטע האַנט ביזן עלנבויגן,
די לינקע ביזן אקסל...
לייג איך אים צוריק אריין אין רייטוואַגן
און איך זאָג:
ביז דעם קומענדיגן יאָר...
ווייל מיין האַרץ איז פול מיט רחמים צו דער וועלט..."

דער געשאָכטענער זון, וואָס ווערט יאָר־איין, יאָר־אויס די ערשטע נאַכט פון פסח לעבעדיג, כדי די זעלביגע נאַכט ווידער געשאָכטן צו ווערן — דאָס מאַכט א טיפן רושם, פון וועלכן איר קאָנט זיך לאַנג נישט באַפרייען. א סימבאָל פונ'ם אידישן פאָלק, אלס קרבן־פאָלק, א קרבן־פסח פאַר דער וועלט.

עס קלינגט קריסטלאך און דאך אזוי טיף אידיש. ווייטער וועלן מיר זען, ווי דער אידישער משיח מיט'ן קריסטלאכן באגעגענען זיך ביי לייוויק'ן.

א סך דייטלאכער, ווי דער משוגעגער תנחום, זעט דער מהר"ל דעם גרויסן כח פונ'ם אידישן צער, וואס „מיר זיי־נען דאס אריינגעוואקסן שוין אין אים, צונויפגעהעפט זיך, ארומגעשפרייט אים איבער זיך און אנגעצונדן... און אויפ־געלויכטן און צעזייט אויף אלע וועלטן..." דער מהר"ל גלויבט אין משיח־כוח פונ'ם אידישן פאלק. אידן קאנען דערלייזן די וועלט, נאר זיי ווילן נישט... „מיר האבן צו אלץ און אלע־מען פון גאר דער וועלט נאר צוגערירט זיך מיט איין שפיץ פון פינגער, און אלץ און אלע פון דער גאנצער וועלט וועלן טראגן שוין אויף אייביק אונזער פינגער". און עס קאן דאך קומען „א שעה פון אומגעדולד, גרעסער נאך פון דער, א שעה פון גרעסערער עקשנות נאך, און אויב, צי איר, צי יעדערער פון גאס, אפילו תנחום, מיט איין שפיץ פינגער אנרירן די וועלט, זאל אויפהייבן א גאנצע האנט מיט אלע פינגער".

אויף דער אידישער אומרו וואקסן משוגעים. אויף דער אידישער אומרו וואקסן אויך משיחים.

5

לייוויק'ס „גולם" איז אנגעפילט מיט סימבאלן; אין אים זיינען פארפלאכטן א סך פראבלעמען.

דאס צענטראלע פראבלעם, ארום וועלכן עס זיינען קאנ־צענטרירט אלע איבעריגע, איז די רויע סטיכישע קראפט, וואס דארף ברענגען א ישועה. דיליידן פון אידן ווערן שווער און שווערער. „אלע וועגן זיינען פול מיט הרוגים און אלע טרעטן אליין קאנען דאס נישט טאן. זייער משיח קאן דאס נישט און דארף דאס נישט. ווען ער זעט בלוט, ווערט ער א דערשראקענער. דערויף מוז באשאפן ווערן א ספעציעלער שטארקער גוף, וואס זאל פארקערפערן די ברוטאלע פיזישע גבורה, וואס אידן פעלט. דער מהר"ל באשאפט פון ליים א גולם. דער גולם ווערט באשאפן גרויסע וואונדער צו טאן. זיינע מעשים וועלן זיין באהאלטן

און פארבארגן. ס'וועט קיינער פון זיין גבורה נישט וויסן. א האלץ־העקער, א וואסער־טרעגער וועט ער זיין. קומט נישט צווישן קיינעם, רעדט נישט. ליגט זיך א פארווארפענער אין ערגעץ און ווארט אויף דער מינוט צו זיין גערופן. „א שליח פון א פאלק, א גרויסער גבור". א מין למדוואוניק פון פי־זישער גבורה.

לייוויק'ס גולם איז נישט דאס שטיק ליים בצורת מענש פון דער פאלקס־לעגענדע, וואס טוט זיין שליחות מעכאניש, אליין נישט־וויסנדיג, וואס ער טוט, נישט פילנדיג קיין פרייד פון זיינע מעשים. אין געוויינליכע צייטן איז ער רוי, טעמפ, אויפ'ן שארף פון שפיזן". דער מהר"ל פילט, אז ביז עס וועט קומען די אמת'ע גאולה, צו וועלכער עס איז נאך ווייט, איז שוין גלייך נויטיג א גרויסער פיזישער כוח, וואס „זאל קאנען זיינע פינגער צונויפקלאמערן אין פויסטן אייזערנע און שלאגן מיט רציחה איבער קעפ", „קאנען דעם גערוך פון בלוט פאר־ליידן און אויך פארגיסן", אויפמאנען „צאן פאר צאן און אויג פאר אויג און קאפ פאר קאפ". ווען זאל ער דאס טאן? עס ליגט אויף אים דער שטומער צער פון ליים, דאס איז די פינס־טערניש זיינע, און זי גייט אים נאך אויף שריט און טריט. אבער עס קומט די גרויסע שעה פון שליחות, און די פינסטער־נישט שיינט אויף אין ליכט. ער שטויסט זיך אפ פון זיך אליין, אזוי ווי פון א ווארים, שטייט אויף, וואקסט אויס, עס נעמען זיך פאנאנדער זיינע פליגלען. אין גולם כאפט זיך אויף דער אינו נראה, דאס באהאלטענע, טיפע — די נשמה פון דער סטיכיע — וואס קיינער זעט נישט און ער אליין ווייסט נישט, אז ער טראגט עס אין זיך. דעמאלט ווייסט דער גולם, אז ער קומט אויסלייזן, פילט ער א געבענשטע פרייד פון זיין אייגענעם וועזן און פון זיינע מעשים. דעמאלט ווערט ער געלייטערט, דערהויבן, איז זיין פנים דורך און דורך פון ליכט; איז ער דער ליכטיקסטער, און צו וואס ער רירט זיך צו, ווערט דורכ־זיכטיג, לויטער. זיינע הענט, ווען אויסגעשטרעקט, דערגרייכן פון איין עק וועלט צום צווייטן; ער קאן גובר זיין אלע מניעות און קיין פינסטערע הייל־רוחות זיינען אים נישט שרעקלאך.

ס'איז דער סימבאָל פון דער מאַסן־סטיכיע אין אירע גרויסע מינוטן. אין אזא גרויסער מינוט פון שליחות שלאָגט דער גולם דעם בישוף טאַדעוש און דעם מאַנאַך, וועלכע זיינען געקו־מען אַרויסטרייבן די אידישע בעטלער פון די חורבות; אין אזא גרויסער מינוט פון שליחות לאָזט זיך דער גולם אַראָפּ אין הייל ברענגען א ישועה פאַר אַ פאָלק א גאַנצס, געפינען די פלעשער בלוט, וואָס טאַדעוש האָט באַהאַלטן און „דורך טויט און בלוט און לעצטן אָטעם" גייט ער זיך באַגעגענען מיט זיינע גרויסע חברים, דעם מענש מיט'ן קרייץ, דער משיח, וואָס איז שוין לאַנג געקומען, און דעם יונגען וואַנדערער, דעם משיח, וואָס דאַרף נאָך קומען, דער לעצטער.

מעג, דאַכט זיך, דער מהר"ל שטאָלץ זיין אויף דעם גולם, וואָס זיינע הענט האָבן באַשאַפן? איז ניין. דער גולם איז נישט אויפגעוואַקסן אינ'ם אידישן פאָלק, נישט צונויפגע־וואַקסן מיט אים. ער איז אין געטאָ א פרעמדער. פריער רייצט מען זיך מיט אים, ווי מיט אַ משוגנה'דיגן; דערנאָך האָט מען פאַר אים מורא, ווי פאַר א גזלן. און ער האָט אַלע־מען פיינט, עס ציט אים צו הויבן די האַק אויף זיי; דער מהר"ל אַליין האָט צייטנווייז מורא פאַר'ן גולמ'ס קוק; דער יונגער בעטלער, משיח, אז ער דערזעט דעם גולם דעם ערשטן מאָל אין פינפער טורעם, הויב ער אָן ציטערן און איילט זיך אַוועקצוגיין. א ווילד־פרעמדער, א זייטיגער קאָן נישט אויס־לייזן. אָבער נישט די פרעמדקייט אַליין איז דאָ גורם, אין גולם גופא שטעקט עפּעס אַזוינס, וואָס ברענגט מיט זיין טרויע־ריגן סוף. שוין אין דער גרויסער שעה פון זיין שליחות זיינען פאַראַנען הפסקות, ווען ער פאַלט צו דער ערד, צוריק א שטיק ליים, פּרוּווט זיך אויפזעצן און קאָן נישט פאַנאַנ־דערעפענען די אויגן. אָבער די גרויסע שעה איז מער נישט ווי א שעה. אין מאָמענט פון אַנטפּלעקונג זאָגט דער גולם: „איך בין דער סוד פון ליכטיגקייט און נישט פון פינסטער־ניש, נישט אַלע מאָל — נאָר איצט". דער ליכטיגער איצט גייט אַריבער, עס קומט אָן דאָס גרויע אַלעמאָל. דער גולם שלאָפט צוויי מעת־לעת נאָכאַנאַנד אָדער ער מאַכט גאַנצע נעכט מיט

קיין אויג נישט צו, רעוועט און לאָזט קיינעם נישט רוען. אלץ וואָס געוועזן, זעט אים אויס, ווי א חלום, וואָס פרייט נישט, נאָר עס פייניקט. זיין לעבן איז נישט געלייטערט, זיין הארץ איז פול מיט שנאה, מיט שווארצער תאוה און קאלטער בייז־קייט. דער מהר״ל האָט גערעכנט, אז נאָך דער שליחות וועט דער גולם זיך ווידער פארבאָרגן אין גרויקייט, פרואוון גלייך מיט אלעמען גיין אין שול. דער מהר״ל האָט א טעות גע־האַט, דער גולם געפינט זיך אין נעץ פון בלוט און נישט־גע־לייטערטן שגעון. ער טראָגט זיך איבער׳ן גאס מיט א האַק, טרעפט מענשן איבער די קעפּ, שליידערט הייזער, מאכט חרוב פּראַג, פארגיסט אידיש בלוט, דאָס בלוט פון די, וועמען ער איז געשאַפן געוואָרן א ישועה צו ברענגען. און עס קומט פאָר דאָס וואונדערבארע בילד, ווען דער גולם טוט זיין שליחות. ער הערט אויף צו זיין. דער מהר״ל מאכט צו נישט זיין אייגן באשעפעניש.

דער פינאַל — דאָס איז דער טרויעריגער סוף פון דער פּי־זישער גבורה, וואָס איז נישט אויסגעוואקסן אין אידישן פאָלק און האָט געדארפט אויסלייזן דאָס אידישע פאָלק. דאָס איז אויך דער טרויעריגער סוף פון דער רויער סטיכיע, וואָס האָט זיך פארמאָסטן צו זיין די איינציגע אויסלייזערן.

דאָס אידיש־העברעאישע „נפלאות מהר״ל״, וואָס ווערט צו־געשריבן דעם מהר״ל׳ס איידעם ר׳ י. כץ, דערציילט וועגן סוף פון גולם אזוי: נאָכדעם ווי דער מהר״ל האָט מיט דער הילף פון יאָסעלע גולם אנטפלעקט א סך בלוט־בלבולים, און דער קעניג רודאָלף האָט פארבאָטן צו באשולדיגן אידן אין עלילת־דם, האָט זיך דאָס שליחות פון גולם געענדיגט. דער גולם איז געוואָרן איבעריג, און דער מהר״ל האָט אים צוריק פארוואנדלט אין טויטן ליים. אזא סוף איז דורכויס נית דראַמאַטיש, און לייוויק, וועלכער האָט אין זיין דראַמאַטישער פאָעמע זיך די גאַנצע צייט געהאַלטן אָן דעם נפלאות מהר״ל, האָט ביים סוף פון אים אָפּגעטראָטן און האָט דאָס „לעצטע שליחות״ געשאַפן לויט דער פאָלקס־לעגענדע וועגן דעם דאָפּעלטן מזמור שיר ליום השבת, וואָס מיר האָבן דערמאָנט פריער, און ער האָט אויף אזא אופן

אין גולם'ס טויט קאָנצענטרירט די גאַנצע טראַגיק סיי פון'ם מהר"ל, סיי פון'ם גולם גופא.

6

און דאָ קומען מיר צו דעם פּראָבלעם פון די דריי משיחים. אָט איז דער מאַן, וואָס טראָגט אייביג זיין קרייץ, מיט נעגל אין די הענט און דערנער אויפ'ן קאָפּ, דער אייביגער קרבן, וואָס „קען נאָר בענשן, בענשן, בענשן". און אָט איז דער יונגער וואַנדערער, דער ליטעראַט, דער אידעאַלער, וואָס צייכנט דערווייל די טרערן און בינדט די וואונדן. און אָט איז דער גולם, דער מאַן פון בלויזער פיזישער גבורה. ווער פון זיי איז דער אמת'ער? ווער וועט אויסלייזן? דער מהר"ל האַלט, אז איצט איז די צייט פון'ם גולם, פון'ם איינציגן, וואָס „מעג זיין פינסטער, מעג פאַרגיסן בלוט פאַר בלוט. קיין אַנדערער באַשטראָפער איז נישט ווערט די וועלט און מיר דערווייל קיין אַנדערן באַשיצער". דער אמת'ער משיח איז ביים מהר"ל דער יונגער וואַנדערער, וואָס וועט קומען דער לעצטער, בעת עס וועלן זיך שוין אויסגיסן אַלע טרערן. יעדערער פון אונז פון לאַנד ביז לאַנד וועט שוין האָבן געלעגן מיט'ן האַלז אנטקעגן חלף, יעדערער וועט דערהערן דעם לעצטן שאַרף, דערזען דעם לעצטן הויב פון שווערד, בעת דאָס רשעות וועט דערגרייכן איר לעצט-מעגלאַכן ברעג, נישט האָבן וואו ווייטער צו גיין.

ווי מיינט לייוויק? לייוויק לאָזט אַלע דריי משיחים זיך צוזאַמענטרעפן. זיי זעצן זיך באַנאַנד צו בלייבן אין איינעם. איז דאָס די גאולה? ניין. זיי ריידן אַלע דריי פון דער לעצטער שעה פון טויט. און דער כאָר פון די אונטערערדיגע זינגט וועגן ליכט, וואָס „ווערן אויסגעבערענט אין די אויסגעשטרעקטע הענט". עס ווערט אויסגעלאָשן דער לעצטער פונק האָפענונג אויף דערלייזונג. וואָס איז דאָס, גרענעצלאָזער פעסימיזם? איך וויים נישט, וואָס לייוויק אליין האָט געוואָלט זאָגן. דער סימבאָל פון די משיחים איז ביי אים ארויסגעקומען צו נעפּלהאַפט. מיר דאַכט, אז דער אומגליק איז, וואָס די

דריי משיחים זיצן איינער נעבן אנדערן און זיי זיינען נישט אריין איינער אין דעם אנדערן. דער יונגער בעטלער זאגט צום גולם: „דיינע רייד איז מיינע רייד, זאג איך איבער וואָרט אין וואָרט". דאָס זעלבע זאָגט דער מאַן מיט'ן קרייץ. אָבער דער גולם פילט אַן עקל צום יונגן בעטלען, וועלכער בינדט איבער די וואונדן: „פוי, אַ פוילקייט טראָגט פון דיר". און ער פילט אַן עקל צו דעם מאַן, וואָס טראָגט דעם קרייץ: „פוי אַ טויטקייט טראָגט פון דיר." און זיי ביידע קערן זיך אָפּ מיט פּחד און אָפּשיי פון די פלעשער בלוט — בלוט איז דער סימבאָל פון רויער קראַפט — וואָס דער גולם דערלאַנגט זיי צו שטילן דעם דורשט. די דערלייזונג וועט קומען, ווען אַלע דריי משיחים וועלן זיך צונויפוואַקסן אין איינעם.

אין „נפלאת מהר"ל, אין קאַפּיטל „די שמועסן פון מהר"ל וועגן גולם", סימן י"ב, דערציילט דער אויבנדערמאָנטער ר' י. כץ אזוי: „מיין רבי און שווער ז"ל האָט געזאָגט, אַז בעת ער האָט זיך געמיט אראָפּצוציען אין גולם וועלכן עס איז גייסט, זיינען פאַר אים געקומען צוויי גייסטער, איינער פון יוסף שד און איינער פון יונתן שד; האָט ער אויסגעקליבן דעם גייסט פון יוסף שד, ווייל יענער האָט אמאָל נאָך געהאָלפן און געראַטעוועט די חכמים פון תלמוד פון וויפיל גרויסע צרות, דאָס וואָס מיט'ן גייסט פון יונתן שד איז נישט אזוי געווען; און נאָך צוליב דעם, ווייל פון ש"ס איז צו זען, אַז יונתן שד איז נישט געווען קיין בעל סוד". און אין סימן י"ד: „מיין רבי און שווער ז"ל האָט געזאָגט, אַז דער גייסט פון גולם וועט אויפשטיין תחית המתים, אָבער נישט אין ערשטן גוף פון יוסף שד און נישט אין צווייטן גוף פון יוסעלי גולם, נייערט אין אַ דריטן גוף, וואָס פון אַ זיווג פון אַ מאַן מיט אַ ווייב, וועלכער וועט אראָפּגעצויגן ווערן אויף דער וועלט דורך איינעם אַ צדיק פאַר משיח'ס אָנקומען, כדי מותקן צו זיין דורך אים אַ גרויסע און זייער אַ נויטיגע זאַך, וואָס איז אַ פאַרבאָרגענער סוד". אויף אַזאַ'ן אופן ווערט דער גולם אַן אייביגער גייסט, וואָס וואַנדערט דורך דורות און עפּאָכעס, ווערט מגולגל פון גוף צו גוף, ווערט דערהויבן אַלץ צו אַ העכערער מדרגה, צו אַ גרעסערער

שליחות, וועט אויפשטיין תחית המתים און האָבן די זכיה צו זען די וועלט אַ דערלייזטע.

7

און איצט גייען נאָך צוויי פּראָבלעמען, וועלכע פלעכטן זיך צונויף אין איינעם: וועגן שעפער און שאַפונג, פירער און מאַסע. בולטער און טיפער ווי אַלע אַנדערע איז ביי לייוויק'ן אַרויסגעקומען דער סימבאָל פון שעפער און שאַפונג. פאַר אים אַליין איז דאָס אפשר געווען דער עיקר אין זיין דראַמאַ־טישער פּאָעמע: אַפריער קומען די יסורים פון שאַפונג, די ספקות אין די אייגענע כוחות: „און אפשר האָב איך צופיל זיך געגרויסט, אריינקוקן געוואָלט אַהין, אַוואו קיין מענש האָט נאָך נישט אַריינגעקוקט ביז היינט... וואָס בין איך קעגן דיר? אַ וואָרעם קליין, אַליין אַ שטיקל ערד, אַ זעמדל שטויב"... די זייטיגע מניעות און דער עיקר דער ווידערשטאַנד פון שטאָף, וואָס שטעלט זיך אַקעגן, וויל נישט באַשאַפן ווערן, דאָס אויסטראָגן די קומענדיגע שאַפונג און כונה. בעת דאָס גע־שטאַלט פון בישוף פרעגט: „פון וואַנען קומט עס צו דיר אַזוינע אויגן? רציחה שפּריצט פון זיי און שוואַרצע גבורה. ווי קומט רציחה צו אַ רב?" ענטפערט דער מהר"ל: „ביז וואַנען ער וועט זוכה זיין צו לעבן, טראָג איך דערווייל דעם קוק פון זיינע אויגן." די שעפערישע כונה מוז זיין געלייַ־טערט, געהייליגט, ווען אין איר רייסט זיך אַריין אַ פינסטער־נישט, מאַכט עס אַ פגימה אין דעם קומענדיגנס האַרץ. און ווען די שאַפונג איז פאַרטיג, זעט דער שעפער, אַז זי איז אַרויס ווייטער אָדער נענטער, ווי ער האָט געצילט, נישט אינגאַנצן דאָס און אַמאָל אינגאַנצן נישט דאָס, וואָס ער האָט געהאַט אין זיין כונה. עס איז אַ טייל פון זיין איך און דאָך עטוואָס אַזוינס, וואָס האָט אַן אייגענעם זעלבסטשטענדיגן לעבן. ער האָט עס אויסגעטראָגן אין זיין אינגעווייד, געשפּייזט מיט בלוט פון זיינע אָדערן, מיט זאַפט פון זיינע נערוון, און איצט קאָן ער איבער דעם נישט באַפעלן, שטייט ער אַליין פאַר דעם ווי פאַר אַ רעטעניש.

אָן ענלאַכע טראַגעדיע שפּילט זיך אָפּ צווישן פּירער און מאַסע. די מאַסע איז נישט קיין גולם, און דער פּירער איז נישט איר שעפער. אָבער ער איז דער טרעגער פון איר קאָנ־צענטרירטן באוואוסטזיין, פון איר קאָנצענטרירטן ווילן. ביי דער גאַנצער ווייטקייט איז דאָך אין די באַציאונגען צווישן מהר״ל מיטן גולם פאַראַן עטוואָס אַזוינס, וואָס סימבאָליזירט די טראַגישע באַציאונגען צווישן פּירער און מאַסע. פאַראַנען גליקלאַכע מינוטן, ווען דער פּירער גיסט זיך אַזוי צונויף מיט דער מאַסע, אַז דו ווייסט נישט, וואו איז דער מהר״ל און וואו דער גולם. אויף אַזאַ גליקלאַכן מאָמענט וואַרט מען אַמאָל אַ לעבן לאַנג און מען דערוואַרט זיך נישט. אויסער אַט די אויסגעוויילטע מינוטן, איז צווישן פּירער און מאַסע שטענדיק פאַראַן אַ שפּאַלט, אַ מחיצה, וועלכע ביידע קאָנען אינגאַנצן נישט אַריבערשפּרייזן. אַט איז די מאַסע געהאָרכזאַם דעם ווילן פונ׳ם פּירער, גרייט צו טאָן זיין שליחות, און אַט גליטשט זי זיך אַרויס פון אים, פאַרלויפט אַפריער, בלייבט הינטערשטעליג, פאַרקריכט אויף זייטוועגן, וועלכע האָבן זיך אים אַפילו נישט גע׳חלומ׳ט. אַט איז דער גולם דעם מהר״לס דינער און איז גרייט צו טאָן זיין מינדסטן ווילן, און אַט ווערט ער דעם מהר״לס האַר און פאָדערט: „איך זאָג: פאַרבלייב! איך באַ־פעל!״ אַט פאַרגעטערט ער דעם רבי׳ן, קאָן אַ מינוט אָן אים נישט אויסקומען, און אַט פאַרמעסט ער זיך מיט דער פויסט איבער דעם מהר״לס קאָפּ, וויל אים כאַפּן פאַרן האַלז און ווערגן. און מעג דער פּירער ווי טיף איבערצייגט זיין אין זיין גערעכטיגקייט, הערן אים נישט אויף צו פּייניקן ספקות, ברענט אים די טראַגעדיע פון אָפּגעריסנקייט. און וויפיל מאָל קומט אים אויס אַרויסצוקרעכצן: שלאָג מיך, אָבער הער מיך אויס! אָדער מיט רעזיגנאַציע: שלאָג מיך, אָבער זיי גליקלאַך!...

נאָך אַ מעכטיגן אויפהויב קומט אַ שעה פון מידקייט, ווען דער אויפגעכאַפּטער ריז ווערט מיט אַמאָל ווידער לייטיק שווער און מען קען אים בינדן מיט אַ שטרויעלע. אין אַזאַ שעה פון מידקייט, קומט דאָס פּרעמדע „געשטאַלט״, וואָס שרייט: איך בין דער רבי! און סטראַשעט מיט׳ן שטעקן,

מיט אויסקלאַפּן אַלע ציין פון מויל און באַפעלט: „פאַל צו דער ערד און ליג... דער קאָפּ אַרונטער, נידעריקער, דאָס פּנים צו דער ערד צו נאָך טיפער, טיפער, אין דרייען דריי זיך אויף און זיץ דורך טאָג און נאַכט, דורך טאָג און נאַכט". און דער גולם פאַלגט. ער ליגט ווידער מיט דער ערד גלייך און לאָזט די פינסטערע הייל־רוחות טאַנצן איבער אים. ביז צו אַ נייעם אויפהויב.

אין אַ שעה פון מידקייט לויערט אויפ׳ן גולם נאָך אַ גע־פערלאַכער שונא. דער אינו נראה, וואָס האָט אים ערשט ניט לאַנג באַלויכטן פון אינעווייניג, ווערט איצט אַ ניכטערער, טרוקענער שכל, וואָס גריבלט זיך און צעעסט און מאַכט דעם גולם פינסטער מיט זיין ניכטערער גריבלעניש. ער רע־זאָנירט: „דו ווערסט דיין שליחות אָפּטאָן סיי ווי סיי. וואָס זאָל אַנדערש אַ שליח אָפּטאָן, אויב נישט זיין שליחות. פריער, שפעטער, דאָ צי דאָרטן, אַלץ איינס; און אָפּגעטאָן — איז געענדיגט, אַלץ געענדיגט... פאַר וועמען, קאָן זיין, אַז דו פאַרשפּעטיגסט, אָבער דו פאַר זיך אַליין, וואָס קאָנסטו פאַר־שפּעטיגן? שטרעק אוים די האַנט פון דאַנען, נאָר די האַנט, עס לוינט זיך נישט קיין טראָט אפילו געבן..."

אָט דער פאַטאַליזם, דאָס פילן זיך אָפּהענטיק דערפון, וואָס מען איז מער נישט ווי אַ שליח, דאָס אָפּטיילן דעם מענשן פון פּראָצעס און אָוועקשטעלן זיי קעגנאַנאַנד — דאָס גופא איז פאַקטיש אויך אַ רינגעלע אין פּראָצעס. דאָס איז די אויס־שעפּונג, וואָס שאַפט אַזעלכע חקירות. און עס איז נאָך גוט, וואָס דער צעפוילטער פאַטאַליזם האָט אָנגעהויבן צו ריידן, בעת דאָס פלאַש בלוט איז שוין געלעגן ביי דעם גולם צו די פיס און ער האָט נאָר געדאַרפט אויסשטרעקן די האַנט צו דעם. ווען אַזאַ פאַטאַליזם וואָלט אים געטראָפן איידער די שליחות איז געווען פאַרענדיגט; ווען ס׳וואָלט נאָך געבליבן אַ טראָט צום פלאַש, און דער גולם וואָלט געפונען, אַז עס לוינט נישט דעם טראָט צו געבן — וואָלט ער דאָס פלאַש נישט געפונען, טאַדעוש׳ס בלוטיגער פּלאַן וואָלט נישט צעשטערט געוואָרן. וואָ־רים דער פּראָצעס גייט דורך מענשן, און אויב אַ פּאַר׳חלש׳טע

גלייכגילטיקייט פאראליזירט די מענשן, ווערט דער גאנצער פּראָ־צעס פאראליזירט.

אנדערש פילט מען אין א מאָמענט פון אויפהויבונג. דעמאָלט פילט מען די שליחות, נישט ווי אן אויסערלאכן דראנג, וואָס צווינגט, נאָר ווי אן אינערלאכע שטרעבונג, וואס פאר־שאפט די גרעסטע פרייד. דער פראצעס דריקט נישט אויף דיין ווילן, נאָר ער פאלט מיט אים צונויף, ער דרינגט דורך דיין ווילן און גיט אים צו אייזערנע זיכערקייט. דעמאָלט ביזטו שטאָלץ צו זיין דער אויסדערוויילטער טרעגער פון א גרויסער שליחות. און מעג די משא זיין ווי שווער, וועסטו פאר קיין פרייז אין דער וועלט זיך פון איר נישט אָפּזאָגן, קיין אנדערן זי נישט איבערגעבן.

8

איך האָב נישט קיין פרעטענזיעס אויסצושעפּן לייוויק'ס דראמאטישע פּאָעמע. וועגן „גולם" קאָן מען און מען וועט נאָך א סך שרייבן.

האָט זיך לייוויק'ן איינגעגעבן צונויפצושטעלן די אלע פּראבלעמען, מיט וועלכע זיין ווערק איז אזוי רייך, אין איין גאנצן סימבאָל נאָר אין אייניגע מאָמענטן. דאָס רוב גייען ביי אים די פּראָבלעמען נעבענאנאנד,, נישט באהעפט. און פאַ־ראן שטעלן, וואס שטארצן ארוים פונ'ם גאנצן מיט שארפע קאנטן. לייוויק האָט אונז געוואָלט געבן צופיל, און זיין יכולת איז געווען קלענער פון זיין רצון. פאראנען אין „גולם" אויך אזעלכע שטעלן, וואו אנשטאָט פּאָעטישע סימבאָלן באַ־קומען מיר טרוקענע אַלעגאָריעס, אין וועלכע מען דארף לער־נען א שטיקל פשט. די כאָרן פון רוחות, טויטע א. ד. גל. דערמאָנען צו שטארק אָן געטע'ס „פאוסט" און בינדן זיך ווייַ־ניג מיט דער אידישער לעגענדע. ערטערווייז פילט איר זיך אין לייוויק'ס „גולם" צו ענג, ווי די בילדער וואָלטן געווען נישט אויסגעשטעלט, נאָר אָנגעשטעלט; אייער אויג צעלויפט זיך, איר קאָנט זיך נישט קאָנצענטרירן.

אָבער לייוויק'ס „גולם" האָט א גוואַלטיקן פארנעם. דאָס

פּראָבלעם פון פיזישן כח אלס דערלייזער, און נאָך מער דאָס פּראָבלעם פון שעפער און שאַפונג זיינען פּראַכטפול סימבאָליזירט. אין די בילדער: ליים, ווענט, בעטלער, דאָס לעצטע שליחות און אין פיל זייטן פון די איבעריגע בילדער דערגרייכט לייוויק אַזאַ הויכע מדרגה, צו וועלכער אונזער פּאָעזיע האָט זיך נאָך ביז אהער נישט דערהויבן. לייוויק׳ס „גולם" איז דאָס ערשטע מאָנומענטאַלע ווערק אין דער אידישער פּאָעזיע.

גערהאַרדט הויפּטמאַן

גערהארדט הויפטמאַן.*)

גערהארד הויפטמאַן איז געבוירן אין א קליינבירגערלאַכער פאַמיליע: ביי אייגנטימער פון א האָטעל אינ'ם קליינעם מיטל־שלעזישן קוראָרט אויבער־זאַלצברון. אָבער דער עלטער־זיידע און אין זיין יוגנט אויך דער זיידע פון פאָטער'ס צד זיינען געווען וועבער־אַרבעטער. דער זיידע פון מוטער'ס צד איז געווען א ברונען־אינספעקטאָר, אָבער ער האָט געשטאַמט פון א פויערי־שער משפחה, וועלכע האָט דורות־לאַנג געאַרבעט אין פּריצישע מאַיאָנטקעס. אזוי אז אין גערהארד הויפטמאַנ'ס אָדערן פליסט א קרעפטיג געמיש פון אַרבעטער־און פויערים־בלוט. דער פאָ־טער, ראָבערט הויפטמאַן, איז געווען גענוג געבילדעט פאַר זיין שטאַנד, האָט פאַרמאָגט אַן אַלמער ביכער, וואו מ'האָט צוזאַמען מיט די דייטשע קלאַסיקער געקאָנט געפינען די נאַטור־וויסנשאַפט־לאַכע ווערק פון אַלעקסאַנדער הומבאָלד און ביופאָן. דאָס איז געווען א רואיגער מענש מיט א ברייטער נאַטור און אָפענער האַנט; ער האָט קיינמאָל נישט געבויגן דעם קאָפּ פאַר'ן העכסטן פון זיינע געסט און האָט פאַר'ן קלענסטן פריינטלאַך געטאָן אַלץ, וואָס נויטיג. די מוטער מאַריע שטראַלער איז דערצויגן געוואָרן צווישן דער סעקטע הערנהוטער; זי איז געווען שטרענג רעליגיעז — אָבער נישט אַסקעטיש, דורכגעדרונגען מיט'ן גייסט פון ביבל, מיט געפילן פון גערעכטיגקייט און ליבע צו שוואַכע און ליידנדע, וואָס עס האָט זיך שפּעטער אזוי שטאַרק געלאָזט פילן אין די ווערק פון איר זון. פון דער מוטער האָט גערהארד

*) דעם דאָזיגן אַרטיקל האָט א. ליטוואַק געשריבן אין 1922, ווען דייטשלאַנד, צוזאַמען מיט דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט, האָבן געפייערט הויפטמאַנ'ס 60טן געבורטסטאָג.

הויפּטמאַן געֶ׳ירשנ׳ט אויך איר רייכע פאַנטאַזיע. דער האָטעל איז׳ם קליינעם קוראָרט האָט געטראָגן א גרויסן נאָמען: „צו דער פּרייסישער קרוין״. דאָס איז אָבער געווען א האָטעל פונ׳ם אַלטן פּאַטריאַרכאַלן שניט, וואו צווישן די בעלי־הבתים מיט די אורחים האָבן זיך איינגעשטעלט היימישע באַציאונגען; מ׳האָט איינער ביים אַנדערן אַלץ געוואוסט, זיך עצות געהאַלטן. און הגם מ׳האָט זיך געמיט צו האַלטן די קינדער ווייט פון האָטעל, איבערהויפּט פון רעסטאָראַן, האָט דאָך געהאַרד הויפּטמאַן, אַלס קינד, געהאַט גענוג געלעגנהייט צו זען א סך פרעמדע מענשן און איינזאַפּן פאַרשידנאַרטיגע איינדרוקן.

אין זיין קינדהייט איז הויפּטמאַן געווען ווילד־שטיפעריש און אָפּטמאָל טרוימעריש, טיף איינגעשלאָסן אין זיך. אין פאָלקס־שול האָט ער זיך געלערנט שלעכט. דער לערער איז געווען א טרוקענער פאָרמאַליסט. אפילו אויף א שפּאַציר־גאַנג איבער בערג און טאָלן, פעלדער און וועלדער פלעגט ער נאָכאַנאַנד רייד׳ן מיט די קינדער וועגן די כללים פון דער לאַטיינישער גראַמאַטיק. דערפאַר האָט זיך הויפּטמאַן שוין דעמאָלט געקוויקט מיט די ביי־כער פון זיין פאָטער׳ס אַלמער. שפּעטער אין ברעסלער רעאַל־שול האָט זיך הויפּטמאַן געלערנט נישט בעסער, ווי אין זאַלצ־ברונער פאָלקס־שול, איז געזעסן צו עטליכע יאָר אין א קלאַס. אויסגעצייכנט האָט ער זיך נאָר אין דייטשע אויפזאַצן און צייכנען. באַזונדערס שוואַך איז ער געווען אין רעכענען. זיינע שול־העפטן זיינען געווען פול מיט אייגענע לידער און מעשה׳לאַך לויט אַנדערסענ׳ס מוסטער; אָבער די לערער האָבן דאָס גע־האַלטן פאַר אומזיסטע צייט־פאַרשווענדונג. ביי הויפּטמאַנ׳ען איז אויפ׳ן גאַנצן לעבן געבליבן א שלעכטער געפיל צו דעם טיפּ שול־לערער, וואָס עס האָט זיך נישט איינמאָל אָפּגעשפּיגלט אין זיינע ווערק. יאָהאַן באַקעראַט אין „איינזאַמע מענשן״ זאָגט: „לאָז מיך צורו מיט מיינע לערער, אויב דו ווילסט, איך זאָל נישט אָנהויבן צו לאַכן. דערמאָן מיר נישט אָן דער דאָזיגער געזעלשאַפט פון שעפּסענע קעפּ, וואָס האָבן מיר אויסגעזויגן דעם מאַרך פון די ביינער״. דעם פאָטער׳ס געשעפטן זיינען אוועק שלעכט, און געהאַרד הויפּטמאַן האָט אין פרילינג 1878 געמוזט

פאַרלאָזן די רעאַל־שול. מ'האָט אים אָוועקגעשיקט צו זיין פעטער גוסטאַוו שובערט, לערנען זיך ביי אים אין מאַיאָנטעק לאַנדווירטשאַפט. הויפּטמאַן פאַרברענגט העכער צוויי יאָר אויפ'ן שוים פון דער נאַטור; דאָס באַרייכערט זיין אַנטוויקלונג; אָבער קיין לאַנדווירט ווערט ער נישט. ער אַנטדעקט אין זיך אַ טאַלאַנט צו סקולפּטור און אין האַרבסט 1880 איז ער שוין ווידער אין ברעסלוי. ער קומט אָן אין קונסט־שול, וואו ער פאַרברענגט אַנדערטהאַלבן יאָר. ער לעבט זיך נישט איין מיט די פּראָפעסאָרן און מיט די שילער; זיין סקולפּטור־טאַלאַנט איז געווען אַ טעות. אים האָט געצויגן צו שאַפן געשטאַלטן, אָבער שטיין און בראָנז זיינען פאַר אים נישט געווען דער געהעריגער מאַטעריאַל, דאָך די פּלאַסטיק, וואָס ער האָט אין קונסט־שול געלערנט, איז אים שפּעטער צוניץ געקומען אין זיין דיכטונג. הויפּטמאַן שטודירט דערנאָך נאַטור־וויסנשאַפט און פילאָזאָפיע אין יענאַ, מאַכט אַ לענגערע רייזע איבער שפּאַניען און איטאַליען, פּרוּווט אין רוים ווידער ווערן אַ סקולפּטאָר, באַנייט שפּעטער אין 1888 אין ציריך זיינע נאַטור־שטודיען. און די גאַנצע צייט הערט ער נישט אויף צו שרייבן לידער און דראַמען, וועלכע גייען נישט ווייטער פון פּעדער־פּראָבעס.

אין 1885 באַזעצט זיך הויפּטמאַן אין בערלין, וואו ער הייבט אָן פאַרקערן מיט שריפטשטעלער און קינסטלער. ער ווערט באַקאַנט מיט אַ קרייזל ראַדיקאַלן, ביי וועלכע נאַטור־וויסנשאַפט איז דער יסוד פון זייער וועלט־אַנשויאונג און דאַרווין איז אַן אָפּגאָט. דאָס איז געווען די צייט פון אויסנאַמס־געזעצן קעגן סאָציאַליסטן. אין דייטשלאַנד האָט געהערשט אַ שווערע רעאַקציע, וועלכע האָט שטאַרק געדריקט די אינטעליגענטע פרייידענקערישע יוגנט; די דאָזיגע יוגנט האָט געקוקט מיט האָפנונג אויף דער יונגער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, וועלכע איז דעמאָלט געווען געקרוינט מיט מאַרטירערטום, פול מיט ענטוזיאַזם און אָפּפערווילינקייט און איז געוואַקסן אויף צו להכעיס אַלע רעפּרעסיעס און רדיפות. הויפּטמאַנ'ס קרייזל איז געווען באַקאַנט מיט'ן מאַרקסיזם, האָט מיטגעפילט דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. הויפּטמאַן האָט געהערט צו דעם ליטעראַטור־

פֿאַראיין „דורך", וועלכער האָט געשטרעבט צו אַ רעוואָלוציע אין דער דייטשער ליטעראַטור. דער פֿאַראיין איז געווען אונטער'ן איינפֿלוס פֿון איבסען און טאָלסטאָי, איבערהויפּט אָבער אונ־טער'ן איינפֿלוס פֿונ'ם פֿראַנצויזישן ראָמאַניסט עמיל זאָלאַ, דעם קאָפּ און טעאָרעטיקער פֿון נאַטוראַליזם.

דער נאַטוראַליזם פֿליסט אַרויס פֿון צוויי קוואַלן. דער ערשטער קוואַל איז: די הויכאַנטוויקלטע נאַטור־וויסנשאַפֿט, וועלכע באַזירט אויף גענויע באָאַבאַכטונגען און עקספּערימענטן, די לערע פֿון עוואָלוציע, וועלכע זעט אין יעדער דערשיינונג אַ פּראָדוקט פֿון אַ גאַנצער קייט סיבות און אומשטענדן, וועלכע האָט דעם מענטשן, דעם בחיר היצירה, אַראָפּגעזעצט פֿון זיין הויך, געמאַכט אים פֿאַר אַ רינגעלע אין דער קייט פֿון אָרגאַניזמען, אוועקגעשטעלט אין איין שורה מיט אַלע בהמות און חיות, דער דאַרוויניזם, וועלכער האָט אין דער גאַנצער אָרגאַנישער וועלט גע־זען נאָר דעם קאַמף פֿאַר'ן לעבן, דעם זיג פֿון די, וואָס קאָנען זיך בעסער צופּאַסן צו דער סביבה, די גרויסע באַדייטונג פֿון ירושה. דער צווייטער און וויכטיגסטער קוואַל פֿון נאַטוראַליזם איז געווען די סאָציאַלע איבערקערעניש, וואָס די אַנטוויקלונג פֿון גרויס־קאַפּיטאַל האָט געבראַכט מיט זיך. איין אוניווערסאַלער מאַגאַזין שלינגט איין הונדערט קראָמען. איין גרויסע פֿאַבריק רואינירט הונדערטער קליינע און מיטעלע בעלי־מלאכות. די בענק פֿאַרקנעכטן אַלץ און אַלעמען; די בערזע לאָזט אַוועק מיט דער טאַרבע טויזנטער און מאַכט רייך איינציגע. די בור־זשואַזיע ווערט דעמאָראַליזירט פֿון צופֿיל וואוילטאָג; די מאַסן — פֿון צופֿיל אַרבעטן און ליידן. אַלץ ווערט דעמאָראַליזירט. דאָס בלוט ווערט פֿאַר'סמ'ט פֿון אַלקאָהאָל און אויסגעלאַסנקייט. וואָס אַ דור ווייטער ווערט גרעסער די דעגענעראַציע פֿון קראַנקער ירושה. דער מענטש איז גאָרנישט. די סביבה, ווי אַ גרויסע אייזערנע ראָד, שלעפּט אַלץ נאָך זיך, פֿאַרשלעפּט און צע־מורשט. אין פֿראַנקרייך, וואו דער פּראָלעטאַריאַט איז נאָך דער קאָמונע געווען אָפּגעשוואַכט און בלוט־אָרעם, האָט זאָלאַ אין די בליאונגס־יאָרן פֿון זיין טאַלאַנט געקאָנט זען דעם חורבן, נישט די בשורה פֿון די נייע בויער. איז ער און דער גאַנצער נאַטו־

ראַליזם מיט אים געווען פּעסימיסטיש. אין דייטשלאַנד, וואו דער נאַטוראַליזם איז געקומען שפּעטער און ער האָט געהאַט פאַר זיך אַ פּראָלעטאַריאַט, וואָס איז געגאַנגען באַרג־אַרויף, איז ער געווען אָפּטימיסטישער, פאַרמישט מיט אַ שטאַרקן סאָציאַליסטישן שטראָם. אין פראַנקרייך, אַ לאַנד, וואו דער פינאַנץ־קאַפּיטאַל און די לוקסוס־פּראָדוקציע זענען שטאַרקער פאַר דער מאָדערנער גרויס־אינדוסטריע, האָט די בורזשואַזיע בולט'ער אַרויסגעוויזן אירע צעשטערנדיגע זייטן. אין דייטשלאַנד ווידער, וואו די מאָדערנע אינדוסטריע האָט זיך אַנטוויקלט מיט אַ נאָך נישט געהערטן טעמפּ, האָבן זיך בולט'ער אַרויסגעוויזן די עלעמענטן פון צוקונפט, וואָס זענען אין דער קאַפּיטאַליסטישערווירטשאַפט באַהאַלטן.

דער נאַטוראַליזם האָט גענומען באַהאַנדלען אַזעלכע טעמען, צו וועלכע די פריערדיגע קינסטלער האָבן זיך מורא געהאַט צוצורירן. ער האָט אָנגעהויבן שילדערן נישט גרויסע געשטאַלטן, העלדן און פירער, נאָר דוקא קליינע און נידעריגע, לומפּן־פּראָלעטאַריער און דעגענעראַטן; אויפדעקן די וואונדן פון דער געזעלשאַפט, ווייזן בולט אָן באַפּוצונג און פאַרשלייערונג, אָן סענטימענטאַלער פאַרוויכונג — שכרות און זנות, קראַנקהייט און עלנט, גראָבקייט און ווילדקייט. דער לאָזונג איז געווען: רעאַליזם, נישט קיין אידעאַליזם! אמת, נישט קיין שיינקייט! דער נאַטוראַליזם האָט געווענדט זיין אויפמערקזאַמקייט נישט אויפ'ן יחיד, נאָר אויף דער סביבה. בנוגע דער פאָרם האָט דער נאַטוראַליזם געפאָדערט גענויע באָאָבאַכטונג און פּינקטלאַכע שילדערונג, אָנווענדן די מעטאָדן פון נאַטור־וויסנשאַפט אויף דער ליטעראַטור. ווי דער נאַטור־פאָרשער, דאַרף דער וואָרט־קינסטלער זיין אָביעקטיוו, נישט משפּט'ן. „גוטע מעשים און פאַרברעכן זענען פּראָדוקטן, ווי צוקער און אָלים" — זאָגט איפּאָליט טען, זאָלא'ס לערער. „די ירושה האָט אירע געזעצן, ווי די שווערקייט" — זאָגט זאָלא אַליין. איידער זאָלא איז צוגעטראָטן צו אַ ווערק, פלעגט ער אַ לאַנגע צייט זאַמלען מאַטעריאַל. דער דיכטער, האָט ער געזאָגט, דאַרף געבן נישט קיין אַנדער זאַך, ווי מענשלאַכע דאָקומענטן. און דאָך איז זאָלא

נישט געווען קיין פאָטאָגראַף, קיין בלויזער קאָפּירער פון דער נאַטור. זיין פאָרמול פון קונסט איז „אַ קונסטווערק איז אַ שטיק נאַטור, געזען דורך אַ טעמפּעראַמענט". דורכפירן די באָבאַכטונג דורכ'ן טעמפּעראַמענט פון קינסטלער, הייסט נישט קאָפּירן, נאָר איבערשאַפן. זאָלאַ אַליין האָט פאַרמאָגט אַ גע־וואַלדיגע שילדערונגס־קראַפט. דאָס שענקל, וואָס פאַר'סמ'ט די גאַנצע סביבה מיט אַלקאָהאָל, דער אוניווערסאַלער מאָדע־מאַגאַ־זין, וואָס שלינגט איין דעם קליין־באַטריב, דער מאַרק, וואָס שפּייזט דאָס גאַנצע לעבן פון פּאַריז — דאָס אַלץ קומט ביי אים אַרויס נישט ווי דערשיינונגען, נאָר ווי גרויסע סימבאָלישע גע־שטאַלטן. זיין נאַנאַ איז נישט אַ צופעליקע קורטיזאַנקע: זי איז דער סימבאָל פון זנות אין דער בורזשואַזער וועלט. דער נאַטוראַליזם איז ביי זיינע עפּיגאָנען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פּאָרנאָגראַפיע, אין סמאַקעווען דאָס שמוציגע. ער האָט אָבער דעם פאַרדינסט, וואָס ער האָט אַריינגעפירט אין קונסט דאָס קראַנקהאַפטע, דאָס ליידנדע, די אָפענע וואונדן פון דער געזעל־שאַפט און ער האָט אויף אַזאַ אופן אומגעהויער פאַרברייטערט איר געביט. דער נאַטוראַליזם איז אָפט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פאָטאָגראַפיע, אין פּראָטאָקאָל; ער האָט אָבער אַריינגעפירט גענויע באָבאַכטונג און רעאַלע שילדערונג אָנשטאָט צעשוואָ־מענע מליצה. דער נאַטוראַליזם האָט איגנאָרירט די טיפע פּסי־כאָלאָגיע פונ'ם יחיד; דאָס איז זיין פעלער. ער האָט גע־ווענדט די אויפמערקזאַמקייט פון די קינסטלער אויף דער סביבה — דאָס איז זיין פאַרדינסט.

אין ביסמאַרק'ס דייטשלאַנד, אין די זיבעציגער און אַכ־ציגער יאָרן פון פאָריגן יאָרהונדערט, נאָך דעם גרויסן נצחון איבער פראַנקרייך און דער פאַראייניגונג פון דער אימפּעריע, איז די שיינע ליטעראַטור געשטאַנען אויף אַ נידעריגער מדרגה. זיסלאַכע פּסעוודאָ־רעאַליסטישע ראָמאַנען, סאַלאָן־דראַמען, פול מיט ליבע־אינטריגעס לויט פראַנצויזישן מוסטער, אָדער סענטי־מענטאַלע דראַמען אינ'ם פאַרעלטערטן זשאַנר פון שילער. אין דאָזיגן שטייענדיגן זומפּ גיסט זיך דער נאַטוראַליזם (אָנגעהויבן אומגעפער פון 1885) אַריין, ווי אַ לעבעדיגער אָפּפרישנדיגער

שטראָם. גערהארד הויפטמאן איז געקומען צום נאטוראַליזם אונטער'ן איינפלוס פון זיינע פריינט, די באוואוסטע שריפט־שטעלער אַרנאָ האָלץ און י. שלאף. יענע האָבן דערפירט זאָ־לאַ'ס טעאָריעס ביז אירע לעצטע קאָנסעקווענצן; זייער שאפונג איז געווען מער פאָטאָגראפיע, ווי קונסט. זייער העכסטע שטרע־בונג איז געווען — דערגרייכן אַ פולשטענדיגע רעפראָדוקציע פון דער נאטור. אַט די צוויי פריינט זיינע, די „קאָנסעקווענטע רעאַליסטן", האָט הויפטמאַן געווידמעט זיין ערשטע דראַמע — „פאר'ן זון־אויפגאנג". אָבער הויפטמאַן אַליין איז קיינמאָל, אפילו אין זיין ערשטער דראַמע, אַזוי קאָנסעקווענט נישט גע־ווען. ער האָט אין זיין נאַטוראַליזם אריינגעגאָסן דעם דראַמאַ־טישן פאַטאָס פון איבסען; ער האָט אים באַרייכערט מיט איגער־לאַכקייט. אָפּגעבנדיג די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט אויף שיל־דערן די סביבה, דרינגט ער אויך אריין אין הארצן פון זיינע העלדן און שילדערט די איינצעלנע רעגונגען פון זייער נשמה, געניי, ווי אַ נאַטור־פאָרשער.

הויפטמאַן איז אַלזייטיג. פון היינטיגן לעבנס־שטייגער גייט ער איבער צו היסטאָרישע טעמעס, פון דער רעאַלער ווירקלאַכ־קייט צו פאַנטאַסטישע מעשה'לאך, פון סאָציאַלע דראַמעס צו אינדיווידואַליסטישע, פון נאַטוראַליזם צו ראָמאַנטיק און סימ־באָליזם. אָבער איר זעט ביי אים נישט קיין איבערברוך, קיין קריזיס, די פאַרשיידענע פאָרמען פון זיין שאַפן גייען נישט איינע נאָך דער אַנדערער, נאָר איינע ביי דער אַנדערער. נאָך די ערשטע נאַטוראַליסטישע דראַמען קומען ביי אים סימבאָ־לישע, פאַנטאַסטישע. ער בלייבט אָבער נישט שטיין שוין אינ־גאַנצן ביים סימבאָליזם, ער קערט זיך ווידער אום צו ווערק פון נאַטוראַליסטישן לעבנס־שטייגער, דערנאָך ווידער צו ראָמאַנ־טישע סימבאָלישע שאַפונגען, און אַזוי דאָס גאַנצע לעבן. אין זיינע נאַטוראַליסטישע דראַמען באַהאַנדלט ער די זעלביגע טראַ־גישע קאָליזיעס, וואָס אין די סימבאָלישע; אין זיינע סימבאָ־לישע ווערק זענען פאַראַנען עכט רעאַליסטישע שילדערונגען. סימבאָליזם און נאַטוראַליזם זענען ביי אים נאָר פאַרשיידענע צוגאַנגען צו דער טראַגיק פון לעבן. ער ווענדט אָן אַמאָל

איינעם, אמאָל דעם אַנדערן, אַמאָל אַ סינטעז פון ביידן. הויפּט־מאַן בייט אָפט דעם טאָן, בייט די שטימונגען. אָבער אין די פאַרשיידנסטע טענער און שטימונגען איז ביי אים שטענדיג פאַראַנען איין גאַנצס, הארמאָנישעס. אַט אין דעם סינטעז, אין דער האַרמאָנישער אַלזייטיגקייט ליגט הויפּטמאַנ'ס כח.

הויפּטמאַן איז קיינמאָל נישט קיין מייסטער פון רואיגער שיינקייט. ער נעמט קיינמאָל נישט קיין נייטראַלע טעמעס. הויפּטמאַנ'ס פּולס שלאָגט צוזאַמען מיט'ן פּולס פון זיין שטורמ־דיגן דור. ער איז גאָכאַנאַנד פאַרנומען מיט די גרויסע פּראָבלעמען פון דער מענשהייט, מיט די אָנגעווייטאָגטע קאָנפליקטן און חלומות פונ'ם מאָדערנעם מענשן. ער באַרירט די שטאַרק־סטע און די טיפסטע סטרונעס פון אונזער נשמה. דעריבער האָבן הויפּטמאַנ'ס דראַמעס דערוועקט אַזאַ גרויסן אינטערעס, דעריבער האָט יעדעס ניי ווערק זיינס אַרויסגערופן אַזוי פיל ליידנשאַפטלאַכע חלוקי־דעות.

.2

הויפּטמאַנ'ס ערשטע דראַמע „פאַר זון־אויפגאַנג" האָט אַן אונטער־קעפּל: „סאָציאַלע דראַמע". לויט איר אינהאַלט דער־מאָנט זי זאָלאַ'ס „שיינקל", איבסענ'ס „געשפּענסטער" און טאָלסטאָי'ס „דער כח פון פינסטערניש". זי דערמאָנט, אָבער זי איז אַן אַנדערע, אַן איינגנאַרטיגע. ביי שלעזישע פּויערים האָט מען אונטער די פעלדער געפונען שטיינקוילן. די פּויערים זענען געוואָרן רייך און דעמאָראַליזירט. דאָקטאָר שימעלפעניג, וועלכער האָט זעקס יאָר געשטודירט יענע געגנט, זאָגט, אַז דאָרטן איז אַלץ אויף דורך און דורך צעפוילט: „שכרות, בלוט־צעמישונג און דעגענעראַציע איבער דער גאַנצער ליניע. אין דער פאַמיליע קרויזע איז אַלקאָהאָליזם אַ ירושה־פעלער, די בראשית־זינד, פאַר וועלכע עס מוזן אומפּאַרמיידלאַך באַצאָלן דורות נאָך דורות. דער אַלטער רייכער פּויער קרויזע איז אַריינ־געפאַלן כמעט אין אידיאָטיזם פון שכרות און זנות. קומענדיג פון שענק אַ שכור'ער אַהיים, וואַרפט ער זיך מיט אַ שענד־לאַכער כונה אויף זיין אינגערער טאָכטער העלענע. זיין צווייטע

פרוי לעבט מיט אַ שכן, וועלכן זי שדכנ'ט פאַר אַ חתן איר אײנגערער שטיף־טאָכטער. מאַרטע, קרויזע'ס עלטערע טאָכטער, טרינקט ביז באַוואוסטלאָזיגקייט. איר קינד, דריי יאָר אַלט, איז שוין צוגעוואוינט צו שנאַפּס און שטאַרבט צוליב זײַן געירשנ'־טער תאווה. דאָס אינגעלע האָט זיך געצויגן צו אַ פלאַש מיט עסיג, מיינענדיג, אַז דאָרטן איז בראָנפן; די פלאַש פאַלט אום, צעברעכט זיך; דאָס קינד פאַלט אויף די גלאָז־שערבלאַך און גייט אָפּ מיט בלוט. אין לעצטן אַקט גייט מאַרטע הינטער דער סצענע צו קינד; די צושוויער הערן אירע קרעכצן און פילן מיט גרויל, אַז אויף דער וועלט דאַרף קומען אַ נייער צווייג פון אַ צעפוילטן בוים, וואָס איז פון געבוירן שוין פאַר'משפט אויף לײַדן און משוגעת, דאָס קינד ווערט געבוירן אַ טויטס. מאַר־טע'ס מאַן, אינזשיניער האָפמאַן, איז אַ ספּעקולאַנט פון ערגסטן סאָרט. ער האָט חתונה געהאַט צוליב געלט; שפּעטער איז זײַן קאַפּיטאַל גיך אויסגעוואַקסן פון נישט גאָר קיין ריינע געשעפטן. דערוויילע טרינקט ער נאָך אין מאָס, אָבער ער קוקט מיט פעטע אויגן אויף דער שווענערין און זוכט זי אַרייַנצוכאַפּן אין נעץ.

די הויפּט־פיגורן זענען קרויזע'ס אינגערע טאָכטער העלענע און דער סאָציאַליסט אַלפרעד לאָט. העלענע איז די איינציגע אין דער פאַמיליע קרויז, וואָס איז געבליבן פריי פון דעם ירושה־פעלער. זי איז געזונט פיזיש און גייסטיג. לויט דעם וואונש פון איר פאַרשטאָרבענער מוטער איז זי דערצויגן געוואָרן אין אַן אַנשטאַלט פון די הערהוטער; זי פאַרמאָגט אַ חוש פאַר דאָס העכערע. ביים פאָטער אין הויז קוקן אַלע אויף איר, ווי אויף אַן אָביעקט פון תאווה: דער פאָטער אַליין, דער שוואָגער, דער שכן, וואָס לעבט מיט איר שטיפמוטער. העלענע בלייבט ריין; אָבער איר לעבן איז אַן אַ האָפענונג; פון זומפּ, אין וועלכן זי שטעקט, זעט זיך נישט קיין אויסוועג. און דאָ קומט צו זיי אין הויז אַלפרעד לאָט, האָפמאַן'ס אַ געוועזענער חבר. זייערע וועגן זענען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען. האָפמאַן האָט שוין לאַנג פאַרגעסן די אידעאַלן פון זײַן יוגנט. לאָט איז זיי גע־בליבן טריי. איינער „גרייט זיך ווערן אַ בלייכרעדער" און עקספּלואַטירט די אַרבעטער; דער אַנדערער איז געקומען שטו־

דירן די באדינגונגען פון זייער לעבן און ארבעט; ער איז א סאציאליסט. לאט זאגט: „עס איז אן אומזין, אז דער וואס ארבעט הונגערט, און דער פוילער לעבט אין לוקסוס. עס איז אן אומזין צו באשטראפן פאר א מארד אין שלום־צייט און לויבן מארד אין דער צייט פון א מלחמה. עס איז אן אומזין צו פאראכטן א תליון, און אליין, ווי דאס טוען אלע סאלדאטן, שטאלץ ארומשפאצירן, צוגעבונדן צום זייט א געווער פון מענשן־מארד, א ביקס אדער א שווערד. ווען א תליון וואלט ארויף אויפ'ן זינען זיך דורכשפאצירן איבער'ן גאס מיט'ן האק, וואלט מען אים מיט שטיינער פארוואָרפן". אין קאמף געגן די דאזיגע אומזיניגקייטן זעט לאט די אויפגאבע פון זיין לעבן. ביי לאט'ן איז דער סאציאליזם פארבונדן מיט עגאאיזם. ער וויל זיין גליקלאך, נאר דערצו איז נויטיג, אז פריער זאלן אלע מענשן ארום אים ווערן גליקלאך, ער זאל „נישט זען ארום נישט קיין קראנקהייט, נישט קיין ארעמקייט, נישט קיין קנעכטשאפט, נישט קיין נידערטרעכטיגקייט". ער וויל בויען זיין פאמיליע אזוי, אז זי זאל זיין א מוסטער, און דער ערשטער געבאט איז: זיין פרוי זאל זיין פיזיש און מאראליש געזונט, ער זאל קאנען איבער־געבן זיינע קינדער געזונט בלוט, ווי ער האט עס גע'ירשנ'ט פון זיין פאטער. ער וויל נישט פרובפערן קיין נייראסטעניקער און דעגענעראטן.

לאט מאכט אויף העלענע'ן דעם שטארקסטן איינדרוק. שוין ביים ערשטן מאלצייט, ווען ער האלט א הייסע רעדע, פול מיט ציפער, געגן אלקאהאליזם, נישט פילנדיג, אז ער געפינט זיך אין א פאמיליע פון אלקאהאליקער, בינדט זי זיך צו אים צו. זי זעט אין אים א העכער וועזן, א מלאך הגואל, וואס קאן זי ארויספירן פון זומפ צו ברייטע האריזאנטן, געבן א ציל איר לעבן. ער פאדערט, די פרוי זאל די ערשטע דערקלערן דעם מאן איר ליבע. זי טוט עס. אבער דער דאקטאר שימעלפעניג, וועל־כער קורירט די קימפעטארן מארטע, איז לאט'ס א חבר פון אוניווערסיטעט און ער עפנט אים די אויגן, דערציילט אים, פון וואס פאר א פאמיליע העלענע איז. דער דאקטאר גיט אפילו צו, אז נישט אלע קינדער פון אזא פאמיליע מוזן זיין דעגענע־

רירט; עס טרעפן זיך אויסנאַמען. לאָט באַמערקט נישט, אַז העלענע איז אַזאַ אויסנאַם. זיין פּראָגראַם איז ביי אים שטאַר־קער פאַר זיין ליבע; עס דערשטיקט דעם געזונטן חוש. ער שרייבט העלענע'ן אַן אָפּשיידס־בריוו און פאָרט אַוועק. פאַר העלענע'ן איז לאָט געווען מער, ווי אַ געליבטער; ער איז געווען איר וואונדער, איר דערלייזונג. און אַז זי האָט אים פאַרלוירן, האָט זיך דער זומפּ פאַרמאַכט פאַר איר פון אַלע זייטן. זי האָט פאַרלוירן דעם זין פון לעבן און זי דערשטעכט זיך מיט אַ יעגער־מעסער.

אין דער דאָזיגער דראַמע זענען די פאַרבן אַ ביסל צו געדיכט. צופיל שמוץ איז דאָ אָנגעקליבן געוואָרן. אָבער איר פילט דאָ שוין הויפּטמאַנ'ס שאַרפע מענשן־באַאָבאַכטונג. די פיגורן קומען ארויס בולט, געשניצט, סקולפּטאָריש. הויפּט־מאַנ'ס פיגורן זענען קראַנקע. אָבער ער ווייזט אונז אין קראַנקן מענשן דעם מענשן בכלל. בעסער ווי אַנדערע האָט זיך אים איינגעגעבן העלענע, דער קליינער געזונטער אינזל אין ים פון פאַר'סמ'ט בלוט; די טראַגישע העלענע, וועלכע קומט אום נישט צוליב דעם אַלטן זומפּ, נאָר צוליב דער טרוקענער אכזריות פון דעם נייעם פּראָגראַם; זי ווערט אָפּגעשטויסן גראָד פון דער האַנט, וואָס האָט זי געזאָלט אויסלייזן. ווייניגער פון אַנדערע איז הויפּטמאַנ'ען געלונגען אַלפרעד לאָט. עס באַקומט זיך נישט קיין לעבעדיגער מענש, נאָר אַ פּראָגראַם־פיגור. און בעת ער שטויסט אָפּ זיין געליבטע צוליב דער רעזאָלוציע וועגן פאַמיליען־לעבן, וואָס ער האָט פאַר זיך אָנגענומען, זעט איר אַפילו נישט, ער זאָל איבערלעבן וועלכע עס איז טראַגעדיע. פּשוט, אָפּגעשניטן און געענוג. אינטערעסאַנט איז די פאָרם פון דער דראַמע. אין דער לעצטער סצענע, העלענע'ס זעלבסטמאָרד, איז פאַראַנען זייער ווייניג ווערטער. זי באַשטייט כמעט דורכ־אויס אין אַ שפּיל פון באַוועגונגען און זשעסטן, אין וועלכע עס רייסן זיך זעלטן ווען אריין איינצלנע קורצע פראַזן און ווייטע קולות, וועלכע איר קאָנט קוים פאַנאַנדערקלייבן: די ליבע־סצענע אין פערטן אקט גייט דורך אָן שיינע ווערטער, אָן גע־הויבענע פראַזן; זי באַשטייט ווידער אַמאָל מער ווי אַלץ פון

באוועגונגען, קושן, בליקן. אין לייענען, מוזט איר זיך פאָר־שטעלן די ברעטלאַך פון טעאַטער, ווען ניט בלייבט די דאָזיגע סצענע טויט. פאַראַנען אין דער דראַמע איבעריגע פיגורן און סצענעס, וועלכע זענען פאַר זיך גענומען גאַנץ שיין; די דראַמע האָט אָבער געקאָנט אויסקומען אָן זיי; זיי ציִען נאָר אָפּ די אויפמערקזאַמקייט און מאַכן די האַנדלונג לאַנגזאַמער און ווייניגער קאָנצענטרירט.

„פאַר זון־אויפגאַנג" איז צום ערשטן מאָל אויפגעפירט געוואָרן דעם 20טן אָקטאָבער 1889 דורך דער „רייער בינע". דאָס איז געווען אַ גענעראַל־שלאַכט צווישן די אָנהענגער און געגנער פון נאַטוראַליזם. די גאַנצע צייט פון ספּעקטאַקל האָט מען אַפּלאָדירט און געפייפט. די געגנער האָבן געטומלט, נישט געלאָזן שפּילן; איינער אַ דאָקטאָר האָט אפילו געוואָרפן אויף דער בינע אַקושער־אינסטרומענטן. אין דער פּרעסע האָט זיך אויך אויפגעהויבן אַ שטורם. איינע האָבן אָנגערופן הויפּט־מאַנ'ען „דראַמאַטיקער פון העסלאַכקייטן", „פּאָעטישער אַנאַר־כיסט". די אַנדערע האָבן אים געהויבן, אַלס רעפאָרמאַטאָר פון קונסט, דערלייזער פון פּאָעזיע. הויפּטמאַנ'ס נאָמען איז גע־וואָרן באַוואוסט איבער גאַנץ דייטשלאַנד.

אין אַ יאָר אַרום איז אַרויס הויפּטמאַנ'ס צווייטע דראַמע „דער יום־טוב פון פרידן" — אַ „פאַמיליען־קאַטאַסטראָפע". דער סאָציאַלער אינהאַלט פון דער צווייטער דראַמע איז קלענער, אָבער אין פאָרם איז זי רייפער פאַר דער ערשטער. זי איז גע־פּרעסטער, אָן איבעריגע פיגורן און סצענעס, וואָס זיינען נישט נויטיג פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער האַנדלונג. די האַנדלונג שטייגט מיט מער שפּאַנונג. די טעמע איז ווידער אַ פאַמיליע, וואָס ליידט פון אַ ירושה־פעלער, דאָס מאָל נישט פון אַלקאָהאָל, נאָר פון נייראַסטעניע, פון פאַרשאַרפטער קרענקלאַכער נער־וועאישקייט, וועלכע דערגייט ביים פאָטער ביז פאַרפאָלגונגס־משוגעת.

און אין דער דאָזיגער פאַמיליע שאָלץ איז קיין איין גע־זונטער מיטגליד נישטאָ. ווילהעלם שאָלץ, דער העלד פון דער דראַמע, באַזיצט מוזיקאַלישע פעאיגקייטן. אָבער ער איז אַ

מענש מיט קראַנקע נערוון, צערייצט, האָט מורא פאַר מענשן און אין אַ מינוט פון אויפרעגונג שלאָגט ער דעם פאָטער. אין ווילהעלם שאַלט פאַרליבט זיך זיין מוזיק־שילערן, אַ געזונטע אידעאַליסטין, אידאַ בוכנער. אין „פאַר זון־אויפגאַנג" זאָגט זיך אַלפרעד לאָט אָפּ פון דער געזונטער העלענע, אויס מורא פאַר איר פאַמיליען־פעלער. ביי אידאַ בוכנער, אין הויפּטמאַנ'ס צווייטער דראַמע, איז איר ליבע שטאַרקער פאַר יעדער מורא; זי גלויבט, אַז איר ליבע וועט ווילהעלמ'ען באַרואיגן און אויפהויבן, אַז דורך איר ליבע וועט ער געזונט ווערן. און אין דער מינוט, ווען דער אַלטער שאָלץ שטאַרבט פון נערוון־דערשיטערונג, גייען ווילהעלם און אידאַ מיט געשלאָסענע אָרעמס און אויפגעהויבענע קעפּ אַנטקעגן זייער צוקונפט. וואָס וועט פון דעם בונד אַרויסקומען? אויב מען זאָל גלויבן ווילהעלמ'ס עלטערן ברודער ראָבערט, אַז די גאַנצע פאַמיליע שאָלץ איז פון גרונט־אויס דעגענערירט און מען קאָן שוין מיט איר גאָרנישט מאַכן, — וועט די נייע פאַר איבער'חזר'ן די אַלטע שאָלצס און זיי דערוואַרט אַ ביטער צוזאַמענלעבן און אַ נאָך מער דעגענערירטער דור. אויב ווידער גלויבן ווילהעלמ'ען, אַז „יעדער מענש איז אַ נייער מענש" — קאָן מען האָפן, אַז די נייע פאָר זאָל דורך זייער ליבע בייקומען דאָס פאַר'סמ'טע בלוט און זיין גליקלאַך. — הויפּטמאַן אַליין לאָזט די פראַגע אָן אַ קלאָרן ענטפער. ער איז אַ נאַטוראַליסט און ער ווייס, ווי טיף עס ליגן די וואָרצלען פון דער ירושה. אָבער די צווייטע דראַמע ענדיגט זיך נישט אַזוי פינסטער און דריקנדיג פעסימיסטיש, ווי די ערשטע. ביים צושויער לייכט אויף אַ האָפענונג. די שטימונג ווערט באַפרייט.

אַז הויפּטמאַן אַליין איז אין דעם פּרט אָפּטימיסטיש געשטימט, האָט ער באַוויזן מיט 12 יאָר שפּעטער, ווען ער האָט דאָס זעלביגע פּראָבלעם באַהאַנדלט אין דער מיטלאַלטערלאַכער רעליגיעזער לעגענדע „דער אָרעמער היינריך". דער ריטער היינריך איז קראַנק אויף לעפּראַז (צרעת). צוליב זיין עקלהאַפטער קראַנקהייט איז ער פאַרשטויסן פון מענשן, ווי אַן אומריינער. די יונגע נאַאיווע אָטענבע איז פאַרליבט אינ'ם אומגליקלאַכן

ריטער. זי איז אַ רעליגיעז־עקזאַלטירט מיידל און אויך איר ליבע צו היינריכ'ן גרענעצט מיט פאַרגעטערונג. זי איז גרייט צו ליידן און שטאַרבן פאַר אים. זי גלויבט, אַז מען קאָן היילן דעם קראַנקן מיט בלוט פון אַן אומשולדיג מיידל, און זי וויל מיט פרייד געבן איר בלוט. דער ריטער וויל פון אָנהויב דעם בלוטיגן קרבן נישט אָננעמען. אָבער ווען זיין פאַרצווייפלונג דערגייט ביז לעצט און זיין גאַנץ וועזן שרייט: גענעזן ווערן! — וויליגט ער איין. ער וואַרט אין פאַרצימער ביים דאָקטאָר אין סאַלערנאָ; אין צווייטן צימער דאַרף פאָרקומען די בלוטיגע אָפעראַציע. היינריך טאָר אָהין נישט אריין: דער דאָקטאָר האָט עס אים פאַרבאָטן. אָבער אין דער לעצטער מינוט טרעפן אים „די דריי שטראַלן פון גענאָד", ער דערקענט, אַז ער דאַרף דעם קרבן נישט אָננעמען. ער רייסט זיך אריין אין צווייטן צימער, זעט די נאַקעטע אָטעגעבע, וועלכע שטייט אַ געבונדענע און קוקט מיט אַנטציקונג דעם טויט אין די אויגן. דער ריטער הילט זי איין אין זיין מאַנטל, אַנטלויפט מיט איר. און אַ נס איז געשען: דער ריטער איז גענעזן געוואָרן, נישט פון קרבן־בלוט, נאָר פונ'ם כח פון דער גרויסער ליבע, וואָס ער האָט געזען. די דראַמע איז אויסגעהאַלטן אין טאָן פון אַ רעליגיעזער לעגענדע. דאָס איז אַ וואונדערבאַר־פּרעכטיג מעשה'לע וועגן דער גרויסער ליבע, וואָס איז גרייט אויף אַלע קרבנות, וועגן דער ליבע, וואָס איז אַליין אַ וואונדער און שאַפט וואונדער, ריייניגט, לייטערט און דערלייזט. „דער אָרעמער היינריך" איז די צערט־לאַכסטע מיסטעריע אין דער מאָדערנער ליטעראַטור.

3.

אין יאַנואַר 1891 איז צום ערשטן מאָל אויפגעפירט גע־וואָרן הויפּטמאַנ'ס דריטע דראַמע „איינזאַמע מענשן". דאָ איז די לופט ריינער; אָן אַלקאָהאָליזם, אָן פאַרפאָלגונגס־משוגעת. די הויפּט־פיגור איז נערוועז, מיט אַ שוואַכן כאַראַקטער, אָבער בשום אופן נישט דעגענערירט, אָן ירושה־פעלערן. אויב אין דער ערשטער דראַמע האָבן מיר געהאַט צו טאָן מיט אונטער־מענשן און אין דער צווייטער מיט אויך־מיר־מענשן, זעען מיר

אין דער דריטער פאַר זיך פולע מענשן. אין דער דראַמע איז נישטאָ קיין שטאַרקע אויסערלאַכע האַנדלונג. זי איז צווישן הויפּטמאַנ'ס דראַמעס די שטילסטע, די אינטימסטע, און אייניגע קריטיקער געפינען, אַז די צאַרטע אינערלאַכע איבערלעבונגען פון יאָהאַן באַקעראַט וואָלטן זיך קינסטלעריש בעסער געלאָזט אויסלעבן אין אַ נאָוועלע, ווי אין אַ דראַמע.

דער יונגער געלערנטער יאָהאַן באַקעראַט איז אַן איינזאַמער מענש. ער צעגייט זיך מיט זיינע חברים און פריינט. דער איינציגער יוגנט־פריינד, מיט וועלכן ער האָט נאָך נישט צע־ריסן, דער מאָלער ברוין, האָט אים ליב, אַלס מענש, און פאַר־שטייט אים נישט, אַלס געלערנטן. באַקעראַט איז איינזאַם אין זיין אייגענער פאַמיליע, צווישן זיינע נאָענטסטע. זיינע עלטערן, אויסגעצייכנטע מענשן פון אַלטן שניט, האָבן אים ליב, אָבער זיי איז פרעמד זיין פרייער גייסט, זיי פאַרדריסט, וואָס ער איז אָפּגעפאַלן פון אַלטן גלויבן. זיי פאָדערן, ער זאָל נישט אַנדערש טויפן זיין נייגעבוירן קינד, און ער איז צו שוואַך צו קעמפן, ער גיט זיך אונטער. זיין פרוי קעטע איז אַ גוט ווייב, אָבער נישט קיין חבר פאַר אים. יאָהאַן האָט זי ליב, אָבער ער קאָן מיט איר נישט טיילן זיינע העכערע געדאַנקען, שטרעבונגען און שטימונגען. און דאָ אַנטוויקלט זיך אַ מעשה פון איין מאַן צווישן צוויי פרויען, אַ טעמע, צו וועלכער הויפּטמאַן קערט זיך נישט איינמאָל אום אין זיינע דראַמען. צו די באַקעראַטס אין מאַיאַנטעק קומט אַ רוסיש מיידל, וואָס שטודירט פילאָזאָפיע אין ציריך, אַנאַ מאַר, אַ גייסטיג־באַדייטנדיגער, פיין־פילנדיגער מענש. יאָהאַן דערפילט גלייך, אַז ביי איר וועט ער געפינען פאַרשטענדעניש און אָנערקענונג פאַר זיין אַרבעט, און ער בעט זי בלייבן. אַנאַ מאַר האָט זיך איינגעלעבט ביי די באַקעראַטס, זי איז געוואָרן באַפריינדעט מיט יאָהאַנ'ס מוטער און פרוי; צווישן איר מיט יאָהאַנ'ען האָט זיך געבילדעט אַן ענגע גייסטיגע פאַר־בינדונג. יאָהאַן לעבט צווישן צוויי פרויען און ער פילט זיך גוט.ביידע זענען אים נויטיג, יעדע פון אַן אַנדער זייט. קעטע איז זיין ווייב, אַנאַ — זיין חבר. אָבער קעטע ליידט. זי וויל האָבן דעם מאַן אינגאַנצן; זי איז געפייניגט פון אייפערזוכט.

ביי אנא'ן ווייזט זיך עס נישט ארויס; אָבער מען קאָן דער־קענען, אז זי האָט אויך ליב יאָהאַנ'ען נישט נאָר גייסטיג אליין. זי זאָגט: „די גרעסטע געפאַר שטעקט דאָך אין אונז אליין". אלע ארומיגע זענען אויפגעבראַכט אויף דעם „בונד פון דריי", זיי קאָנען דאָס נישט פארשטיין. די מוטער באקעראַט'ס איז אויפגעבראַכט פון רעליגיעזער זייט; זיין פריינט ברוין — פון מאָראלישער זייט. אנא וויל אוועק. יאָהאַן לאָזט נישט. ער זאָגט: איר ווילט מיר איינרעדן קאָנפליקטן, וועלכע זענען נישטאָ. דאָס וואָס עס פאַרבינדט מיך מיט אנא'ן, איז נישט דאָס, וואָס פאַרבינדט מיך מיט קעטע'ן... דאָס איז פריינטשאַפט... זייט אנא איז דאָ, בין איך ווי ניי־געבוירן. איך האָב צוריק באַ־קומען מוט און זעלבסט־אַכטונג, איך פיל שאַפונגס־קראַפט... איר און אייער מיינונג האָט מער קיין מאַכט נישט איבער מיר, איך האָב זיך אליין געפונען און וועל זיין איך אליין". אנא בלייבט. אָבער דער דרוק פון דער סביבה ווערט וואָס ווייטער אלץ שטאַרקער. יאָהאַנ'ס מוטער זאָגט אָפּ אנא'ן אין גאַסט־פריינטשאַפט. זי האָט ארויסגערופן דעם אלטן באקעראַט, יאָ־האַנ'ס פאָטער. יענער איז אויפגעבראַכט נעגן זיין זון, וועלכער האָט פארגעסן „ערע און פליכט". צווישן פאָטער און זון קומט פאָר א שאַרפע דערקלערונג, און יאָהאַן גיט נאָך. די סביבה ברעכט אים, יאָהאַן מיט אנא'ן שענקען זיך דעם ערשטן און איינציגן קוש. אנא פאָרט אוועק. פאַר יאָהאַנ'ען איז אלץ געענדיגט. ער איז איבערצייגט, אז אָן אנא'ן קאָן ער נישט לעבן. און די שוואַכקייט, וואָס ער האָט ארויסגעוויזן, נעמט ביי אים אָפּ די אַכטונג צו זיך. ער דערטרינקט זיך אין אָזערע, וואָס נעבן הויז.

יאָהאַן באקעראַט מיט אנא'ן, די נאָענטסטע מענשן, פאַר־שטייען זיך אויך נישט אינגאַנצן. זי איז סאָציאל, ער — אינ־דיווידואַליסטיש, א גייסטיגער אריסטאָקראַט, וועלכער שטעלט זיין וויסנשאַפטלאַכע ארבעט העכער פון אלץ און האָט א באַ־זונדערע הנאה דערפון, וואָס אין זיין דיסערטאַציע פאַרנעמט די רשימה פון די קוועלן גאַנצע 12 זייטן. אנא דערציילט אים פון גאַרשינ'ס „קינסטלער", וועלכער האָט געזען די פיינלאַכע

האַרעוואַניע פון אַ קעסל־אַרבעטער און האָט ביי זיך באַשטימט, אַז כל זמן עס עקזיסטירן אַזעלכע ליידן, איז אַ פאַרברעכן צו טאָן עפּעס אַזוינס, וואָס קאָן די ליידן דירעקט נישט לינ־דערן; ער האָט געוואָרפן די פאַרב מיט׳ן פּענזל און איז געוואָרן אַ פאָלקס־לערער. באַקעראַט׳ס חבר, דער מאָלער ברוין, פאַר־טראַכט זיך איבער גאַרשינ׳ס דערציילונג און ער קומט צו דער איבערצייגונג, אַז עס זענען פאַראַנען וויכטיגערע זאַכן, ווי ביל־דער און דיסערטאַציעס. יאָהאַן קאָן דאָס נישט פאַרשטיין, ער קאָן נישט באַגרייפן, פאַרוואָס אַ שול־לערער איז ניצלאַכער פאַר אַ געלערנטן. שאַרף אַוועקגעשטעלט דאָס אינדיווידועלע געגן סאָציאַלן האָט דאָ הויפּטמאַן נישט. גאַרשינ׳ס „קינסט־לער״ איז צו שמאָל און איינזייטיג, און יאָהאַן באַקעראַט איז צו שוואַך און וויים אַליין נישט קלאָר, וואָס ער וויל.

די „איינזאַמע מענשן״ זענען געשריבן אונטער אַ שטאַרקן איינפלוס פון איבסענ׳ס „ראָסמערסהאָלם״. די דראַמע איז פריי פון אַזעלכע נאַטוראַליסטישע שילדערונגען ווי אין „פאַר זונ־אויפגאַנג״. די כאַראַקטעריסטיק פון די פיגורן איז אויסער־געוויינלאַך פיין. די דראַמע איז אָבער אָרוים ווענינער געפּרעסט ווי „דער יום־טוב פון פרידן״. פאַראַן עפּיזאָדישע פיגורן (די וועשן, די אַם, לעמאַן), וועלכע מאַכן די האַנדלונג עטוואָס צע־צויגן. די סצענע בלייבט אָפט לעדיג.

4.

נאָך דער פאַמיליען־דראַמע „איינזאַמע מענשן״ קומט די סאָציאַלע דראַמע, „די וועבער״, וואָס האָט הויפּטמאַנ׳ען פאַר־שאַפט אַ וועלט־נאָמען; ער דרוקט זי פריער אין פאָלקס־דיאַ־לעקט: „די וואַבער״, און גלייך נאָכדעם אין הויך־דייטש.

די טעמע פון דער דאָזיגער דראַמע איז דער סטיכישער אויפשטאַנד פון די שלעזישע וועבער אין 1844. אין יענע צייטן זיינען אין שלעזיען איינגעפירט געוואָרן מאַשינען מיט מעכאַנישער קראַפט — טויטע קאָנקורענטן פון לעבעדיגע אַרבעטער. יעדע נייע פאַבריק מיט טויזנט אַרבעטער האָט גע־בראַכט צום טאָרבע 10 טויזנט אַרבעטער פון האַנט־שטולן. אויס־

נוצנדיג די גרויסע ארבעטספֿעזיגקייט, און אויך צוליב דער קאָנ־קורענץ פון ענגלאַנד, האָבן די אונטערנעמער שטאַרק אַרונטער־געדריקט דעם לוין פון די האַנט־וועבער און שפינער. פאַר אַ שטיקל לייוונט, איבער וועלכן מען האָט געאַרבעט 5—6 וואָכן צו 16 שעה אַ טאָג, האָט מען פריער באַקומען 10 טאַלער, איצט נאָר 6. און דער דאָזיגער גראָשענער לוין איז נאָך קלענער געוואָרן דורך אַלערליי שטייערן און אָפּצאָלונגען. די נויט פון די וועבער איז דערגאַנגען ביז דער העכסטער מדרגה. מען האָט וועגן דעם אָפט געשריבן אין די צייטונגען; עס האָבן זיך גע־בילדעט פילאַנטראָפּישע הילפס־קאָמיסיעס, און די נויט איז אַלץ געוואַקסן. די באַציאונג פון די פאַבריקאַנטן איז געווען אַ ציניש. די אַרבעטער האָבן קיין ברויט נישט? „זאָלן זיי עסן גראָז"... פאַרבעסערן די לאַגע פון די וועבער? „מיר קאָנען זיך נישט באַאומרואיגן צוליב יעטווידן לומפּ"... ביי די אַרבעטער האָט אָנגעהויבן פּלאַצן דאָס געדולד. עס האָבן זיך באַוויזן היימישע אַגיטאַטאָרן, אַקטיווע נאַטורן פון דער מאַסע גופא. זיי האָבן נישט געהאַט קיין באַשטימטן אידעאַל, קיין שום קלאָרן פּלאַן. זיי האָבן אָבער אויסגעדריקט דאָס אַלגעמיינע געפיל: ווייטער אַזוי גיין קאָן עס נישט... אַלץ איינס, זיצן ביים וועב־שטול, אָדער דערטרינקען זיך אין קאַנאַל... עס מוז ווערן אַנדערש... ביי די וועבער איז געוואָרן פּאָפּולער דאָס ליד „דער בלוטיגער משפט אין פּעטערסוואַלדאַו". קיינער האָט נישט געוואוסט, ווער עס האָט דאָס ליד פאַרפאַסט, אָבער אין יעדן וועבער־דאָרף האָט מען צוגעגעבן נייע קופּלעטן, אַריינ־געשטעלט דעם נאָמען פון דעם באַזונדערס פאַרהאַסטן פאַברי־קאַנט, אָנגעוואונקען אויף פאַקטן, וואָס האָבן באַזונדערס אויפ־גערעגט די אָרטיגע וועבער. דאָס ליד האָט מען געזונגען אין אַלע גאַסן, מ'האָט עס צעקלעפּט אויף די פאַבריקן, געזונגען אונטער די פענסטער פון די פאַבריקאַנטן צוואַנציגער, וועלכע האָבן געהאַט אַ שם מיט זייער אַכזריות. (איינעם פון זיי האָט הויפּטמאַן אַרויסגעפירט אין זיין דראַמע אונטער'ן נאָמען דריי־סיגער). די פאַבריקאַנטן האָבן געלאָזט כאַפּן איינעם פון די זינגער; מ'האָט אים אַריינגעפירט צום פאַבריקאַנט אין שטוב,

געשלאָגן מכות רצח און איבערגעגעבן דער פּאָליציי. דאָס איז געווען דער פּונקט, וואָס האָט אָנגעצונדן די פּאַס פּולווער. דעם 4טן יולי, 1844, האָט אַ גרויסע מאַסע וועבער זיך געוואָרפן אויף די הייזער פון די פאַבריקאַנטן, פאַרניכטעט מעבל, סחורה, דאָקומענטן. איבערהויפּט האָט די מאַסע אויסגעלאָזן איר ביטער האַרץ צו די נייע מאַשינען, אין וועלכע זי האָט געזען די בלוטיגסטע שונאים. מען האָט געבראָכן די מאַשינען, געמאַכט אַ תל פון די פאַבריקן. דער אויפשטאַנד איז דערשטיקט געוואָרן דורך מיליטער. די אַרבעטער האָבן געקעמפט מיט דער גרעסטער פאַרצווייפלונג, זיך געוואָרפן מיט העק און שטיינער אויף די סאָלדאַטן. און דער סוף: עלף טויטע, עטלאַכע און צוואַנציג פאַרוואונדעטע, און אַלץ איז געבליבן ווי געווען.

הויפּטמאַנ׳ס זיידע איז אין דער יוגנט געווען אַ שלעזישער וועבער. די גאַנצע געשיכטע פון דעם וועבער־אויפשטאַנד איז געווען לעבעדיג אין הויפּטמאַנ׳ס משפּחה, און, אַלס קינד, האָט זי גערהאַרד נישט איינמאָל געהערט דערציילן פון זיין פאָטער. איידער הויפּטמאַן האָט אָנגעשריבן זיין דראַמע, האָט ער, לויט זאָלאַ׳ס נאַטוראַליסטישן רעצעפּט, אַ לאַנגע צייט געזאַמלט מאַטעריאַלן; געפאָרן אויף דעם אָרט פון די געשעעניש, צונויפגעקליבן די שפּורן, וואָס דער אויפשטאַנד האָט איבערגעלאָזן אין זכרון פון די פאָלקס־מאַסן; שטודירט צייטונגען פון יענער צייט, אָפיציעלע דאָקומענטן, אויך ווויסנשאַפטלאַכע ווערק וועגן דער לאַגע פון די שלעזישע וועבער און זייער אויפשטאַנד. און הגם הויפּטמאַנ׳ס דראַמע איז נישט קיין פּראָטאָקאָל, נאָר אַ קונסט־שאַפונג, איז זי דורכויס טריי די געשעענישן. די דראַמע איז אַ נאַטוראַליסטישע, דער העכסטער שפּיץ, צו וועלכן דער נאַטוראַליזם האָט דערגרייכט. יעדעס וואָרט, יעדע פראַזע און יעדע באַוועגונג — אַלץ איז אמת, עכט, אָן סענטימענטאַליטעט, אָן איבערטרייבונג. און גראָד די איינפאַכקייט פון דער שילדערונג מאַכט דעם גרעסטן רושם, גראָד די איינפאַכקייט איז דורכגעדרונגען מיט׳ן העכסטן פּאַטאָס. און וויפיל איינצלמאַלעריי! דער קלענסטער שטריך איז נישט דורכגעלאָזן און

קיין שטריך איז נישט איבעריג, נישט געמאָלט אַליין פאַר זיך; אַלץ איז נויטיג פאַר׳ן גאַנצן בילד.

דער פּאַן פון די „וועבער" איז די נויט, וועלכע איז געשילדערט אַזוי בולט, אַז איר באַקומט דעם איינדרוק פון אַ לעבעדיגער חיה, וואָס פילט אָן די לופט, אַ מין ריזיקער שפּין, וואָס פאַרפלעכט אַלץ און אַלעמען אין זיין נעץ. דער דייטשער ראָמאַניסט פרידריך שפּילהאַגן געפינט אַפילו, אַז די נויט איז די הויפּט־פיגור פון הויפּטמאַנ׳ס דראַמע. צווישן די עטלאַכע און פערציג לעבעדיגע פּערזאָנען, וואָס שפּילן אין די „וועבער" אַ רייידנדיגע ראָלע, איז נישטאָ קיין איינציגע, וועמען איר זאָלט קאָנען אָנרופן הויפּט־פיגור. דער העלד פון די „וועבער" איז די גאַנצע מאַסע, סיי די, וואָס איר הערט ריידן, סיי די, וואָס איר זעט נאָר אירע באַוועגונגען, גרימאַסן און זשעסטן, סיי די, וואָס איר באַמערקט אין פּערספּעקטיוו, אַלס פאָן. עס וועט זיין נישט אמת צו זאָגן, אַז ביי הויפּטמאַנ׳ען האָבן אַלע וועבער איין פּנים. ניין, זיי זיינען ביי אים אינדיווידואַליזירט. יעדע פּערזאָן איז אַ מענש מיט אַ באַזונדער פיזיאָגנאָמיע, און דאָך פילט איר שטאַרקער ווי אַלץ, נישט דאָס, וואָס טיילט אָפּ, נאָר דאָס, וואָס פאַראייניגט, און זיי זיינען פאַר אייך נאָר זעמדעלאַך פון איין זאַמד; איר זעט בחוש די נשמה פון דער מאַסע, ווי זי צינדט זיך אָן און פלאַקערט אויף, איר פילט די גוואַלדיגע דינאַמיק פונ׳ם אויפשטאַנד, זיין אָנוואַקסן, זיין שטייגן. אָקאָרשט איז עס נאָך געווען אַ מאַסע נידערגעשלאָגענע קנעכט, וואָס קאָנען חנפ׳ענען און בעטן זייער לוין, ווי אַ נדבה. אָקאָרשט האָבן זיי אויסגעזען „ווי מענשן, וואָס שטייען פאַר׳ן משפּט און וואַרטן מיט פיינלאַכער אָנשטרענגונג אויף זייער אורטייל", ווי מענשן, וואָס ווייסן אַליין, אַז מען קאָן זיי נאָר ווי עס איז אַריבערטראָגן, און זיי האַלטן זיך אַזוי, אַז מען זאָל זיי וואָס ווייניגער באַמערקן. מיט אַמאָל דערוועקט זיך אין זיי דער צאָרן. ער וואַקסט, גייט אַרויס פון די גרענעצן, און די מאַסע ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ וואולקאַן, און טוט אויף אַזעלכע מעשים, וואָס נעכטן וואָלט נאָך קיין איינציקער וועבער נישט געגלויבט, אַז דאָס איז מעגלאַך.

דער וועבער־אויפשטאנד איז געשען אין 1844. הויפטמאנ'ס טעמע איז א היסטארישע. די באדינגונגען פון קלאסן־קאמף צווישן קאפיטאל און ארבעט זיינען היינט גאר אנדערע. דער ארבעטער־קלאס איז אויסגעוואקסן, ער האט באקומען אן איי־דעאל; ער קעמפט פלאנמעסיק און ארגאניזירט. און דאך איז פאר אונז די וועבער־דראמע נישט קיין קאפיטל געשיכטע, נאר א לעבעדיגע דראמע פון אונזער היינט. ווייל הויפטמאן האט זיך דערגרונטעוועט טיפער פון די באדינגונגען, וואס בייטן זיך, און ער האט אונז געוויזן דעם עלעמענטארן תהום צווישן ארבעט און קאפיטאל, וועלכער בלייבט ביי אלע באדינגונגען; ער האט אונז געוויזן אין איר גאנצער מאכט די עלעמענטארע קלאסן־פסיכאלאגיע, וועלכע איז דער אונטערגרונט פון דעם ענ־טוזיאזם, וואס דער פראלעטאריאט וויזט שטענדיג ארויס אין די שענסטע מאמענטן פון זיין קאמף.

די „וועבער" איז ארויס פון דרוק אין יאר 1892. אבער די צענזור האט זי פארבאטן צו שטעלן אויף דער סצענע. דער פאראיין „פרייע בינע" האט זי אויפגעפירט פאר זיינע מיטגלי־דער אין פעברואר 1893, עפענטלאך אויפפירן האט מען זי דערלויבט ערשט אין סעפטעמבער 1894, און דאס נאר אין בערלין. אין פארשידענע פראווינץ־שטעט האט מען זי נישט איינמאל שפעטער אויך פארבאטן. דערפאר וואס מען האט אויפגעפירט די דראמע אין בערלינער „דייטשן טעאטער", האט קייזער ווילהעלם זיך אפגעזאגט פון דער שטענדיגער לאזשע, וואס ער האט דארטן געהאט. דער מיניסטער פאן קעלער האט אין פארלאמענט געהאלטן א רעדע געגן הויפטמאנ'ס דראמע. פון 1894 ביז 1897 האט די דראמע אויסגעהאלטן העכער 200 פארשטעלונגען נאר אין „דייטשן טעאטער" אליין. זי איז אין דער זעלבער צייט געשטעלט געווארן אין א סך אנדערע טעא־טערן אויך. די „וועבער" איז איבערגעזעצט אויף אלע איי־ראפעאישע שפראכן (פאראן אויך א אידישע איבערזעצונג). זי איז אויפגעפירט געווארן אין דאס רוב אייראפעאישע לענדער, און זי איז נאך היינט אויך פון דער סצענע ניט אראפ. אין די 90־גער יארן, בעת דער „בונד" האט אנגעהויבן זיין טעטיגקייט

צווישן די אידישע אַרבעטער, האָט מען אין ווילנע, מינסק, ביאַ־ליסטאָק אויפגעפירט די „וועבער" אומלעגאַל. פסח 1897 איז אין ווילנע „דורכגעפאַלן" אַ אומלעגאַלע פאָרשטעלונג פון די „וועבער" און אַ סך מענשן זיינען דערביי אַרעסטירט גע־וואָרן. נאָך 1905 איז די פּיעסע אַ סך מאָל געשפּילט געוואָרן לעגאַל דורך אַרבעטער־אַמאַטאָרן. די „וועבער" איז נאָך עד היום געבליבן די בעסטע דראַמע פון מאַסן־קאַמף און מאַסן־פּסיכאָלאָ־גיע אין דער נייער אייראָפּעאישער ליטעראַטור.

קִנוֹת הָאֲסוֹן

1

דער נאָמען קנוט האַמסון איז דעם אידישן לעזער נישט פרעמד. מיר האָבן שוין לאַנג אין אידיש זיין „הונגער", „וויקטאָריאַ", „פּאַן", „מיסטעריען", „דער רעדאַקטאָר". איצט האָט דער פאַרלאַג „קולטור־ליגע" אַרויסגעגעבן „די ברכה פון דער ערד", אַ ראָמאַן, פאַר וועלכן האַמסון איז געקרוינט געוואָרן מיט דער נאָבל־פּרעמיע. האַמסון איז איינער פון די אָריגינעלסטע וואָרט־קינסטלער פון אונזער דור. זיינע ווערק זיינען איבערגעזעצט אויף אַ פּאָר צענדליג שפּראַכן. זיין השפּעה איז גרויס אויף דער מאָדערנער בעלעטריסטיק פון גאָר דער וועלט; ער האָט אויך געהאַט אַ השפּעה אויף דער אידישער בעלעטריסטיק, אויף דוד בערגעלסאָן און אויף די אינגערע. יויל איך פּרואוון געבן אַ קורצע אָפּשאַצונג פון זיין שעפערישער פּערזענלאַכקייט.

קנוט האַמסון — זיין אמת'ער נאָמען איז פּעדערסען — איז געבוירן אין אויגוסט, 1860, אין נאָרוועגיען. די נאַטור אין יענעם לאַנד איז געבענשט מאַט אַ ווילדער שיינקייט; פיאָרדן, פעלזן, ווייסע נעכט, צפון ליכט. די נאַטור איז שיין, אָבער רוי און האַרט; יעדער שפּאַן ערד, וואָס ווערט אָפּגענומען פון דער סטיכיע, קאָסט די גרעסטע אָנשטרענגונג. זייענען דאָרטן אויסגעוואַקסן מענשן ענערגישע, פאַר'עקשנ'טע, וואָס קאָנען זיך שטעלן צילן און גיין צו זיי מיט שווערע, איינגעשפּאַרטע טריט. נאָרוועגיען איז נאָך אַ לאַנד פון פויערים און פישער; דאָס לעבן איז פּרימיטיוו, נאָענט צו דער נאַטור. אָבער אין די שטעדט און אין די ערטער, וואָס ביים ים, איז שוין אַריינגעדרונגען דער מאָדערנער קאַפּיטאַל. עס קומען צו פאָרן ענגלענדער און אַמעריקאַנער, טוריסטן און אונטערנע־

מער. עס וואַקסט אויס אַן אייגענער יונגער קאַפּיטאַל. און עס ברעכן זיך די אַלטע יסודות פון לעבן. ערטערווייז ציט זיך שוין אין דער הויך דער פאַבריק־קוימען, וואָס וויל איבערוואַקסן די פעלזן; דער סוחר פאַרפלעכט אין זיין נעץ דעם נאַטור־מענש; די פאַריזער מאָדע מאַכט זיך אַ נעסט ביי די פיאָרדן.

אין נאָרוועגן הערשט דעמאָקראַטיע; זי גלייכט אויס, ני־ווועלירט. אָבער אין די איינוואוינער פון לאַנד לעבט נאָך דאָס אַלטע בלוט פון די אַמאָליגע ים־גזלנים, פון די העלדיש־אַוואַנ־טוריסטישע וויקינגען; אין דער נשמה פון די נאָרוועגער איז נאָך פאַראַן עטוואָס פון די פעלזן פון זייער פאָטערלאַנד, אַזוי הויך און האַרט און אַזוי איינזאַם. פאַראַן שוין אין נאָר־וועגן אַ קלאַסן־צוטיילונג, אָבער זי איז נאָך קנאַפּ דיפערענצירט, ניט גענוג שאַרף, און אַ פּויאַיגער מענש, וואָס פאַרמאָגט ענער־גיע, האָט נאָך אַ סך מעגלאַכקייטן זיך אַרויפצואַרבעטן; דאָרטן קאָן זיך נאָך טרעפן, אָפטער ווי אַנדערשוואו, אַז אַ פּויער׳ס אַ זון זאָל דערגרייכן די העכסטע הויך פון׳ם געזעלשאַפטלאַכן לייטער...

דאָס אַלץ האָט געשאַפן אין נאָרוועגן אַ זעלטענעם געמיש פון נאַטור און ציוויליזאַציע, פון אַלטע יסודות און נייע שטרע־בונגען, פון אייגענער שוואַרץ־ערד און מאָדערנעם אייראָפּעאישען אַקער־אייזן. דער יונגער פּעדערסען, וואָס שלעפּט אַ טאַטשקע קוילן און טראָגט ברילן אויף דער נאָז, איז אפשר אַ סימבאָל פון דער צווייאַיגקייט, וואָס הערשט אין נאָרוועגן, פון דער צוויי־איגקייט, וואָס הערשט אין האַמסונ׳ס נשמה גופא.

אָבער דאָס דאָזיגע אָריגינעלע געמיש איז זייער פּרוכטבער. און דאָס קליינע נאָרוועגן האָט געגעבן אַ רייע געוואָגטע רייזענ־דע פּאָל־זוכער, וואָס פאַרכאַפּן אונזער פאַנטאַזיע, ווי פרידטיאָף נאַנסען און אַמונדסען, אַ רייע וואָרט־קינסטלער, וואָס האָבן באַצוואונגען די מוחות פון אייראָפּאַ, ווי ביערנסאָן, איבסען און האַמסון.

האַמסון איז אַ זון פון׳ם פאָלק. זיינע עלטערן זיינען געווען אָרימע פּויערים. נאָך זייענדיג אַ יונג קינד, איז ער אַריבער צו זיין פעטער, אַ גלח אין דער פּראָווינץ נאָרד־לאַנד, וואָס האָט

קונה שם געווען מיט איר ווילדער מלכות׳דיגער נאַטור. דאָס לעבען אין גלח׳ס הויז איז ניט ווייט אַוועק פון די אַרומיגע פויערים. דאָך איז עס געווען אַ קולטור־אינזל אין אַ ים פון פּרימיטיווקייט. קיין רעגעלמעסיגע ערציאונג האָט האַמסון ניט באַקומען; ער איז געווען אַ זעלבסט־לערנער, ווי מאַקסים גאָרקי. מער ווי אַלץ האָבן אים ערצויגן די נאַטור און זיין אייגענע איינזאַמקייט. האַמסון אַליין שרייבט וועגן יענע יאָרן אַזוי: „דאָס איז געווען פאַר מיר אַ שווערע צייט. אַ סך אַרבעט, אַ סך קלעפּ און נאָר זעלטן ווען אַ פרייע שעה פאַר שפּיל און רו. דער פעטער איז צו מיר געווען זייער שטרענג. ביסלאַכווייז איז מיר איבערגעבליבן נאָר איין פאַרגעניגן: איך פלעג שטי־לערהייט אַוועק פון דער היים, קלייבן נחת פון מיין איינזאַמ־קייט. איז מיר אַמאָל אויסגעפאַלן אַ פרייע מינוט, בין איך גע־גאַנגען אין וואַלד אָדער אויפ׳ן בית־עולם, וואו איך האָב גע־בלאָנדזשעט צווישן די צלמים און מצבות, גע׳חלום׳ט, געטראַכט, גערעדט הויך צו זיך אַליין״.

צו 17 יאָר איז האַמסון אָנגעקומען צו אַ שוסטער אין אַ קליין פישער־שטעטל ביים ים. שטילערהייט האָט ער שוין דע־מאָלט געשריבן, אפילו עפּעס געדרוקט. אָבער דאָס איז געווען רוי, קינדיש און האָט קיין שום ערפאָלג ניט געהאַט. די שוס־טעריי דערעסט אים און ער ווערט אַ שוואַרצער אַרבעטער אין האַפן, שלעפּט קוילן אויף די שיפן. דערנאָך וואַרפט ער אַוועק דאָס שטעטל און לאָזט זיך וואַנדערעווען. די וואַנדער־יאָרן זיי־נען געווען האַמסונ׳ס אוניווערסיטעט. וואָס האָט ער אין יענע יאָרן ניט דורכגעמאַכט! וויפיל געליטן, אָבער וויפיל געלערנט — פונ׳ם לעבן און פון זיינע אייגענע ליידן. עטליכע יאָר וואַלגערט ער זיך איבער דערפער און שטעט פון נאָרוועגן; היינט איז ער אַ לערער אָדער אַ קליינער דאָרפס־באַאַמטער, מאָרגן האַקט ער האָלץ אָדער שטיינער, אַרבעט אויפ׳ן פעלד. ער וויל פאָרן קיין אַמעריקע. קיין געלט האָט ער ניט, ווערט ער אַ הייצער אויף אַ שיף און אַזוי אַרום כאַפּט ער זיך אַריבער דעם אָקעאַן. אין אַמעריקע ווידער אַלערליי באַשעפטיגונגען, פון גראָ־בער פיזישער אַרבעט ביז אַ פּרואוו צו ווערן אַ גלח ביי אוניאַטן.

אין 1885 קומט ער קיין קריסטיאַניאַ, די הויפּט־שטאָט פון נאָרוועגן. איצט איז ער שוין זיכער אויף זיין באַרוף: ער מוז ווערן א שרייבער. ער זיצט אָפּ גאַנצע נעכט מיט דער פעדער אין האַנט, שרייבט און צורייסט. ער וויל ניט אַנדערש באַשאַפן אַ נייעם סטיל, זיין אייגענעם סטיל, וואָס קיין שרייבער פאַר אים האָט אַזעלכן ניט געהאַט. ער דרוקט אָפּ 2-3 הומאָרעסקעס, אַן ערציילונג, אַ פּאָר אַרטיקלען — נאָך אַלץ ניט געלונגען. ער לייענט לעקציעס איבער דער סקאַנדינאַווישער ליטעראַטור — אָן ערפאָלג. ער ליידט הונגער, נויט. פאָרט ער אין הערבסט, 1886, נאָכאַמאָל קיין אַמעריקע. און ווידער אַלערליי באַשעפטיגונגען: אַ לאַנד אַרבעטער אין די פּריירים, אַן ערד־אַרבעטער אין דאַקאָטאַ, אַ קאָנדוקטאָר אויפ'ן פערד־טראַמוויי אין שיקאַגאָ, אַ לעקטאָר אין מינעאַפּאָלים, אַ פישער אין ניו־פאַונדלענד. עס גייט אים ניט אין דער אַרבעט. ער איז געזונט און פייאיג, אָבער ער פאַר'חלומ'ט זיך אָפּט, טראָגט זיך אַוועק אין זיין פאַנטאַזיע אויף טויזנטער מיילן ווייט. שיט ער אויס די טאַטשקע ערד ניט וואו מ'בדאַרף, פאַרגעסט ער אויפ'ן טראַמוויי אויסצושרייען די גאַסן, אָדער ער רופט אויס ניט די גאַסן, וואָס מ'פאָרט פאַרביי. די אַמעריקאַנער קולטור איז אים אויך ניט צום האַרצן. זי זעט אים אויס שרייענדיג, פּוסט, אָן גייסט. פאַרלאָזט ער אַמעריקע און קומט קיין קאָפּענהאַגן, די הויפּט שטאָט פון דענעמאַרק.

אין אָקטאָבער פונ'ם זעלביגן יאָר זיינען אינ'ם קאָפּענהאַגענער זשורנאַל „ניי־ערד" אָן דעם נאָמען פון מחבר געווען אָפּגעדרוקט אַ פּאָר קאַפּיטלען פון אַ גרויסער ערציילונג, „הונגער". עס איז געווען בולט, שטאַרק, פריש און אָריגינעל און האָט צוגעצויגן די אַלגעמיינע אויפמערקזאַמקייט. אין אַ פּאָר חדשים אַרום איז די גאַנצע ערציילונג „הונגער" אַרויס אין אַ באַזונדער בוך. אין 1889 איז אַרויס — שוין אונטערגעשריבן מיט'ן פולן נאָמען פונ'ם מחבר — „דאָס גייסטיגע לעבן אין אַמעריקע", אַ בוך, וואָס האָט געמאַכט אַ רושם. געאָרג בראַנדעס האָט עס שטאַרק געלויבט און האָט געענדיגט זיין קריטיק אַזוי: „איר זעט פאַר זיך אַ נייעם אויסגעצייכנטן נאַר־

וועגישן פּראָזע־שרייבער, וועלכער דענקט זעלבסטשטענדיג, וויל עפּעס, איז פּייאָניר אויף עפּעס, איז שוין עפּעס און וועט ווערן נאָך מער."

דער באַוואוסטער דענישער קריטיקער האָט קיין טעות ניט געהאַט. האַמסון איז געוואָרן אַ סך מער ווי עפּעס. זיין טאַלאַנט צובליט זיך. ער קריגט אַ נאָמען אין אייראָפּע און אין אַמעריקע. האַמסון איז שוין ניט דער שרייבער פון נאָרוועגן, נאָר פון גאָר דער מאָדערנער וועלט.

זיין אומרואיגער גייסט האָט אים נאָך לאַנג ניט געלאָזן זיצן אויף איין אָרט. ער פאָרט קיין דייטשלאַנד, פראַנקרייך, פינלאַנד, קאַווקאַז, פּערסיען, טערקיי. די לעצטע יאָרן וואוינט ער אין אַ קליין פאַרוואָרפן שטעטל ערגעץ אין אַן עק אין נאָרדלאַנד, איינגעשלאָסן אין זיך, דערווייטערט פון דער עפנטלאַכקייט. דאָרט שאַפט ער זיינע ווערק. דאָרט אַרבעט ער אויך סטאָלעריי — אויף אַ וואַרשטאַט, וואָס שטייט ניט ווייט פון'ם שרייב־טיש, און אַז עם טרעפט אַמאָל, ער נעמט אויף אַ באַזוכער — רעדט ער מיט אים וועגן די מעבל, וואָס ער מייסטרעוועט, אַ סך מער, ווי וועגן די ביכער, וואָס ער שרייבט.

2

וואָס איז האַמסון ? אין וואָס בשאַטייט דער איינגעבוירענער מהות זיינער, וואָס די סביבה, די ליידן און נסיונות פון לעבן האָבן נאָר געקאָנט אַרומפּיילן, פאַרהאַרטעווען און פאַרפיינערן ?

האַמסון'ס נשמה איז אַן אינסטרומענט פון דער פיינסטער פילבאַרקייט. ער פאַרמאָגט אַזוי ווי אַ זעקסטן חוש צו פילן דעם אינוויינינגסטן תוך פון אַ מענשן הינטער די קלאַנגען פון זיין שטים, מיט איין קוק אַריינצודרינגען אין דער נשמה ביז'ן דעק. ער איז דאָרשטיג נאָך איינדרוקן, און אויף יעדער באַרירונג פון נאַטור און מענש — אויף פאַרבן, ריחות, בלומען, בליקן, שמייכלען — רופט זיך האַמסון'ס נשמה אָפּ ליריש, מוזיקאַליש.

האַמסונ'ס געמיט איז שטענדיג פייערלאַך, געהויבן, שטענדיג

ווי א שאמפאניער־שטימונג. ער איז פארליבט אינ׳ם לעבן, אפילו אין זיינע ליידן. עס איז אינטערעסאנט צו לעבן אויף דער וועלט, צו זיין א קליין שפענדעלע אינ׳ם גיגאנטישן שפיל פון די לעבנס־כוואליעס. עס איז א פרייד זיך אויפצוהויבן אויפ׳ן שפיץ פון דער כוואליע! עס איז א פרייד מיט א קאפ־שווינדלדיגער גיכקייט אראפצופאלן אין תהום. האמסון איז אפטימיסטיש. ניט ווייל ער זעט ניט די שטיינער אויפ׳ן וועג פונ׳ם לעבן, נאר ווייל ער האלט פאר א פארגעניגן צו קעמפן מיט זיי, ער האט ליב די אנשטרענגונג, וואס איז דערצו נויטיג. און נאכמער דערפאר, וואס ער קאן זיך אויפהויבן איבער די צרות אין דער וועלט פון זיינע חלומות. ער ליידט די שרעקלאכ־סטע יסורים פון הונגער. ער קריגט ביי א קצב א ביין, כלומר׳שט פאר זיין הונט, אין דער אמת׳ן פאר זיך אליין צו גריזשן. ער בייסט איין א פינגער און זויגט זיין אייגן בלוט. די האר פאלן ביי אים ארויס און אין דער פרי, בעת ער וואשט זיך, איז די שיסל פון מיט שווארצע האר; אפט פילט ער, ווי זיין מוח ווערט פאראליזירט. מיט אמאל פאלט אים אין קאפ אריין א פלאן פון א ראמאן אדער פון א דראמע, און ער ברענט אינ־גאנצן פון שעפערישער פריידיגער אויפרעגונג; אדער אין מיטן פון זיינע געברענטע ליידן שאפט ער זיך א חלום פון א מיידל, וואס ער גיט א נאמען אי־לא־יא־לי, און ער זעטיגט זיך מיט דער באשעפעניש פון זיין פאנטאזיע.

האמסון פארמאגט א טיפן חוש פאר דער נאטור. ער איז פארליבט אין יעדעם גרעזל, אין יעדן שטיין. אין מורמל פונ׳ם טייכל הערט ער דאס רוישן פונ׳ם ים. ער קאן פילן אין זיך דאס בלעטל פון בוים, און אין בלעטל קאן ער זיך פילן. ער קאן זיך צונויפגיסן מיט דער נאטור. דאס איז ניט קיין פילאזאפיש־אבסטראקטער, דאס איז א סטיכייאישער פאנטעאיזם. האמסון, איז, דוכט זיך, גאנץ און דאך פול מיט סתירות. ער פארמאגט אן אור־אלטע אוממיטלבארקייט, א נאאיווע פרישקייט — און א מאדערנע נערוועזע פארפיינערונג, וואס דערגרייכט ביז נעווראס־טעניע. אין זיין נשמה זיינען באהעפט אן איינגעווארצלטער פויער פון פאר הונדערט יארן און אן אומרואיגער, אפגעריסענער

אינטעליגענט פונ'ם צוואַנציגסטן יאָרהונדערט. און אַט די באַ־העפטונג פון סתירות אינטערעסירט אונז באַזונדערס אין האַמ־סונ'ען און מאַכט אים אונז אַזוי נאָענט און ליב.

האַמסון איז זייער סוביעקטיוו. אים אינטערעסירן ניט די מענטשן און די זאַכן, אַלס אַזעלכע, נאָר די איינדרוקן, וואָס ער באַקומט פון זיי. וויכטיגער פון אַלץ איז ביי אים זיין אייגענער „איך" און ניט דער „איך" בכלל — דאָס האַלט ער פאַר אַן אַבסטראַקציע. נאָר דער קאָנקרעטער „איך" פון יעדן געגעבענעם מאָמענט, די לויפנדיגע איינדרוקן פונ'ם אויגנבליק. האַמסון איז סוביעקטיוו. אין אַלע זיינע באַליבטע העלדן שיל־דערט ער זיך. יאָהאַנעס, גלאַן, נאַגעל און אַנדערע — דאָס איז האַמסון אַליין, פאַרשידענע צושטאַנדן פון זיין אייגענער נשמה.

3

האַמסונ'ען האָט זיך איינגעגעבן אויסצושמידן זיין אייגע־נעם סטיל, וואָס שטימט מיט דעם גרונד־טאָן פון זיין וועלט־באַנעם. דאָס איז דער אימפּרעסיאָניזם — אַ סטיל, וואָס האָט זיך פריער באַוויזן אין מאַלעריי, און איז פון דאָרטן, אַ פאַר־ענדערטער, אַריבערגעטראָגן געוואָרן אין דער ליטעראַטור.

אימפּרעסיאָניזם — די קונסט פון איינדרוק — איז אייגנט־לאַך דער זעלבער רעאַליזם, נאָר מער סוביעקטיוו און פּערזענלאַך.

האַמסונ'ס ווערק האָט ניט קיין אַלגעמיינע סכעמע; די קאַפּיטלען זיינען ניט געבויט קאָנסעקווענט איינער אויפ'ן אַנ־דערן. די האַנדלונג איז איבערגעמישט מיט צופעליגע גאַסן־איינדרוקן, מיט שטימונגען, מיינונגען און גריבלענישן, וואָס פילן אין דער מינוט אָן דעם באַוואוסטזיין פונ'ם העלד. אָפט רייסט ער איבער די שילדערונג מיט אַ מעשה'לע, וואָס האָט קיין די־רעקטע שייכות צום ענין ניט. עס טרעפט, אַז צוויי קאַפּיטלען זיינען בלויז מעכאַניש פאַרבונדן דורך אַ פּאָר פּראָזאַאישע שורות. און דאָך זיינען די פילפאַרביגע שטריכן און פלעקן, וואָס ער וואַרפט אָן, ניט אָפּגעריסן פאַנאַנדער. זיי פאַרבינדט

דעם מחבר'ס „איך" — דער צענטער, דער איינציגער העלד, וואָס אינטערעסירט אונז. ווען ער אַליין זאָל ניט זיין קיין רייכע נאַטור, וואָלט אַלץ געבליבן צושאָטן, אָרעם און בלאַס.

האַמסונ'ס שפּראַך איז אָפּגעריסן, אָבער באַוועגלאַך, מו־זיקאַליש. אָפט איז זי שוימענדיג און פּאַר'שיכור'ט. זיין שפּראַך איז אַזוי אינטים, אַז עס מאַכט דעם איינדרוק, ווי ער וואָלט עפּעס דערציילן גאָר אַ נאָענטן מענשן אויג אויף אויג. הינטער די ווערטער פילט איר אַן ענערגישן זשעסט, אַ פאַר־אַכטלאַכן גלאַנץ מיט די אויגן, אַ צאַרטן שמייכל.

ווי אַלע אימפּרעסיאָניסטן, און נאָך מער ווי אַלע, באַציט זיך האַמסון מיט דער טיפסטער ליבע צו דער נאַטור און מיט ווידערווילן און פאַראַכטונג צו די גרויסע שטעט מיט זייער קולטור. דאָס דריקט זיך אויס ניט בלויז אין אינהאַלט, נאָר אויך אין טאָן. צו דער גרויסער שטאָט גייט ער צו מיט אַ טאָן פון בייסענדיגער סאַטירע, און קומט ער צו דער נאַטור, רעדט ער מיט'ן טאָן פון אַ פאַרליבטן, זינגנדיג, פאַרציקט.

די נאַטור — צוגלייך מיט ליבע — איז דאָס שטאַרקסטע, וואָס האַמסון גיט אונז אין זיינע ווערק. אונז אַליין וועט דאָס טייכל ניט זאָגן אַזוי פיל און אַזוי שיין, ווי עס זאָגט האַמסונ'ען; אונזער אויג וועט אין וואַלד ניט זען דאָס אַלץ, וואָס זיין אויג. דורך אים דערפילן מיר די נאַטור נענטער, באַהעפטן מיר זיך מיט איר ענגער, טרייסלען מיר אויף אַ ווײַלע אַראָפּ גאָר דעם שטויב און שימל, וואָס איז אויף אונז אָנגעוואַקסן, און מיר באָדן זיך אָפּ אין פרישקייט. די נאַטור ביי האַמסונ'ען — אַמאָל איז זי ניט מער ווי אַ ראַם פאַר דער האַנדלונג; אַמאָל — דער מוטערלאַכער שויס, וואו זיינע העלדן זוכן רו און אָפּ־פרישונג פון דעם גרויס־שטאָטישן הו־הא און פון זייער אייגע־נער צעבראָכנקייט. אין „פאַן" איז די נאַטור דער הויפּט־העלד פון דער ערציילונג. דאָס איז איין גרויסער הלל לכבוד וואַלד און פעלד. דער יעגער גלאַן בענשט ביימער און שטיינער, גראָזן און בלומען, פויגלען און בינען. ער בענשט די ווינ־טאַלאַך, וואָס בלאָזן אים אין געזיכט. זיין גאַנצער וועזן איז

פול מיט דאנקבארקייט צו זיי אלעמען; ער ווייגט פאר ליבע צו זיי.

אָבער האמסונ׳ס העלדן גייען צו צו דער נאטור, ניט ווי פרימיטיווע נאטור־מענשן. ביי יענע איז די נאטור די שטענדיגע לופט, וועלכע זיי אָטעמען; זיי קאָנען ניט דענקען זיך אויסער איר. דאָס שליסט אוים דעם געפיל פון אָנגסטיגער פארליבטקייט. דער יעגער גלאן איז פריער געוועזן א לייטענאנט. ער האָט נאָך ערגעץ־וואו זיין מיליטערישן אוניפאָרם. ער האָט לאנג געלעבט אין א קולטור־סביבה. צו דער נאטור איז ער געקומען ווי א חתן צו א לאנג־געגארטער כלה; ער האָט זי געפונען, ווי אן אוצר, איבער וועלכן מ׳ציטערט נאָכאנאנד, מ׳זאָל אים ניט פארלירן. דאָס איז די באציאונג פון א מאָדערנעם מענשן, וועלכער קומט צו דער נאטור צו גאסט אויף א ווײַלע. די התפעלות איז גרויס, אָבער די באהעפטונג איז נאָך ניט גענוג שטארק; דאָס איז דערוויל א פארליבטקייט, ניט קיין רואיגע אָבער פעסטע ליבע.

און קנוט האמסון פאסט אויף די נאטור, ווי א בילדער־גאלעריי — אויסער אין „די ברכה פון דער ערד״ — אין ערגעץ ניט ווי א ווארשטאט. ער ווייזט אונז ניט די ארבעט פונ׳ם מענשן איבער דער נאטור, ווי ער רייסט אָפּ שטיקער פון איר רויער שיינקייט פאר זיינע באדערפעניש.

ביי האמסונ׳ען איז די נאטור ניט בלויז א קוואל פון שיינקייט. ער האָט זיך געשאפן א פילאָזאָפיע פון דער נאטור. פון די שטיינערנע שטעט, אין וועלכע אונזער גוף און נשמה ווערן דערדריקט, רופט ער אונז צוריק אין גרינעם וואלד, אין פרייען פעלד. דאָס איז דער זעלביגער נביא׳אישער רוף פון זשאן זשאק רוסאָ, פון לעוו טאָלסטאָי! יעדעס מאָל, ווען די מענשהייט דערפילט שטארק די אומגליקן, וואָס זיינען פארבונדן מיט דער ציוויליזאציע, וועלכע האָט באצוואונגען די נאטור און ניט באפרייט דעם מענשן — הערט זיך אזא נביא׳אישער רוף. אָבער קיין וועג צוריק צו מתושלח׳ן איז ניטאָ... ניט מיר קאָנען עס און ניט מיר ווילן עס. מיר ווילן זיך אומקערן צו דער נאטור מיט די בעסטע רעזולטאטן פון דער קולטור, ניט אָן זיי,

באַרייכערט און ניט פאַראַרימט. ניט נאַטור נעגן קולטור, נאָר א סינטעז, אַ האַרמאָנישע באַהעפטונג פון זיי ביידן. דער דאָזיגער סינטעז קאָן געשאַפן ווערן ניט דורך איינצלנע, וואָס אַנטלויפן אויפ׳ן שוים פון דער נאַטור, נאָר דורך דער אָנגעשטרענגטער אַרבעט און קאַמף אין דער מענשלאַכער געזעלשאַפט. קומען מיר ווידער צו דעם געזעלשאַפטלאַכן קאַמף, פאַר וועלכן האַמסון האָט קיין גוט וואָרט ניט, אויסער ביימנדיגער סאַטירע.

4

אין זיינע יונגע יאָרן איז האַמסונ׳ען אויסגעקומען צו ווערן נאָענט באַקאַנט מיט׳ן דעק פון לעבן. אָבער האַמסון דער קינסטלער איז קיינמאָל נישט געווען פאַרליבט אין די טיפישע „באַרוועסע”, וואָס בלייבן אויפ׳ן דעק, ווי גאָרקי אינ׳ם ערשטן פעריאָד פון זיין שאַפן. ער נעמט נישט גערן קיין טעמעס און העלדן פון יענער סביבה. האַמסונ׳ס אויסדערוויילטע העלדן זיינען ענערגישע, טאַלאַנטירטע מענשן מיט אַ גרויסער לעבנסקראַפט, וואָס מיט זייער ברוסט און פייאיגקייטן האָבן זיי פון דער נידער זיך אויפגעהויבן אין דער הויך. אַזעלכע זיינען — יאָהאַנעס, אַ זון פון אַן אָרעמען מילנער, וועלכער איז געשטאָרבן אַ באַוואוסטער אַנערקענטער פאָעט; דער פאָעט אירגענס און דער רעדאַקטאָר לונגע; דער אָרעמער פישער בענאַני, וועלכער איז געוואָרן אַ שותף פונ׳ם רייכן מאַק; דער טעלעגראַפיסט האָלענדסען, אַ „טרוימער”, וואָס האָט זיך אריינגענומען אין מוח אויסצוגעפינען אַ נייעם אופן, ווי צו קאָכן ביליגן קליי פון פישביינער, און סוף כל סוף האָט ער זיך דערשלאָגן דאָס זייניגע, געוואָרן אַ שותף פונ׳ם רייכסטן פאַבריקאַנט, אַ קונפטיגער חתן פון זיין טאָכטער. און דאָס איז נישט בלויז דערפאַר, ווייל זיי האָט אָפגעגליקט; דאָס איז די פרוכט פון טאַלאַנט, פון שטאַרקן ווילן, וואָס שטעלט זיך נישט אָפ פאַר קיין זאַך, אפילו נישט פאַר שמוץ און פאַרברעכן. און פאַלן זיי, הויבן זיי זיך אויף און קלעטערן ווייטער, ביז זיי רייסן אַרויס ביים מזל זייער גליק. ביי יעדן געלונגענעם שריט פון די דאָזיגע שטרעבער, שיינט האַמסונ׳ס פנים אויף מיט אַ גליקלאַכן שמייכל: דאָס זיינען די

אויסדערוויילטע זין פון זיין נאַרוועגיע, אַ שטיק פון זיין איי־גענער ביאָגראַפיע.

די דאָזיגע העלדן האַמסונ׳ס זיינען אינדיווידואַליסטן. אַליין גייען זיי אַרויס אין פעלד אויף נצחון אָדער מפלה, נישט איינגע־גלידערט אין קיין געזעלשאַפטלאַכן לעבן, נישט באַגייסטערט פון קיין געזעלשאַפטלאַכן אידעאַל; יעדערער נאָר מיט זיך און פאַר זיך; די איבעריגע מענשן זיינען נאָר אַן אַרענע פאַר׳ן שפּיל פון זייערע כחות, אָדער קאָנקורענטן, שטערער, וועמען מ׳דאַרף באַ־זיגן, צווינגען צו ווערן שותּפים. די מאַקס און מאָקס — די ריי־כע שררות פון היינט — דאָס איז דאָס טרעפל, וועלכן די „טרוי־מער" ווילן דערגרייכן.

האַמסונ׳ס שטערבער זיינען אונז פרעמד און דערווידער מיט זייער ענגען, אויסשליסלאַכן „איך", מיט זייערע באַגרע־נעצטע באַגערן און צילן. אָבער זיי ציען אונז צו מיט זייער שטאַרקייט און גאַנצקייט; מיט זייער מונטערער לעבנסקראַפט הויבן זיי דעם פולס פון אונזער אייגענעם לעבן. ווען דו קוקסט אויף אַ מענשן, וואָס שפּריצט מיט לעבן, הויבט דיין פולס אויך אָן צו שלאָגן שטאַרקער. ביים סוף פונ׳ם פאָריגן יאָרהונדערט האָט אין דער וועלט־ליטעראַטור געהערשט אַ נידערגעשלאָגענע, פעסימיסטיש־פאַרצאָגטע שטימונג. האַמסון און גאָרקי האָבן אַריינגעטראָגן אַ פרישע מונטערקייט, אַ געזונטן גלויבן אין די כחות פונ׳ם מענשן; און אין דעם שטעקט מער ווי אַלץ דער סוד פון זייער ערפאָלג.

אָבער ווי פאַרליבט האַמסון איז נישט אין זיינע בענאַנים און ראַלאַנדסענס, מוז ער דאָך איינזעהן, אַז סוף כל סוף גייען זיי אַליין אַוועק און פירן אַוועק נאָרוועגיע פונ׳ם אַלטן נאַטור־לעבן צו דער קולטור פון די שטעט, פון די שטיינערנע בבל׳ס, וואָס קאָנען, לויט זיין מיינונג, געבוירן נאָר האַלבע קנעכט, מיט „אַ פאַנטאַזיע, אויסגעהאָדעוועט אויף האָבער־גריץ". און האַמ־סון מוז אויך איינזען, אַז זיינע שטערבער קעמפן נישט פאַר דער פרייהייט פון זייער פערזענלאַכקייט, נאָר פאַר דעם ערפאָלג; זיי זיינען נישט פון די, וואָס האָבן אויפגעשריבן אויף זייער שילד: זאָל זיין דורכפאַל, זאָל זיין אונטערגאַנג — אַבי זיך

נישט אונטערגעבן, אבי איינהאלטן מיין פערזענלאכקייט אומאפ־הענגיג. ניין. צוליב ערפאלג זיינען זיי גרייט אויף כל־ערליי פשרות. ס'זיינען פאראנען ביי האמסונ'ען העלדן פון אן אנ־דער מין, אינדיווידואליסטן פון א העכערער מדרגה.

דאס איז פריער פאר אלץ גלאן („פאן") — א וואלד־מענש מיט א קוק פון א רויב־פויגל, וואס פילט זיך אין דער היים אויפ'ן שויס פון דער נאטור און פרעמד און אומבאהאלפן אין דער געזעלשאפט פון קולטור־מענשן. זיין העכסטער גליק איז — „אין איין שיינעם טאג דערשיסן אן אדלער אין די שטומע הויכן פונ'ם הימל". דאס איז נאגעל („מיסטעריען"), א מין וואנדערנדיגער ארטיסט, וואס קומט אראפ אין א פראָ־ווינץ־שטעטל, שיט דארט מיט געלט אויף רעכטס און אויף לינקס, ארדנט איין ביבעס, וואו ווייַן גיסט זיך ווי וואסער, מיס־טיפיצירט דעם פראווינציעלן עולם מיט אומגעלומפערטע מעשים און פאראדאקסן, מישט זיך אריין אין לעבן פון מענשן, אויף וועלכע ער קוקט, ווי אויף מוראשקעס — הכלל אן אויבערמענש, וואס האט זיך אראפגעלאזן צו קליינינקע מענשעלאך, כדי זיי צו פאר'חדוש'ן; אן אויבערמענש, וואס איז שטאלץ מיט זיין איינזאמקייט, און זיין איינזאמקייט פייניגט אים; אזוי אז אים זיינען נויטיג אונטערמענשן, פאר וועמען זיך ארויסצורייסן פון הארצן, הגם ער ווייסט, אז יענע פארשטייען אים נישט. דאס איז דער וויסנשאפטסמאן קארענא פון דער דראמאטישער טרילאגיע („ביי די טויערן פון דער מלוכה", „די דראמע פון לעבן" און „פאר נאכט"). קארענא פרייידיגט עקסטרעמען אינדיווידואליזם; און ער דערלאזט נישט קיינע פשרות. זאל פון אים אוועק דאס יווייב, זאלן אים פארפאלגן בעלי־חובות — ער וועט נישט נאכ־געבן. ער פארשליסט זיך אין א טורם, וואס דארף זיין אינ־גאנצן באגאסן מיט ליכט, כדי צו באלייכטן זיין מוח, ער זאל ארייַנדרינגען אין די טיפסטע סודות פון דער וועלט. אבער אין זיין לאמפ פעלט אויס אויל, און ער ווערט פארלאשן גראד אין דעם מאמענט, ווען זיין ליכט איז באזונדערס נויטיג. אין דער לעצטער דראמע זעען מיר דעם איינגעשפארטן קארענא געבראכן, גרייט נאכצוגעבן.

זיי דערמאָנען אַלע די ראַפינירטע אויבערמענשן פון פּשיבישעוועסקי'ן. אָבער יענע זיינען שוין צופיל קרבנות פון זייער אייגענער ראַפינירטקייט, צוקראָכענע קנעכט פונ'ם מאָמענט. זיי זיינען געקינצלט, דעקלאַמאַטאָריש, גייען אויף שטאָלצן. האַמסונ'ס העלדן קומען אַרויס אַ סך נאַטירלעכער, געזינטער; אין זיי איז פאַראַן מער מעטאַל. זיי ראַטעוועט ביז אַ געוויסער מאָס זייער צוגעבונדנקייט צו דער נאַטור. זיי ראַטעוועט די אַטמאָספער פון נאָרוועגיע, וואו אַ אינטעליגענטער פּראָלעטאַריער קאָן נאָך ווערן אַ שטיינהאַקער, אַן ערד־אַרבעטער, קאָן נאָך אַוועק אין וואַלד. די גלאַנס און נאַגעלס זיינען שיין; זיי גלאַנצן מיט אַלע פאַרבן פונ'ם רעגנבויגן. אָבער אין איין פּרט זיינען אָט די אויבערמענשן מורא'דיג אָרעם, נישט אין ערך אָרעמער פאַר געוויינלעכע מענשן. זייער נשמה האָט אַריינגענומען אין זיך די נאַטור; און איר פעלט די מענשהייט מיט אירע גוואַלדיגע זוכענישן און געראַנגל פאַר דער צוקונפט. זיי זיינען אָרעמער אויך פון די בענאַנים און ראָלאַנדסענס: יענע האָבן אויף די העכערע טרעפּלאַך פונ'ם סאָציאַלן לייטער מיטגעבראַכט די פרישקייט און שטייפקייט פונ'ם פּרימיטיוון פאָלקסמענשן. פאַרקערט, די נאַגעלס און די גלאַנס, בעת זיי אַנטלויפן צו דער מאַמע נאַטור, נעמען זיי מיט גאָר די ראַפינירטקייט פון דער שטיפמאַמע קולטור. דער וואַלד קאָן מילדערן זייער שטאָטישע נייראַסטעניע; איינגאַנצן אויסוואָרצלען קאָן ער זי נישט: זי זיצט צו טיף. זיינען זיי תמיד צורייצט, קרענקלאַך נערוועז, ווייסן קיין מאָל נישט, וואָס זיי ווען טאָן אין אַ מינוט אַרום. פאַרמאָגנדיג אַ סך מעגלאַכקייטן צו זיין גליקלאַך אַליין און געבן גליק זייערע נאָענטע, ברעכן זיי אויף שריט און טריט זייער אייגענעם לעבן און דעם לעבן פון זייערע ליבסטע. נישט אומזיסט האָט האַמסון אַזוי פיינט די נייראַסטעניקער. „הערן נייראַסטעניקער, זאָגט ער, מיר זיינען שלעכטע מענשן, און צו זיין געוויינלאַכע חיות טויגן מיר אויך נישט!” ער באַמערקט אָבער נישט, אַז דאָס, וואָס זיינע העלדן שטייען פּנים אל פּנים מיט זייער אייגענעם „איך”, פאַרשאַרפט נאָך מער זייער נייראַסטענישע צורייצטקייט.

5

האמסון'ס העלדן וויקלען שטארקער ווי אלע פאנאנדער זייערע רייכע כוחות אין ליבע. האמסון איז דער אמת'ער זינגער פון ליבע; ער האט פאר איר די רייכסטע פארבן, די מעכטיגסטע און פיינסטע טענער. יענע זייטן אין „וויקטאריא", וואו ער כאראקטעריזירט די ליבע, זיינען אן אמת'ער מאדערנער שיר־השירים. אבער די ליבע, וואס האמסון באזינגט, איז נישט די רואיגע און גלייכגעוויכטיגע, נישט די צערטלאכע און נישט די גליקלאך־ברענענדיגע. אזא ליבע אינטערעסירט אים נישט און, אויב ער באשרייבט זי אמאל, איז עס נאר פארבייגייענדיג, עפיזאדיש. האמסון באזינגט יענע ליבע, וואס איז פארבונדן מיט יסורים. זאגן ליבע הייסט פאר אים דאס זעלבע, וואס זאגן ליידן. ער איז א גרויסער מייסטער אויפצודעקן אין די נשמות פון מענער און פרויען די אומענדלאכע שאטירונגען פון צערטלאכקייט און פיינטשאפט. צוציען און אפשטויסן, וואס פארבייטן כסדר איינע די אנדערע.

יעדע גרויסע ליבע איז טראגיש. באהעפטן צוויי נשמות אין איינעם — ווי שווער דאס איז! און וואס פילפארביגער די נשמות, אלץ אוממעגלאכער איז די פולע באהעפטונג — וויפיל שפאלטן בלייבן איבער, וויפיל קאנטן, וואס גייען זיך נישט צונויף! בפרט אז אונזער שטרעבונג גופא פארמאגט אן אינעווייניגסטע סתירה: מיר ווילן זיך וואס ענגער צונויפגיסן און דאך איינהאלטן וואס מער די אייגענע פערזענלאכקייט. און וויפיל טראגיק שטעקט שוין אין דעם, וואס די ליבע איז אין אונזער פאנטאזיע טויזנט מאל רייכער, ווי אין דערווירקלאכקייט, אונזער „געגנשטאנד" איז אין חלום נישט אן ערך שיינער, ווי אויפ'ן וואר. און מיר פאדערן שטענדיג פונ'ם צווייטן צד א סך מער, ווי ער קאן געבן. היינט די אייפערזוכט, וואס גייט האנט אין האנט מיט דער ליבע, און אויף זייביידע איז געזאגט געווארן: עזה כמות אהבה, קשה כשאול קנאה: שטארק, ווי דער טויט, איז די ליבע, גרויזאם, ווי דער גיהנום, די אייפערזוכט.

דאָס געהערט צו די פאַרבאָרגנסטע סודות פון אונזער נשמה. אין אונז שטעקט א קרענקלאַכע תשוקה צו מאַטערן, צו פאַרשאַפן געברענטע לײדן אונזערע מיטמענשן און אַנדערע לע־בעדיגע באַשעפענישן. נישט בלויז, ווען דאָס איז אונז נויטיג צוליב װעלכן עס איז ציל. דאָס פּייניגן גופא װערט א ציל. מיר זעטיגן זיך מיט יענעמס יסורים. האמסון שטעלט זיך אָפּט אָפּ אויף די אינסטינקטן פון דעם מין. אין „הונגער" פּייניגן קלײנע קינדער אַן אַלטן פּאַראַליטיקער, װעלכער קאָן זיך פון אָרט נישט רירן, זײ קנײפּן אים, צופּן, קיצלען אים מיט דינע שטרוי־עלאַך אין די נאָזלעכער. אין „מיסטעריען" מאַכן זיך מענשן פאַרגעניגן דערפון, װאָס זײ טוען אָן נגישות דעם אומגליקלאַכן מינוטא. אין דער סקיצע „ביי די ברעגעס פון ניופאַנדלענד" האָבן די פישער א באַזונדערע הנאה צו פּייניגן די נאָך לעבע־דיגע פיש, װאָס זײ האָבן אָקאָרשט געפאַנגען. צװײ רוסן נעמען גרויסע פיש פאַר׳ן קאָפּ, רוקן אַרײַן די פינגער אין זײערע װײכע אויגן און אין אַזאַ צושטאַנד האַלטן זײ די בעלי־חיים אין דער לופטן און לאַכן, קװעלן אָן פאַר נחת. און דאָס טוען נישט בלויז שלעכטע מענשן. אויף אַזאַ אכזריות זײנען אָפּט פּיאיג װייכע הערצער, צאַרטע נאַטורן, װאָס ביי אַן אַנדער געלעגנהייט קאָנען זײ זיך מקריב זײן פאַר יענעם.

דאָס געהערט אויך צו דער טראַגיק פון ליבע. װאָרום מיר האָבן א באַזונדער קרענקלאַכע תשוקה אָנצוטאָן יסורים דוקא די, װעמען מיר ליבן. דאָס טוט אונז אַליין װיי, אָבער אויך דעם דאָזיגן װײטאָג האָבן מיר ליב. און מיר האָבן אויך ליב צו צוקראַצן אונזערע אייגענע װאונדן, װען א באַליבטע האַנט האָט זײ אונז געשלאָגן. און װאָס גרעסער די ליבע, אַלץ קרענק־לאַכער דער פאַרגעניגן פון פּייניגן; װאָס פיינער און פאַר־װיקלטער א מענש איז, אַלץ ראַפינירטער זײנען די מאָראַלישע לײדן װאָס ער טראַכט אויס פאַר זײן נאָענטסטן און פאַר זיך. דאָס זײנען די סודות׳פולע טיפענישן פון אונזער נשמה, אין װעלכע עס גראָבט זיך אַזוי מייסטערהאַפט דער גרויסער דאָס־טאָיעװסקי.

די אַלגעמײנע טראַגיק פון ליבע ברעכט זיך איבער אין די

ניידאסטעגישע קאפריזן פון האמסונ׳ס העלדן; צו דעם אלגע־מיינעם פיין קומען צו די יסורים, וואס צוויי ליבענדע פאר־שאפן איינער דעם אנדערן צוליב זייער אייגנליבע און קראנק־האפטער נערוואזיטעט. זיינע העלדן פארליבן זיך פון ערשטן קוק. דאס איז די ליבע פון צוויי נשמות, וואס זיינען אזוי ווי לכתחילה באשאפן געווארן איינע פאר דער אנדערער, און קיין דריטע קאן דא קיינע פון זיי נישט פארבייטן. דאס איז א ליבע איינע אויפ׳ן גאנצן לעבן. אבער ביידע זיינען שטאלץ, צורייצט און פארדעכטיג. ביידע גארן נאך פולסטע צונויפגיסונג און ביידע ווילן נישט אפלאזן פון זייער „איך" אפילו אויף איין האר, און עס הויבט זיך אן א שפיל פון ליבע און פיינט־שאפט. אים דוכט זיך, אז זי האט אים נישט פארשטאנען, נישט געווען גענוג אויפמערקזאם, אפילו אים באליידיגט. ליידט ער, פייניגט זיך. און ווען זי קומט צו אים מיט אפענע ארעמס, באגעגנט ער זי קאלט, נעמט פון איר נקמה — אויך נקמה איז א באשטאנדטייל פון האמסונ׳ס ליבע. איצט האט זי שוין א גרונד צו זיין באליידיגט, צו פייניגן אים מיט נאדל־שטעך; און אז ער וועט קומען צו איר שמאכטנדיג פון ליבע, וועט זי זיך פון אים אפקערן. ביידע ווערן צוריסן פון אייפער־זוכט און יעדער איינער טוט אלץ, כדי צו דערוועקן וואס מער אייפערזוכט ביים צווייטן. זעלטן ווען אויף זייער גורל פאלט אויס א מינוט פון הארמאנישער אייניגונג, וועלכע ווערט נאך זי־סער צוליב דעם לאנגען אומאויפהערלאכן ברוגז־טאנץ; און נאך דער גליקלאכער מינוט האלט מען ווידער נאכאנאנד אין אנטאן איינער דעם אנדערן יסורים; גייט מען אפילו חתונה האבן מיט אן אנדערן — דעם געליבטן אויף צו להכעיס. גלאן, נאגעל, און וויקטאריא גייען אוועק פון דער וועלט איבער דעם דאזיגן געפערלאכן שפיל.

ווי ווייט האמסונ׳ס העלדן זיינען דאך פון דער נאטור, צו וועלכער זיי שטרעבן! אפילו דער וואלד־מענש נאגעל. ביי א פרימיטיוון נאטור־מענש איז די ליבע געזונטער; די שטים פון בלוט גיסט זיך צונויף מיט דער בענקשאפט פון זיין פאנטאזיע און ער ווייסט א סך וויניגער פון דעם פיין, וואס דער מענש

נעמט זיך אליין. אין די לײדן פון ליבע, וואָס האַמסונ׳ס העלדן לעבן איבער, שפּילט אויך אַ גרויסע ראָלע זייער סאָציאַלע לאַגע. גלאַן איז אַ נאַטור־מענש, אָבער עדוואַרדאַ האָט אין זיך אַ שפּאָר ביסל פּוסטע גאווה פונ׳ם רייכן מאַק׳ס טאָכטער; איר ווילט זיך זען גלאַנ׳ען אינ׳ם מיליטערישן יוניפאָרם פון אַ לייטענאַנט; זי האָט ליב זיין קוק פון אַ רויב־פויגל, און איר ווילט זיך, ער זאָל זיך האַלטן „אַנשטענדיג" אין דער געזעלשאַפט און זאָל שענקען גאַנצע פינף דאָלער דעם דינער, וואָס האָט אַרויסגע־צויגן איר שיכל פונ׳ם וואַסער, ווי אַ פּרינץ אַן אויסברענגער. דאַגני, די רואיגע טאָכטער פונ׳ם פּאַסטאָר, האָט מורא זיך צו פאַרבינדן מיט׳ן נע־ונד׳ניק נאַגעל. וויקטאָריאַ איז געצוואונגען חתונה צו האָבן מיט אַן אַנדערן צוליב דער שלעכטער פינאַנ־ציעלער לאַגע פון איר פאָטער. און דאָס, וואָס יאָהאַנעס האָט פון זיין קינדהייט אָן געפילט אַ וואַנט צווישן דעם שלאָס פון וויקטאָריאַ׳ס פאָטער, דעם רייכן פּריץ, און דעם אָרימען הייזל פון זיין פאָטער דעם מילנער — דאָס מאַכט אים פאַרדעכטיג, רייצט זיין שטאָלץ; און אַפילו שפּעטער, ווען ער איז שוין אַ באַוואוסטער פּאָעט און אַלע טירן זיינען פאַר אים אָפן, דוכט זיך אים נאָך אַלץ, אַז מ׳האַלט אים נישט פאַר קיין גלייכן, אַז מ׳רירט אָן זיין כבוד. דאָס זעלבע מוזן פילן אויך בענאָני און ראָלאַנדסען בנוגע זייערע געליבטע, וועלכע שטייען אויף אַ העכ־ערן טרעפּל פונ׳ם סאָציאַלן לייטער, און דערגרייכן זייער ליבע איז ביי זיי ענג פאַרבונדן מיט דערגרייכן ערפאָלג בכלל, וואָס דאָס איז זייער העכסטער ציל.

און ווען די ליבע זאָל נישט זיין דאָס איינציגע העכערע געפיל, וואָס באַהערשט האַמסונ׳ס העלדן, ווען זיי זאָלן זיין באַגייסטערט פון אַ גרויסער אידעע, וואָלט זייער ליבע אויך אַזאַ קראַנקע נישט געווען. אַ געוויסע ראָלע שפּילט דאָ אויך דער צפונ׳דיגער טעמפּעראַמענט, וועלכער איז נישט אַזוי אימפּולסיוו, ווי ביי אַ פראַנצויז אָדער אַ איטאַליענער, וואָס פלאַקערט אויף האַסטיג און ברענטש איבער אין איין מינוט. דער נאָרוועגער איז קאָנצענטרירט און פאַרטיפט, געגוויגט לאַנג זיך צו גריבלען אין זיינע געפילן און איבערלעבונגען.

ביי האמסונ'ען הערט איר אָפּט אויך שרייען די שטים פון בלוט, („דעם רויטן האָן"), א יונג ווייבל טרעפט אויף דער גאַס אַן אומבאַקאַנטן יונגען מאַן, ברענגט אים אַהיים, און גיט זיך אים אָפּ, בעת אינ'ם צווייטן צימער ליגט אויפ'ן טיש דער טויטער קערפּער פון איר ערשטן מיט אַ פּאָר שעה צוריק געשטאָרבענעם מאַן. אפילו די העלדן פון אַ גרויסער איינציגער ליבע זוכן ביי אים אַמאָל אויך צו שטילן די שטים פון זייער בלוט ביי אַנדערע פרויען. אזוי איז די געשיכטע פון נאַגעל מיט מאַרטאַ'ן, פון גלאַן מיט עוואַ'ן. נאָר דאָ איז די זאַך אַ סך פאַרוויקלטער. גלאַן קומט זיך צונויף מיט דעם שמיד'ס ווייב עווא, מיט דעם גאַנצן נאַאיוון פּאָלקס-קינד, וואָס קאָן אים בלויז אומענדלאָך ליבן אָבער בשום אופן נישט פאַרשטיין — ווייל ער וויל ביי איר געפינען אַ טרייסט פאַר זיין אומגליקלאַכער ליבע צו עד־וואַרדאַ'ן. בעת ער איז צוזאַמען מיט עוואַ'ן, רעדט ער נאָכ־אַנאַנד פון עדוואַרדאַ'ן. אַט לויבט ער זי, אַט טאַדלט ער זי; אַט פאַרזיכערט ער, אז ער האָט עדוואַרדאַ'ן פיינט און עווא איז טויזנט מאָל שענער פאַר איר. אָבער ריידן וועגן איר מוז ער. דאָס זעלבע איז מיט נאַגלען, וועלכער רעדט זיך איין, אַז ער איז פאַרליבט אין דער אַלטער מאַראַט, ער וויל אפילו מיט איר חתונה האָבן, אפשר וועט ער אין איר רואיגן שוים פאַרגעסן זיין אויסזיכטלאָזע ליבע צו דאַגני'ן; און טאַקע דאַגני'ן אויף צו להכעיס...

עדוואַרדאָ און עווא. מיט דער ערשטער איז מען קיינמאָל נישט זיכער. זי פאַרשאַפט אַן אַ צאָל ליידן און נאָר זעלטן ווען אַ טראָפּן פרייד; די אַנדערע גיט זיך אָפּ אינגאַנצן גאָר נישט פאָדערנדיג; זי וועט אויסשטיין פון איר געליבטן אַלע צרות און וועט אים וווייטער ליבן שטיל, אָן פאָרוואורף. ביי דער ערשטער איז מען אַ קנעכט, איבער דער צווייטער איז מען אַ הערשער. דער ערשטער גיט מען אָפּ די גאַנצע נשמה און עס איז קנאַפּ; די צווייטע בענשט פאַר די רעשטלאַך, וואָס מען וואַרפט איר צו. צווישן אַזעלכע צוויי פרויען שטעלט אָפּט האַמ־סון אַוועק זיינע העלדן.

די ליבע ביי האַמסונ'ען איז שטאַרק. אָבער „גרויזאַם".

זי קאָן אַרויסרופן ביים מענשן די בעסטע כוחות, זי קאָן זיי אויך פאַרצערן. די אויסדערהויילטע העלדן זיינע, גלאַן, וויק־טאָריאַ, נאַגעל הויבט זי אויף ביז׳ן הימל און וואַרפט זיי אַראָפּ אין אָפּגרונד. די סיבה איז אין זייער אייגענער שוואַכקייט. אָבער אויך אין דער שטאַרקייט פון׳ם געפיהל. און אויף דעם, וועמען אַזאַ גרויס געפיל איז באַשערט, זאָגט האַמסון: „גאָט האָט אים געשטראָפט מיט אַ גרויסער ליבע".

6

ווי ווייט ס׳לאָזט זיך, מוז מען אין אַ ווערק, וואָס ליגט פאַר אונז, אָפּטיילן די טענדענץ פון דער קינסטלערישער זייט. די טענדענץ — דאָס איז האַמסונ׳ס אַלטע באַליבטע אידעע: צוריק צו דער נאַטור! אָבער קיינמאָל ביז אַהער איז זי ביי אים נישט אַרויס אַזוי בולט, ווי אין דער „ברכה פון דער ערד". דער דאָרף מאַכט געזונט; די שטאָט דעמאָראַליזירט. אַ קיום האָט נאָר די שפע, וואָס די מאַמע ערד שענקט דעם מענשן פאַר זיין מי איבער איר. די פרוכט פון לייכטע פרנסות טראָגט אוועק דער ווינט. דאָס איז אַרויסגעזונגען אין באַזונדערע שטי־קער הלל. דאָס איז אויך אַריינגעפלאָכטן אין דער האַנדלונג פונ׳ם ראָמאַן.

די בערג־אינדוסטריע, וואָס האָט זיך אויף אַ קורצער ווילע באַוויזן אינ׳ם געגענט, האָט בלויז צורייצט די אַפּעטיטן ביי די דאָרפסלייט, זיי זאָלן זיך יאָגן נאָך לייכטע געלט, נאָך וואויל־טאָג און פאַרוואַרלאָזן זייער אמת׳ע שפייזערין, די ערד; און אַז די בערג־אַרבעט האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט זיך די אַרו־טיגע באַפעלקערונג דערפילט אָרימער, ווי פריער. די עטליכע הונדערט דאָלער, וואָס יצחק האָט באַקומען פאַר דעם פלאַץ מיט די קופּערשטיינער, האָט זיין זון אלישע אויסגעבראַכט. די פערמע סעלאַן־ראאַ, וואָס יצחק האָט געשאַפן מיט זיין שוויים און בלוט, וואַקסט און זי וועט איבערגיין פון דור צו דור. יצחק׳ס ווייב אינגער, איז אָפּגעזעסן עטלאַכע יאָר אין אַ שטאָ־טישער טורמע, האָט זיך דאָרטן אויסגעלערנט שרייבן, פאַר־שידענע האַנט־אַרבעטן, איבערגענומען דעם אויבערשטן פוץ פון

קולטור; דערפאַר איז זי געוואָרן אויסגעאיידלט. אַפּגעוואוינט פון גראָבער פיזישער אַרבעט, געניוגט זיך צו פוצן, „אַרויסצואַ־ ווייזן זיך", געוואָרן לייכטזיניג, אַפילו נישט טריי דעם מאַן. עס געדויערט לאַנג ביז זי באַפרייט זיך פון שטאָטישן סם; זיינע שפורן לאָזן זיך ביי איר פילן דעם גאַנצן לעבן. יצחק'ס על־ טערער זון, אלישא, איז אַ פּאָר יאָר אַפּגעווען אין שטאָט, איז ער געוואָרן פויל, אָפּגעלאָזן, פאַרשווינדעריש, פול מיט פוסטער גאוה. באַרבאַראַ האָלסען האָט געדינט אין בערגען, איז זי גע־ וואָרן פאַרדאָרבן. הכלל, פון שטאָט קומט נאָר אַלדאָס בייז. אַלץ, צו וואָס די שטאָטישע קולטור רירט זיך צו, ווערט דעמאָ־ ראַליזירט.

אָבער אין דער „ברכה" גופא קאָנט איר געפינען קינסט־ לעריש־וואָרהאַפטיגע זייטן וואָס רירן נעגן דער דאָזיגער טענ־ דענץ. יצחק איז נישט קיין פויער, וואָס אַרבעט מיט געציג פון מלך סאָביעצקי'ס יאָרן. דער טאָג, ווען ער שטעלט איין אַ שנייד־מאַשין, איז פאַר אים אַ גרויסער יום טוב. אַ קליינינ־ קייט — אַ דערגרייכונג, וואָס שפּאָרט איין אַזוי פיל קרעפטן, וועלכע מען קאָן אויסנוצן אויפצוהויבן נייע רוי־ערד און נאָך מער פאַרגרעסערן די שפע. אָבער די מאַשינען קומען דאָך פון שטאָט. זיי זיינען אַ פּרוכט פון איר ווויסנשאַפט, פון איר אַר־ בעט. און די אידעע פון קינסטלאַכן באַוואַסערן, — ווער האָט אויסגעלערנט יצחק'ן דורך רערן ציען וואַסער פון טייך אויף די פעלדער און אויף אַזאַ אופן ראַטעווען די גערעטעניש פון אַ טרוי־ קעניש? דער שטאָט־מאַן, גייסלער. הייסט עס דאָך, אַז אין שטאָט דרייט מען זיך נישט בלויז אַרום מיט'ן שטעקעלע, אַז דאָרטן זיינען פאַראַן אויך געזונטע עלעמענטן, וואָס העלפן מיט צו פאַרמערן די ברכה פון דער ערד. די מענשהייט שעפּט פון דאָרף געזונטע בלוט, פרישע נישט אויסגענוצטע כוחות. דער דאָרף נעמט פון שטאָט געציג, אידעען, האָריזאָנטן, אָרגאַניזאַ־ ציע. צו וואָס זיך דינגען פאַר דער בכורה? גלייכער שאַפן אַ האַרמאָנישע צוזאַמענלעבן, וואָס זאָל מאַכן דעם מענשן פון שטאָט און דאָרף גאַנצער, פרייער, רייכער אין כוחות און געניוס.

אָבער לאָזן מיר צורו די טענדענץ. וויכטיג איז נישט

אזוי וואס האמסון האָט געוואָלט, ווי דאָס וואס ער האָט געגעבן. און געגעבן האָט ער אַ גרויס פּראַכטיג בילד פון איינגעשפּאַרטער ענערגיע, פון שעפּערישער ארבעט אויפ׳ן שויס פון דער ערד. יצחק, דער הויפּט העלד פון דער „ברכה״, איז נישט קיין ראַפּאַנירט קינד פון שטאָט, וואָס האָט זיך אומגעקערט צו דער נאַטור. ער איז איינגעוואָרצלט אין דער ערד פון זיידעס און עלטער־זיידעס, און נישט ער אַליין און נישט מיר קאָנען זיך אים גאָר אַנדערש נישט פאָרשטעלן. די נאַטור איז פאַר אים נישט קיין קוואַל פון שיינקייט, ווי ביי גלאַנ׳ען אין „פּאַן״, נאָר אַ וואַרשטאַט צו פאַרגיסן שוויים און באַקומען רעזולטאַטן. ער פילט אויף זיך יעדע מינוט די ממשלה פון דער ערד און ער שטרענגט אָן אַלע כוחות, אז די ערד זאָל אויף זיך אויך פילן זיין ממשלה. ער איז איר קנעכט און איר הערשער צוגלייך. דאָס שאַפט אַ האַרמאָניע וואָס ציט צונויף, מאַכט גאַנץ, גיט די נויטיגע רואיגקייט און זיכערקייט אין זיך.

יצחק איז נישט קיין געוויינלאַכער פויער, וואס האָט באַקומען זיין שטיקעל ערד בירושה, און באַארבעט זי, ווי די טאַטעס און זיידעס, גייט אין שפּאַן לויט אינערציע. יצחק איז אַ פּיאָנער. צווישן די אַלט־געזעסענע איז ענג. לאָזט ער זיך אַוועק אין דער ווייט, זעט אויס פאַר זיך אַן אָרט אין די בערג, וואו קיין מענשלאַכע האַנט האָט נאָך דעם באָדן נישט באַרירט, וואו עס האָט נאָך אפשר קיין מענשלאַכער פוס נישט געטראָטן. פון זומפּ און וואַלד רייסט ער אַרויס רוי־ערד און מיט זיין האָרעוואַניע פאַרוואַנדלט ער זי אין אַ געבענשט אָרט פאַר מענשן. ער טרעט אויס זיין שטעגעלע, און נאָך זיינע פוס־טריט קומען אַנדערע. פון שטעגעלע ווערט אַ וועג. בעת ער איז אַהער געקומען אַ יונגער, איז ער געווען איינער, און איצט, אין אָוונט פון זיין לעבן, איז ער אַרומגערינגלט מיט אַ גרויסער משפּחה, מיט איינגעוואָרצלטע שכנים. פון מדבר איז געוואָרן אַ ישוב, און ער איז דער מאַרק־גראַף, דער טאַטע פון געגענד, אַ בוים מיט אַ סך צווייגן.

יצחק אַרבעט, נישט ווייל עמיצער צווינגט אים, נאָר ווייל אַנדערש קאָן ער נישט. די אַרבעט איז נישט דער ציל פון זיין

לעבן, זי איז ביי אים דאָס לעבן גופא; און קיינמאָל רוט ער נישט, קיינמאָל שטעלט ער זיך נישט אָפּ אויף דעם דערגרייכטן, ער האַלט נאָכאַנאַנד אין בויען, האָט שטענדיג נייע פּלענער; און אַ נייער פּלאַן הייסט ביי אים נייע אַרבעט, וואָרום עס איז ניטאָ ביי אים קיין פּלאַן אָן אַנשטרענגונג אים צו פאַרווירקלאַכן. יצחק איז אַ מאָנומענטאַלע פיגור. עס איז פאַראַן אַזוי פיל שיינקייט אין זיין אומדערמידלאַכער פאַר'עקשנ'טער אַרבעט; זי איז נישט אַזוי מעכטיג, ווי די שיינקייט פון דער טויטער נאַטור, אָבער זי איז אונז נעענטער, ווייל עס איז דאָך אונזער מענשלאַכע שיינקייט.

יצחק געטרויט דער נאַטור מער, ווי דעם מענשן. אפילו צו זיינע נאָענטסטע איז ער אַביסל פאַרדעכטיג, און ער איז באַהאַלטן אין זיך, צניעות'דיג, ער אַנטפּלעקט זיינע פּלענער פאַר ווייב און קינדער, נאָר דעמאָלט, ווען ער איז שוין ווייט אַוועק אין זייער פאַריווירקלאַכונג. ער איז קאַרג אויף ווערטער, ער רעדט מיט מעשים. און ער וועט בשום אופן נישט אַרויסווייזן אָפן זיין ליבע. וועט זיך נישט צוגיסן אין געפילן. דאָך אַרבעט ער בעסער, ווען עמיצער קוקט אויף זיין אַרבעט, ווען מען דערמוטיגט אים מיט אַ גוט וואָרט. איז דאָס נישטאָ, בענקט ער נאָך דעם. זיין האָריזאָנט איז ענג. סעלאַנראַא און די זיבן אַרומיגע פערמעס — דאָס איז זיין גאַנצע וועלט. די באַציאונגען מיט זיינע געדונגענע אַרבעטער זיינען נאָך פּאַטריאַרכאַלע. דער אַרבעטער איז אַ העלפער. די נעכטיגע דינסטמויד קאָן מאָרגן ווערן אַ ווייב, אַ שנור. דער פאַרובאָק קאָן ווערן אַן איידים. אין די פאַרוואָרפענע ווינקעלאָך פון נאָרוועגיע זיינען נאָך מעגלאָך אַזעלכע באַציאונגען. וואָס טוט זיך אין דער גרויסער וועלט — דאָס גייט אים נישט אָן. מלחמות, איבערקערענישן דערפילט ער נאָר דעמאָלט, ווען זיי קלאַפּן אין טויער פון זיין נחלה. אפילו די אָרדענונג אין זיין אייגענעם לאַנד — די רעגירונג, די מאַכט-פאַרהעלטנישן — דערמיט זאָלן זיך די שטאָט-לייט פאַרדרייען דעם קאָפּ. זיי האָבן גענוג צייט. די געזעצן אינטערעסירן אים נאָר דעמאָלט, ווען ער שלאָגט זיך אָן זיי אָן מיט זיין אייגענעם שטערן, אָט בעת מען שאַצט זיין

ערד, בעת מען משפט זיין ווייב. דעמאָלט פאַלט עס אויף אים אראָפּ פּלוצלונג, ווי אַן אומפּארמיידלאַכע שטראָף פון הימל, אָט אזוי ווי אַ טרוקענגיש אדער ווי אַ האָגל אין מיטן זומער. יצחק ארבעט שוין מיט נייע מאַשינען. ער האָט נאָך דערווייל איינ־געהאלטן די אַלטע דאָרפישע באַגרעניצטקייט. אזוי איז ער, אזוי איז זיין איינגערער זון, סיוורט, אזוי איז זיין שכן אַקסל.

און ווי פּרימיטיוו די דאָזיגע מענשן זיינען, ווי נאַטירליך. אינגער איז צו אים געקומען ווי אַ דינסט, אַ צוהעלפערין. ביי־נאַכט. „ער האָט זי באַגערט און זי איז געווען וויליג". די שטים פון בלוט, וואָס צופלאַקערט זיך שטאַרקער אין אירגען דעם ערשטן מאָל נאָכדעם, ווי זי האָט פאַרזוכט דעם טעם פון שטאָט. און שפּעטער אין איר „ווייבערשן זומער", איידער דאָס פּרויענצימער אין איר ווערט איינגאַנצן פאַרלאָשן; די געשיכטע ווי דער מאַן האָט אין אַ מינוט פון גרימצאָרן מיט איין שטאַרקן הויב אין דער לופטן ארויסגעטרייסלט ביי איר די שטאָטישע לייכטזיניקייט און זי ווידער געבראַכט צום פאַרשטאַנד; ווי נאַ־איוו, ווי פּשוט! די געשיכטע מיט'ן קינדער־מאָרד, און אירע נאָכוויעניש, אַפּריער ביי אירגען, דערנאָך ביי באַרבראַ; דאָס בילד, ווי אַקסל איז שיער נישט אומגעקומען אין וואַלד, און ווי די פאַרביטערטע אייביגע דינסט, די „וצדקתך" און רכילות־ניצע, אָלינאַ, און דער פּוילער, זאַרגלאָזער, פּוסטער בעל־גאוה, ברעד אָלסען, האָבן אים גערעטעוועט פון טויט; די מעשה מיט'ן רייכן קרעמער אַראָנסען (אַ איד?), וועלכער איז שיער נישט משוגע געוואָרן, ווען די בערג־אַרבעט האָט זיך אָפּגעשטעלט און דער קוואַל פון גרויסע פּראָפּיטן איז פּלוצלונג פאַרשטאָרבן געוואָרן — דאָס זיינען מייסטער־שטיק פון העכסטן גראַד.

פאַראַן אין ראָמאַן נאָך איין אויסערגעוויינלאַך אינטערע־סאַנטע געשטאַלט, אויף וועלכער עס לוינט זיך אָפּשטעלן אביסל לענגער. דאָס איז דער געוועזענער דאָרף באַאַמטער, גייסלער. דאָס איז אַ שטאָלצער, איינזאַמער מענש, וועלכער האַלט זיך הע־כער פאַר זיינע אַרומיגע און האָט דאָך ליב פאַר זיי צו פּאָזירן, צו „שפּילן אַ ראָלע". ער איז קלוג, ענערגיש, אָבער זיין ענערגיע איז אַ ניוראַסטעניש, אַ שפּרינגענדיקע, וואָס רייסט זיך אָפּט

איבער. ער האָט שטענדיג „אַ וועלט מיט זאַכן", אים פעלט אָבער איין זאַך, וואָס זאָל פאַראייניגן אָט די צושאָטענע וועלט, וואָס זאָל פאַראייניגן זיינע אייגענע צושאָטענע כוחות. ער ווייס אייגנטלאַך אליין נישט, וואָס ער וויל, און זיינע כוחות גייען אין גיוועץ, גיבן נישט קיין צענטל דערפון, וואָס זיי האָבן גע־קענט געבן. ער פאַרשטייט עס און באַציט זיך סקעפּטיש צו זיך אליין. הגם ער גייט נאָכאַנאַנד מיט אַ שטאָלץ אויפגעהויבענעם קאָפּ. ער מאַכט חוזק פון די רייכע, פון די שטאַרקע, אָבער ער געהערט דאָך צו זייער קרייז, און מער ווי אַלץ שעמט ער זיך מיט אָרעמקייט. אפילו ווען ער פאַרמאָגט נישט אַ גראָשן ביי דער נשמה, מאַכט ער אַן אָנשטעל פון אַ ראָטשילד. ער האָט ליב פאַר אַלעמען אין די אויגן ארויסצונעמען פון קע־שענע אַ פעקל אַסיגנאַציעס. ער מאַכט עס אַזוי נאַטירלאַך, ווי ער וואָלט ארויסגענומען אַ נאָזטיכל, אָבער דאָס איז פאָרט אַ פּאָזע. אים ציט צו יצחק'ן, צו אַקסל'ען, צו סיווערט'ן — צו די מענשן פון פעלד און לאַנקע. אָבער ער באַגייט זיך מיט זיי, ווי אַ גוטער פריץ מיט פּויערים. ער פאַרקויפט זיי נישט קיין מאַשינעס, ער שענקט זיי אומזיסט. און טאָמער געניסט ער פון זייער גאַסטפריינדלאַכקייט, וועט ער נישט אנדערש באַצאָלן. גייסלער איז נאָגעל'ס („מיסטעריען") אַ לייבלאַכער שוועסטער־קינד, הגם ער איז נישט אַזוי מאָדערן, נישט אַזוי גלענצענד ווי יענער. אפשר איז עס דערפאַר, וואָס האַמסון האָט אים נישט געוויזן אין דעם פּונקט, ווען זיינע אויבערמענשן זיינען באַזונ־דערס גלענצענד — אין ליבע. און אפשר נעמט זיך עס דער־פון, וואָס האַמסון באַהאַנדלט גייסלער'ן אביסל איראָניש, אַן דער אמאָליגער התפּעלות. די געשטאַלט פון דעם פיל־פאַרביגן, קאָמ־פּליצירטן אָבער נייראַסטענישן גייסלער מאַכט בולטער די פעסטע, ווי פון שטיין־געהאַקטע פיגור פון דעם איינפאַכן אָבער גאַנצן און מעכטיגן יצחק.

דער ראָמאַן איז געשריבן אין אַ רואיק־עפּישן טאָן, אין אַ טאָן פון ביבל. ער איז נישט שפּאַנענד, עס זאָל אייך צווינגען דורכצולייענען איינגאַנצן מיט איין מאָל. איר וועט אים לייענען, אָפּרוען, און ווידער לייענען. אַזוי עטליכע מאָל וועט איר זיך

אנזעטיגן מיט שיינקייט. לייענענדיג, האט איר דעם געפיל, ווי איר שפרייזט אין א וואלד אין א שיינעם הערבסט־טאג. איר זייט נישט פאר׳שיכור׳ט, ווי אין פרילינג, נישט מיד פון די געדיכטע פארבן, ווי אין זומער, אבער איר שפרייזט ווייטער און ווייטער, און פילט זיך פריש און אויפגעמונטערט. פאראן ביי האמסונ׳ען טיפערע און מער גלענצענדע ווערק, אבער קיינע פון זיי וועט אייך אזוי נישט אפפרישן, נישט קרעפטיגן, ווי די „ברכה פון דער ערד״.

מיר איז נישט באקאנט, האמסון זאל פאר די לעצטע יאר זיך האבן אפגערופן אין א ווערק אויף דער וועלט־מלחמה, מיט די חרבונות, מיט די רעוואלוציעס. נארוועגיע איז געלעגן אן א זייט פון די געשעענישן. אפילו אין די מלחמה־פראפיטן איז זי אריינגעצויגן געווארן א סך ווייניגער, ווי די שכנישע שוועדן. פאר האמסונ׳ען זיינען די געשעענישן גופא געלעגן „אן א זייט״. זיי געהערן צו דער קולטור, פון וועלכער מען מוז אנטלויפן. יענע יארן האט ער זיך פארטיפט אין דער ״ברכה פון דער ערד״. אט די פערמע סעלאנגראא איז דער גן־עדן, פון וועלכן עס וועלן נישט ארויסקומען קיינע געשעענישן, קיינע מלחמות. אז טויזנטער דערפער און מיליאנען פויערים זיינען אריינגעפלאכטן געווארן אין דעם בלוטיגן קנויל, אז סעלאנגראא גופא וועט אומפארמיידלאך פריער אדער שפעטער, אויב נישט פאר יצחק׳ס זון איז פאר זיין אייניקל, אריינגעשלעפט ווערן אין זעלביגן קנויל, די רעדער פון די דרעש־און־שנייד־מאשינען וועלן זיי אריינשלעפן — יצחק ווייסט עס נישט, און האמסון וויל עס נישט וויסן.

די איבערזעצונג איז נישט קיין גלייכמעסיגע. צוזאמען מיט גלאטע, אפילו שיינע שטעלן, זיינען פאראן א סך שלעכט־געבויטע פראזן, פאראן דייטשמערישע ווערטער, ווי: זיך איבערגעוועלטיגט; סלאווישע: שראם, צוויט; צופיל העבראישע, אמאל אפילו: א חוץ לזה. דאס ווארט „מאן״ ווערט נאכאנאנד געברויכט אין זינען פון מענש; דאס איז אמעריקאניש, אבער בשום אופן ניט אידיש. און אט האט איר אזא פראזע: „דארטן איז געווען דער טייך, ס׳איז אנגענעם צו קוקן אויף אים און

טיף און שטראָמיג". עס שטעלט זיך מיר אין די ציין... נעם איך די דייטשע איבערזעצונג און דאָרטן געפין איך: „אַ פריינד־לאַכער טייך, וואָס צוזאַמען מיט זיין פריינדלאַכן אויסזען איז ער אויך געווען טיף און שטראָמיג". דאָס איז שוין עפּעס אַנדערש. אַמאָל שטעלט דער אידישער איבערזעצער צו איי־גענע פראַזן, כדי „מסביר צו זיין דעם ענין", און דאָס פירט איבער דעם ריטם. אין ערך פון זייט 120 ווערט די איבערזעצונג גלאַטער: קענטיג, די האַנט פון אַ רעדאַקטאָר. ערגער איז מיט דער קאָרעקטור. פון פעלז ווערט אַ פעלד, פון אַ ציג — אַ צוג, פון געקלערט — געקלקערט. אַמאָל איז גאָר אוממעגליך זיך אָנ־צושטויסן, ווי עס האָט געדאַרפט שטיין.

אָבער אָפּגעזען פון דעם, מוז מען זאָגן, אַז האַמסונ'ס ראָ־מאַן, וואָס דער פאַרלאַג „קולטור־ליגע" האָט ערשט אַרויסגעגעבן, איז אַ שיינע מתנה פאַר'ן אידישן לעזער.

דעמאָראַטיע

דעמאָקראַטיע

.1

וועגן קריזיס פון דעמאָקראַטיע רעדט מען שוין זייער לאַנג, שיער ניט פון דעם טאָג אָן, ווען די דעמאָקראַטיע איז געבאָרן געוואָרן. אָבער קיינמאָל האָט מען וועגן דעם אַזויפיל ניט גע־רעדט און אַזוי פאַרביטערט, קיינמאָל האָט מען אַזוי שטאַרק ניט פאָראויסגעזאָגט דעם נאָענטן סוף פון דער דעמאָקראַטיע, ווי אין די לעצטע יאָרן. און גראָד אָט פאַר די לעצטע יאָרן זיינען אין דייטשלאַנד און עסטרייך געפאַלן די קייזער־קעניג־לאַכע טראָנען און דעמאָקראַטישע רעפובליקן האָבן פאַרנומען זייער אָרט; צווישן די מלוכות, וואָס דער וועלט־קריג האָט ארויסגערופן צום לעבן, איז פאַראַנען אַזאַ געזונטע דעמאָקראַטיע ווי טשעכאָסלאָוואַקיע; אין די זעלביגע לעצטע יאָרן האָט די וועלט פאַרזוכט דעם ביטערן טעם פון קאָמוניזם פון לינקס און פון פאַשיזם פון רעכטס.

ווער זידלט היינט ניט די דעמאָקראַטיע? סיידן אַ פוילער. פון רעכטס — כלערליי מאָנאַרכיסטן און פאַשיסטן; פון לינקס — די קאָמוניסטן מיט זייערע נאָכטאַנצער און אונטערשטופּער; און אין מיטן — כלערליי קליינע באַלעבעסלאַך, וואָס האָבן זיך „אָפּגענאַרט” אין דעמאָקראַטיע, זיי „האַלטן” פון איר ניט; אויך אַלערליי אָנגעבלאָזענע אינטעליגענטן, וועלכע טענה'ן, אַז די מאַסע איז נאָך ניט צייטיג, ניט דערוואַקסן, און זאָל בעסער די מלוכה געפירט ווערן פון אַ הייפל קלוגע, איידער פון אַ מער־הייט נאַראָנים. און מערקווירדיג: די עקסט־לינקע קאָמוניסטן, ווי די עקסט־רעכטע פאַשיסטן ריידן וועגן דער דעמאָקראַטיע כמעט מיט די זעלביגע ווערטער און באַקעמפן זי מיט די זעל־ביגע מעטאָדן. אין דייטשלאַנד זיינען ניט איינמאָל די קאָמו־

ניסטן און מאַנאַרכיסטן געגאַנגען צוזאַמען, כדי צו שטירצן זייער געמיינזאַמען שונא, די דעמאָקראַטיע. און דאָ האַנדלט זיך ניט אום דעם אָדער יענעם פעלער, וועלכן מ׳דאַרף פאַרריכטן, ניט אום די אָדער יענע איינצלהייטן, וועלכע מ׳דאַרף פאַרבייטן; עס האַנדלט זיך אום דער דעמאָקראַטיע, אַלס פּרינציפּ, אַלס פּאָליטישע סיסטעם.

בעת מ׳רעדט וועגן דעמאָקראַטיע מיט א פרומען פּנים, איז עס פאַר אונז גאַנץ אָפט אויך קיין גרויסער נחת ניט. די קאָמו־ניסטן למשל האָבן שוין אזא טבע: אין די אַרבעטער אָרגאַני־זאַציעס, וואו זיי זיינען אין דער מינדערהייט, פאָדערן זיי פון אונז פּראָפּאָרציאָנעלע פאַרטרעטערשאַפט, פאַרגלאָצן די אויגן: סטייטש, דעמאָקראַטיע... זיי ווילן, מיר זאָלן פאַרגעסן, אז דאָרטן וואו זיי האָבן א מערהייט, ווילן זיי פון דעמאָקראַטיע ניט וויסן, נעמען זיי אַלץ זיך און גיבן ניט זייערע געגנער קיין שום פּראָ־פּאָרציאָנעלע פאַרטרעטערשאַפט. עס איז דאָס אַלטע ווערטל וואָס די יעזואיטן פלעגן זאָגן צו די ליבעראַלן: האָט איר א מערהייט, פאָדערן מיר פון אייך, איר זאָלט אונז געבן פולע פרייהייט אין נאָמען פון אייער פּרינציפּ; האָבן מיר א מערהייט, זאָגן מיר אייך אָפּ אין יעדער פרייהייט אין נאָמען פון אונזער פּרינציפּ...

די ויכוחים וועגן דעמאָקראַטיע און די פּראַקטיקע וועגן א געוויסן מין מויל־דעמאָקראַטן אונזערע האָבן אריינגעטראָגן א צוטומלעניש אין די מוחות. ביי א סך סאָציאַליסטן איז דעמאָ־קראַטיע געוואָרן א וואָרט, וואָס האָט צופיל באַדייטונגען אָדער גאָר קיין באַדייטונג ניט. חוץ דעם, די פּרינציפּן פון דעמאָ־קראַטיע קומט איצט אויס אָנצואווענדן ביי אומשטענדן, וועלכע זיינען א סך שווערער און פאַרוויקלטער, ווי אמאָל. די דעמאָ־קראַטיע איז געוואָרן א שווערע פּראָבלעמע אַפילו פאַר אירע אָנהענגער. צווישן זיי געפינען זיך אַזעלכע, וואָס גיבן צו, אז די דעמאָקראַטיע פאַרמאָגט א סך פעלערן, אָבער ביי אַלע פעלערן אירע, איז זי דאָך די בעסטע, די איינציג צוועקמעסיגע פּאָלי־טישע סיסטעם, וואָס מיר קאָנען זיך פאָרשטעלן. אַנדערע זוכן

די דאָזיגע פעלערן אויסצובעסערן, צו מאַכן די דעמאָקראַטיע פּאָלקאָמער, צו צופּאַסן זי צו די נייע אומשטענדן, וואָס זיינען שוין געקומען און וואָס וועלן נאָך קומען אין דער נאָענטער צוקונפט. עס קומט אפילו פאַר אַ שטרייט וועגן דער דעפיניציע פון׳ם סאַמע וואָרט דעמאָקראַטיע, וועגן די גרעניצן פון׳ם דאָזיגן באַגריף, ווי מיר האָבן עס ניט לאַנג געזען אין דער עסטרייכישער ס. ד. פּאַרטיי פאַר און נאָך דעם לינצער פּאַרטיי־טאָג.

איך וויל דאָ פּרוּוון העלפן דעם לעזער זיך פונאַנדערצוקלייבן אין דער דאָזיגער שווערער אָבער העכסט וויכטיגער פראַגע.

2.

זאָג איך דעמאָקראַטיע, מיין איך עס פּאָליטישע דעמאָקראַטיע: די פרייהייטן (וואָרט, פּרעסע, געוויסן, פאַראיינען און פאַרזאַמלונגען א. ד. גל.), די גלייכהייט פון אַלע בירגער פאַר׳ן געזעץ, די גלייכהייט פון אַלע דערוואַקסענע אָן אונטערשייד פון ראַסע, פאַרמעגן און געשלעכט צו ווירקן אויף דער געזעצגעבונג און פאַרוואַלטונג פון דער מלוכה (אַלגעמיינע, גלייכע, דירעקטע און פּראָפּאָרציאָנעלע וואַלן מיט געהיימער אָפּשטימונג), דער פּרינציפּ: די מערהייט רעגירט, פּאַרלאַמענטאַריזם, ביז אַ געוויסן גרעניץ אויך די דירעקטע דעמאָקראַטיע: רעפערענדום, פאָלקס־איניציאַטיוו א. ד. גל. די עקאָנאָמישע גלייכהייט, דאָס וואָס מאַקס אַדלער רופט אָן: סאָציאַלע דעמאָקראַטיע, וועלן מיר, ווי פריער, באַצייכענען מיט׳ן אַלטען נאָמען סאָציאַליזם. אָנרופן ביידע זאַכן מיט איין וואָרט: „דעמאָקראַטיע" הייסט נאָר צומישן די באַגריפן און מאַכן שווערער זיך פונאַנדערצוקלייבן אין דעם קנויל פון פראַגן.

די פראַגע וועגן דעמאָקראַטיע דאַרף געשטעלט ווערן פאַר דריי באַזונדערע צייטן: 1) פאַר דער „אָרגאַנישער" צייט, ווען די בורזשואַזיע איז נאָך די הערשערין און דער פּראָלעטאַריאַט זאַמלט ערשט כחות פאַר זיין גרויסן אנטשיידענעם קאַמף. 2) פאַר דער „קריטישער" צייט פון איבערגאַנג, ווען דער פּראָלעטאַריאַט וועט שוין האָבן פאַרכאַפּט די מאַכט און ער וועט

אַנהויבן איבערבויען די געזעלשאַפט אויף סאָציאַליסטישע יסודות.
3) פאַר דער „נייער אָרגאַנישער צייט”, ווען דער פּראָלעטאַריאַט וועט שוין זיין אויפגאַבע האָבן פאַרענדיגט און עס וועט זיך איינשטעלן א פעסטע סאָציאַליסטישע אָרדענונג. פאַראַנען אַזעלכע, וואָס האַלטן די דעמאָקראַטיע פאַר א נויטווענדיגקייט אין אַלע דריי אויסגערעכנטע פּעריאָדן; פאַראַנען אַנדערע, וואָס האַלטן זי פאַר שעדלאַך אָדער איבעריג אין אַלע דריי פּעריאָדן; פאַראַנען אויך אַזעלכע, וואָס זיינען פאַר דעמאָקראַטיע אין איינעם פון די פּעריאָדן און געגן איר אין א צווייטן.

פאַר דעם ערשטן פּעריאָד, ווען די בורזשואַזיע איז נאָך אין מאַכט, האַלטן די קאָמוניסטן די דעמאָקראַטיע פאַר א שווינדל. עס איז בלויז אַן אילוזיע צו פאַרבלענדן די אויגן פון די מאַסן, די פרייהייט עקזיסטירט בלויז אויפ׳ן פּאַפּיר; דער פּאַרלאַמענטאַריזם איז מער ניט, ווי א פייגנבלאַט, וואָס דאַרף פאַרשטעלן פאַר די אויגן פון די מאַסן די דיקטאַטור פון דער בורזשואַזיע. וואָרים איצט האָבן מיר אין אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער א דיקטאַטור פון קאַפּיטאַל. אַנדערש קאָן עס ניט זיין. דעריבער אין די לענדער, וואו עס איז נאָך קיין דעמאָקראַטיע ניטאָ, האָט קיין זין ניט צו קעמפן פאַר דעמאָקראַטיע. מ׳דאַרף ניט אויסברענגען קיין כחות אויף איינצופירן אַזאַ פּאָליטישע אָרדענונג, וואָס איז די בעסטע פאָרם פאַר דער דיקטאַטור פון דער בורזשואַזיע. אויב א קאַמף, איז בלויז פאַר איין ציל — פאַר׳ן סאָציאַליזם, פאַר אוועקשטעלן די דיקטאַטור פון אַרבעט אַנשטאָט דער דיקטאַטור פון קאַפּיטאַל. קיינע פּאָליטישע רעוואָלוציעס, נאָר סאָציאַלע. *)

*) אין די קאָלאָניעס און אין אַזעלכע לענדער, וואָס געפינען זיך פאַקטיש אונטער׳ן פּראָטעקטאָראַט פון די אימפּעריאַליסטישע מלוכות, ווי כינע, למשל, דערלאָזן די קאָמוניסטן יאָ פּאָליטישע רעוואָלוציעס, ווייל דאָרטן טראָגט יעדע רעוואָלוציע א נאַציאָנאַלן כאַראַקטער און איז געווענדט געגן דעם פרעמדן אימפּעריאַליזם, איבערהויפּט געגן ענגלאַנד; צווייטנס, גיבן אַזעלכע רעוואָלוציעס א מעגלאַכקייט דער סאָוועטן־מאַכט זיך אריינצומישן און צו פאַרברייטערן די באַזע פון איר

אין די לענדער, ווידער, וואו עס איז שוין פאַראַנען אַ דעמאָקראַטישע אָרדענונג, האָבן מיר זיך מיט איר ניט וואָס צו צאַצקענען. פאַר'ן פּראָלעטאַריאַט שטייט ניט קיין אויפגאַבע איינצוהיטן און פאַרפעסטיגן די דעמאָקראַטיע. פאַרקערט, פאַר אים לוינט אַמאָל מערער אָראָפּצוואַרפן די דעמאָקראַטיע, כדי אַריינצוטראָגן אין דער געזעלשאַפט אַ כאַאָס, אַ תוהו ובוהו, וועלכער בינדט פאַנאַנדער די אינסטינקטן און קאָן ברענגען צו אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע. צוברעכן די דעמאָקראַטיע הייסט צוזאַמענשטויסן דעם פּראָלעטאַריאַט און די בורזשואַזיע מיט די שטערנס — דערפון קאָן גיכער אַרויסקומען דער גרויסער אַנטשיידנדער קאַמף, דער גרויסער ענדגילטיגער זיג.

אין דער איבערגאַנגס־צייט, בעת דער פּראָלעטאַריאַט האָט שוין פאַרכאַפּט די מאַכט און ער פּרואווט זיך בויען אַ סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט, איז לויט די קאָמוניסטן יעדען מין דעמאָקראַטיע געפערלאַך; אַפילו די מאָס דעמאָקראַטיע, וואָס די בורזשואַזיע גיט אונז איצט, וועלן מיר דעמאָלט ביי איר צונעמען. פאַר דער איבערגאַנגס־צייט — דיקטאַטור און נאָר דיקטאַטור. דיקטאַטור איבער אַלעמען, אַפילו איבער'ן אַרבעטער־קלאַס, אַפילו איבער דער קאָמוניסטישער פאַרטיי. בעת טראָצקי פאָדערט אינערלאַכע דעמאָקראַטיע פאַר דער קאָמוניסטישער פאַרטיי, ענטפערן אים בוכאַרין און סטאַלין: אוממעגלאַך, דאָ קאָן זיין בלויז אָדער גאָר אָדער גאָרניט. גיט איר

איינפלוס צו קריגן קאָנצעסיעס און אפשר אויך אַ שטיקל טעריטאָריע. דאָס איז אין שטאַרק געענדערטע פאָרמען די זעלביגע פּאָליטיק, וואָס עס האָט אין זיין צייט געפירט דער צאַריזם, וועלכער איז לגבי די ענגלישע קאָלאָניעס אויך געווען גרייט צו העלפן יעדער אָפּאָזיציע, אַפילו יעדן אויפשטאַנד. דריטנס, געפינען זיך ניט ווייניג קאָמוניסטן, וואָס האָפן טאַקע באמת, אַז די רעוואָלוציע אין כינע, למשל, זאָל קאָנען ווערן אַ סאָציאַלע און זאָל דאָרטן שאַפן אַ קאָמוניסטישע מאַכט. אַ קאָמוניסטישע פאַרטיי איז שוין דאָרטן פאַראַן, און מיט דער פויערשער מערהייט, האָפט מען, וועט מען זיך שוין אַן עצה געבן. די כינעזער, וואָס האָבן געדינט אין דער רוסישער טשעקאַ, קאָנען דען ניט מאַכן קיין אייגענע טשעקאַ ביי זיך אין דער היים, וואָס?...

דעמאָקראַטיע די קאָמוניסטן אין דער פּאַרטיי אינעווייניג, וועט איר באַלד מוזן געבן דעמאָקראַטיע אויך די אַרבעטער, וואָס שטייען אויסער די ראַמען פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, און נאָך גיך וועט איר קומען צו דעמאָקראַטיע פאַר די מענשעוויקעס און עס־ערן. גיט דעם שטן איין האָר, וועט ער נאָכשלעפּן די גאַנצע באָרד... און ניט די באָלשעוויקעס אַליין, זייער שאַרפּ־סטער געגנער פּלעכאַנאָוו האָט אַמאָל געזאָגט און איז באַשטאַנען אויף זיין מיינונג געגן מאַרטאָוו'ן, אַז אויב דער פּראָלעטאַריאַט וועט האָבן אַ מערהייט, קאָן ער געפינען פאַר נויטיג אָפּצונעמען דאָס וואַלרעכט ביי דער בורזשואַזיע. פּלעכאַנאָוו האָט דעמאָלט ניט אויסגערעכנט, אַז מיט דער זעלבער לאָגיק קאָן מען קומען דערצו, אַז אויב עס לוינט, קאָן מען אָפּנעמען דאָס וואַלרעכט אויך ביי גרויסע טיילן פון די האָרעפּאַשנע מאַסן. די באָלשע־וויקעס האָבן געצויגן פון פּלעכאַנאָוו'ס געדאַנקען אַלע קאָנ־סעקווענצן, ביז צו דער „גע־פּע־או" און סאָלאָוועצקער אינזלען פאַר סאָציאַליסטן און אַנאַרכיסטן. פּלעכאַנאָוו אַליין וואָלט זיך מסתמא דערשראָקן פאַר אָט די קאָנסעקווענצן, אָבער לאָגיש זיינען זיי דורכאויס כשר'ע קינדער פון זיין געדאַנק.

און וואָס וועט זיין, ווען דער סאָציאַליזם וועט זיך שוין איינשטעלן און באַפעסטיגן — וועלן מיר דעמאָלט האָבן דעמאָ־קראַטיע אָדער ניט? די קאָמוניסטן אין רוסלאַנד האָבן אין אָנהויב פון זייער הערשאַפט פּאַרזיכערט, אַז דיקטאַטור איז נאָר אַן איבערגאַנג, נאָר פאַר דער צייט, ווען דאָס איז אַבסאָלוט נויטיג; ווען עס וועט מעגלאַך זיין, וועט מען די דיקטאַטור אָפּשאַפן און איינפירן אַן אמת'ע הונדערט־פּראָצענטיגע דעמאָ־קראַטיע. איצט הויבט מען שוין אָן ביי זיי צו קוקן אויף דער זאַך אַנדערש. איר הערט פון אָנגעזעענע פירער אָפט זאָגן, אַז די דעמאָקראַטיע איז בכלל קיינמאָל גאָרנישט ניט ווערט; די אָרדענונג, וואָס הערשט איצט אין רוסלאַנד — דאָס איז די אמת'ע דעמאָקראַטיע. און אַזוי ווי מאַכט איז זייער אַ גע־שמאַקער ביסן, וואָס קיינער וויל מיט גוטן פון האַנט ניט אַרויס־לאָזן, אַזוי ווי מאַכט אָן קאָנטראָל דעמאָראַליזירט אירע טרעגער

און פון אַ מיטל ווערט זי ביי זיי אַ ציל, איז קיין ספק ניטאָ, אַז ווען די קאָמוניסטן וואָלט זיך אַפילו איינגעגעבן איינצופירן אין רוסלאַנד סאָציאַליזם (דערווייל איז אַזאַ נס ניט געשען), וואָלטן זיי מיט אַלע כחות געזען איינצוהאַלטן די דיקטאַטור. בפרט אַז דאָס איז אַזאַ מין אָרדענונג, וואָס פאַרטעמפּט די מוחות פון די מאַסן, מאַכט זיי אינדיפערענט און מוטלאָז, גיט זיי קיין מעגלאַכקייט ניט פאַר רעוואָלוציאָנערער איניציאַטיוו און פרייער אָרגאַניזאַציע.

אין אונזערע רייען גופא געפינען זיך איינציגע וועלכע גייען אין דעם פרט נאָך ווייטער ווי די קאָמוניסטן גופא. אָט זאָגט אונז געג. צביון, אַז ער האַלט ניט פון דעמאָקראַטיע אַפילו אין אַ סאָציאַליסטישער אָרדענונג. ער וויל, זאָגט ער, אַ סאָציאַליזם פון קלוגע, ניט קיין סאָציאַליזם פון נאַראָנים... אָט די פאַראַכטונג צו דער מאַסע טיילט געג. צביון ניט בלויז מיט'ן אַלטן פּלאַטאָן, מיט דעם אַ סך אינגערן רענאַן און מיט אַ פולע אַנדערע גייסטיגע אַריסטאָקראַטן, וועלכע האָבן געהאַלטן, אַז אין דער צוקונפט וועט די וועלט געפירט ווערן פון פילאָזאָפן אָדער פון אינזשינערן, אפשר פון ביידע, אָבער ניט פונ'ם פאָלק. אין האַרצן קלערן עס אַ סך קאָמוניסטישע און אַפילו סאָציאַליסטישע אַריסטאָקראַטן אָן גייסט; מער ניט וואָס זיי האָבן עס מורא פאַר'ן מויל צו ברענגען, און געג. צביון האָט געהאַט מוט עס אַרויסצוזאָגן.

.3

איך האַלט, אַז אין היינטיגער צייט, ווען די בורזשואַזיע איז נאָך ביי דער מאַכט, איז דעמאָקראַטיע אַן אַבסאָלוטע נויטווענדיגקייט פאַר'ן פּראָלעטאַריאַט. געוויס איז קיין פולשטענדיגע דעמאָקראַטיע איצט ניט מעגלאַך — אין אַ קלאַסן־געזעלשאַפט קאָן קיין פולע פּאָליטישע פרייהייט און גלייכהייט ניט זיין. אָבער אַפילו אין דער מאָס וואָס זי איז איצט מעגלאַך, איז די דעמאָקראַטיע אַ ברכה, וועלכע מיר מוזן זיך דערשלאָגן מיט אַלע כחות, אַפילו פאַר'ן פרייז פון קרבנות. איך בין פאַר דעמאָקראַטיע

צוליב אַ סך טעמים, פריער פאַר אַלץ צוליב דער ווירטשאַפטלאַכער אַנטוויקלונג.

אַלס מאַרקסיסט (קלוגינקע ציניקער, וואָס האָבן עפּעס געהערט וועגן מאַרקס'ן פון דער צענטער האַנט, וועלן ביי דעם וואָרט פּאַרציען די ליפּן אין אַ חוזק־שמייכעלע), בין איך איבערצייגט, אַז דער סאָציאַליזם קאָן אויסוואַקסן בלויז אין אַ הויך אינדוסטריאַליזירטער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט. דער קאַפּיטאַליזם גרייט צו דעם עקאָנאָמישן באָדן פאַר'ן סאָציאַליזם, ער גרייט א ו י ך צו אַ צאָלרייכן פּראָלעטאַריאַט און מאַכט אָביעקטיוו לייכטער זיין אָרגאַניזירונג, ווייל די גרויסע אינדוסטריע אַליין העלפט שטאַרקער ווי אַלץ מיט זיין פאַראייניגונג. וואָס פאַר אַ שאָדן די טראַסטן, למשל, זאָלן ניט ברענגען דעם אַרבעטער־קלאַס אינ'ם איצטיגן מאָמענט, מוז מען זיי דאָך באַגריסן, ווי טרעפלאַך צו אַ סאָציאַליסטישער ווירטשאַפט. און אַזוי ווי אַ קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפט קאָן זיך אַנטוויקלען פריי און אָן שטערונגען נאָר אין אַ מלוכה פון דעמאָקראַטיע, וועלכע גיט די גרעסטע מאָס פון איניציאַטיוו, פרייהייט פון זעלבסט־טעטיגקייט און מעגלאַכקייט צו מאָביליזירן אַלע נויטיגע כחות, בין איך אַן אָנהענגער פון דעמאָקראַטיע צוליב סאָציאַליזם. וואָס מער דעמאָקראַטיע, אַלץ מער מעגלאַכקייט צו ברענגען די ווירטשאַפט גיכער און פולער צו אַזאַ צושטאַנד, ווען זי וועט קאָנען סאָציאַליזירט ווערן. וואָס מער דעמאָקראַטיע, אַלץ רייכער אין צאָל וועט זיין דער טויטן־גרעבער פון קאַפּיטאַליזם, דער פּראָלעטאַריאַט, וואָס וועט קאָנען אָט די ווירטשאַפט סאָציאַליזירן.

איך בין פאַר דעמאָקראַטיע אויך דערפאַר, ווייל ביי גלייכע באַדינגונגען גיט זי דעם אַרבעטער־קלאַס די גרעסטע מעגלאַכקייט זיך צו אָרגאַניזירן אין יוניאָנס, קאָאָפּעראַטיוון און פּאָליטישע פּאַרטייען, צו פירן דעם טאָג־טעגלאַכן קאַמף, צו האָבן אַן אייגענע פּרעסע, אַן אייגענע פּאָליטישע ליטעראַטור, צו באַקומען וואָס מער אַלגעמיינע בילדונג און וואָס מער סאָציאַליסטישן באַוואוסטזיין — הכלל, צו ווערן סוביעקטיוו דאָס, אויף וואָס די אַנטוויקלונג פון דער ווירטשאַפט גיט אים אַ מעגלאַכקייט אָב־

יעקטיוו. אויב איך וואָלט ניט געהאַט קיין אַנדערע באַווייזן, וואָלט איך זיך אין דעם פּרט פאַררופן אויף די קאָמוניסטן גופא. ווילן די קאָמוניסטן אין אַמעריקע, מ'זאָל דאָ ביי זיי צונעמען דאָס רעכט צו האָבן זייערע צייטונגען, דאָס רעכט צו עקזיסטירן לעגאַל אַלס פּאַרטיי? וואָלט עס זיי געמאַכט שטאַרקער צי שוואַכער? אודאי זיינען נאָך פאַראַנען קאָמוניסטישע סעקטאַנטן, וועלכע האַלטן, אַז עס איז צוועקמעסיגער צו זיין אַ פאַרפאָלגטע, אונטערערדישע פּאַרטיי. אָבער די טאַקטיק פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי איז: קאַמף פאַר לעגאַליטעט. אונטערערדישקייט פאַרגרעסערט דעם אידעאַליזם ביי יחידים. זי גיט קיין מעגלאַכקייט ניט צו מאָביליזירן מאַסן. און אויב די דעמאָקראַטיע העלפט צו מאָביליזירן מאַסן אין די קאָמוניסטישע רייען, העלפט זי בכלל צו אָרגאַניזירן די אַרבעטערשאַפט. אין די ניט דעמאָקראַטישע לענדער זיינען די מאַסן־אָרגאַניזאַציעס ניט קיין ברייטע און ניט קיין פעסטע. זיי זיינען אַ קערן אָן אַ פּעריפעריע און יעדער שטאַרקערער ווינטל קאָן זיי ארויסרייסן פון באָדן. אין די דעמאָקראַטישע לענדער האָבן די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס אַ מעגלאַכקייט צו וואַקסן אין דער ברייט און צו פאַרפעסטיגן זיך אין דער טיף. ווי מיינט איר — וואו האָט דער אַרבעטער־קלאַס מערער מעגלאַכקייט זיך צו אָרגאַניזירן, צו קעמפן פאַר זיינע טאָג־טעגלאַכע אינטערעסן און זיך גרייטן צו אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע — אין בעלגיען, עסטרייך און ענגלאַנד, צי אין איטאַליען, אונגאַרן און יוגאָסלאַוויען? מ'וואַרפט אונז אָפט אין פּנים דאָס נייע פּוילן: דאָרט איז דאָך אַ דעמאָקראַטיע, און זעט ווי שווער דאָרט קומט אָן דעם אַרבעטער צו לעבן און קעמפן! אָבער ערשטנס, עקזיסטירט אין פּוילן די דעמאָקראַטיע מערער אויפ'ן פּאַפּיר, ווי אין לעבן; די טאַקטיק פון פּילסודסקי'ן און פון די רעכטע פּוילישע פּאַרטייען איז נעענטער צו מאָסקווע און רוים, ווי צו ווין און לאָנדאָן; און אויף וויפיל אין פּוילן איז פאַראַנען אַ דעמאָקראַטיע, איז זי נאָך יונג, ניט איינגעוואַקסן אין דער פּסיכאָלאָגיע און אין די געוואוינשאַפטן פון די מאַסן. צווייטנס, ביי אַלע רדיפות

און באגרענעצונגען האָבן די קאָמוניסטן אין פוילן א מעגלאכ־קייט ארויסצוגעבן זייערע צייט־שריפטן — זאָל זיין, ניט אונ־טער זייער אייגענער פירמע — צו פירן וואל־קאמפאניעס און שיקן זייערע דעפוטאטן אין סיים. איז דאָס אין רוסלאנד מעגלאך פאר דער סאָציאל־דעמאָקראטיע? הלואי וואָלטן די סאָציאליסטן אין רוסלאנד געהאט כאָטש א העלפט פון די מעגלאכקייטן, וואָס די קאָמוניסטן האָבן אין פוילן!... יאָ, אין פוילן זעצט מען קאָמוניסטן אין טורמע. נו, און אין רוסלאנד זעצט מען סאָציאליסטן און אנארכיסטן ניט אין טורמע? איז דאָך פוילן א בורזשואזע מלוכה; אירע טורמעס זיינען ניט קיין פלעק אויף דער סאָציאליסטישער פאָן; א פוילישע טורמע רע־וואָלוציאָניזירט די וואָס זיצן אין איר; א סאָוועטישע טורמע ברענגט פארביטערונג געגן סאָציאליזם, ברענגט אנטוישונג אין דעם, וואָס מ'רופט ארבעטער־מאכט: ניט יעדער איינער קאָן דאָך אָפטיילן די קאָמוניסטישע אָרדענונג פון דער ארבעטער־מאכט, וואָס איז אונזער אידעאל. אין מאָמענט פון פארביטע־רונג איז עס געוויס שווער אָפצוטיילן. די „גע פע או" אין רוסלאנד גיט דער פוילישער רעאקציע אן אויסרייד פאר איר דעפענסיווע. דער רויטער טעראָר אין רוסלאנד מאכט שווערער דעם קאמף געגן וויסן טעראָר אין פוילן.

איך האָב שוין אויבן דערמאָנט וועגן דער מעגלאכקייט פון קולטור, וואָס די דעמאָקראטיע גיט דעם ארבעטער־קלאס. דאָס איז דעם ארבעטער נויטיג פאר זיין וואוקס, אלס מענש. דאָס איז אים אויך נויטיג, כדי צייטיג צו ווערן פאר זיין גרויסער ראָלע — איבערצונעמען די פארוואלטונג איבער דער ווירט־שאפט. קולטורלאָזיגקייט איז א גרויסער שטער פאר ארבעטער־קאמף און אפשר נאָך א גרעסערער שטער אויסצונוצן דעם זיג.

ווילט איר וויסן, ווי וויכטיג דעמאָקראטיע איז פאר'ן אר־בעטער, אלס מענש און קעמפער — פרעגט די געגאָסן, וועלכע זיינען אין דער צייט פון צאריזם אויף א קורצע ווײלע געקומען פון אמעריקע קיין רוסלאנד. דאָ האָבן זיי געקרימט מיט דער נאָז אויף דער דעמאָקראטיע, און דאָרט האָט זיי די ערשטע

באַגעגעניש מיט אַ זשאַנדאַר אָדער אַ גאָראָדאָוואָי, דאָס ערשט ביסל לופט, וואָס זיי האָבן אַריינגעאָטעמט איבערגייענדיג די גרעניץ, גלייך געגעבן צו פילן, ווי טייער די אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע איז. מיט דעמאָקראַטיע איז ווי מיט׳ן געזונט: מ׳הויבט עס אָן אָפּצושאַצן ערשט, ווען מ׳פאַרלירט עס.

אין אַן עפנטלאַכער דעבאַטע מיט מיר האָט געג. צביון געזאָגט: איך קאָן אויסקומען אָן פרייע פּרעסע: קיין אמת׳ע פרייהייט פאַרמאָגט די פּרעסע איצט סיי ווי אין ערגעץ ניט... זאָל געג. צביון אדרבא פאַרגלייכן דאָס ביסל „ניט אמת׳ע" פרייהייט, וואָס דער סאָציאַליסטישער „פאָרווערטס" און די קאָמוניסטישע „רויטע פאַנע" האָבן אין בערלין,*) מיט דער פולשטענדיגער געבונדענקייט פון דער פּרעסע אין מאָסקווע און רוים, און זאָל ער דעמאָלט זאָגן, צי איז דאָס ביסל ניט אמת׳ע פרייהייט פון פּרעסע וואָס מיר געניסן אין די דעמאָקראַטישע לענדער עפּעס ווערט אָדער ניט. צווישן אַ רויטשילד און אַן אָרימאַן, וואָס שטאַרבט פון הונגער, זיינען פאַראַן אַ סך גראַדאַציעס; און אויב איך קאָן ניט זיין קיין רויטשילד, הייסט עס נאָך ניט, אַז מיר מאַכט ניט אויס אַרומצוגיין מיט אַ טאָרבע איבער די הייזער...

די דעמאָקראַטיע, דער פּרינציפּ פון אַ מערהייט, וואָס הערשט, איז דערווייל דער בעסטער, דער פולקאָמענסטער פּרינציפּ פון אָרגאַניזאַציע, פאַרוואַלטונג און קאָנטראָל. די דעמאָקראַטיע האָט גרויסע חסרונות — געוויס: אַלץ, וואָס מענשלאַך איז ניט פולקאָם; און די דעמאָקראַטיע עקזיסטירט דאָך איצט ביי עקאָנאָמישער ניט גלייכהייט, וועלכע באַגרעניצט זי פון אַלע זייטן. אָבער ביי אַלע חסרונות ווייס נאָך די וועלט דערווייל‏ע ניט קיין בעסערן, קיין ריכטיגערן פּרינציפּ פון אָרגאַניזאַציע, פון אויסנוצן דעם מאַקסימום קרעפטן, פון איניציאַטיוו און זעלבסטטעטיגקייט, ווי דעמאָקראַטיע. דאָס איז וויכטיג פאַר די אַרבעטער, אַלס מענשן, אַלס בירגער פון לאַנד. זיי לעבן אין

---

*) דער אַרטיקל איז געשריבן געוואָרן, ווען דייטשלאַנד איז נאָך געװ׳ אַ דעמאָקראַטישע רעפּובליק.

אַ מלוכה, ווילן זיי, זי זאָל זיך פירן וואָס בעסער, ווען ניט ווען זיי דערפון ליידן מער, ווי אַנדערע. אָבער דאָס איז פאַר זיי וויכטיג אויך אַלס סאָציאַליסטן, אַלס קעמפער פאַר אַ נייער געזעלשאַפט. אין די פאַרלאַמענטן, אין די אָרגאַנען פון דער שטאָטישער זעלבסטפאַרוואַלטונג שטעלט זיך דער אַרבעטער פנים אל פנים מיט די הערשנדע קלאַסן; דאָס איז אַ שלאַכט־פעלד און צוזאַמען מיט דעם אַ שול פון בולט'ן קלאַסן־קאַמף. אָבער די פאַרלאַמענטן און די אָרגאַנען פון שטאָטישער זעלבסט־פאַרוואַלטונג זיינען אויך אַ שול, וואו דער אַרבעטער לערנט זיך פאַרוואַלטן און קאָנטראָלירן, אָנפירן און אָרגאַניזירן דעם מלוכה־לעבן — אַלץ, וואָס וועט אים זיין נויטיג, בעת ער וועט איבערנעמען די מאַכט איבער דער געזעלשאַפט, כדי בעת דער גרויסער טאָג וועט קומען, זאָל ער ניט אַריינפאַלן פון איין בייטש אונטער דעם אַנדערן, כדי אין דער ווירטשאַפט זאָל דעמאָלט ניט ווערן קיין כאָאָס, וואָס וועט צווינגען זיך אומצוקערן צוריק אָדער אָנצוקומען צו „ספעצן" און אַריינעמען דורכ'ן פענסטער די זעלביגע באַלעבאַטים, וועלכע מ'האָט נאָר־וואָס אַרויסגעטריבן דורכ'ן טיר.

דער אַרבעטער־קלאַס ערציט זיך צו אָנפירונג און פאַרוואַלטונג אין די אויסגעוויילטע קערפערשאַפטן פון דער מלוכה, אָבער זיינע אייגענע קלאַסן־אָרגאַניזאַציעס: די יוניאָנס, קאָאָפעראַטיוון, קראַנקען־קאַסעס, די פּאָליטישע פאַרטיי גיבן אים אויך אַזאַ ערציאונג. וואָס מער דעמאָקראַטיע אין אַ לאַנד, אַלץ גרעסער זיינען ביי גלייכע באַדינגונגען די אָרגאַניזאַציעס פונ'ם אַרבעטער־קלאַס, אַלץ עפנטלאַכער ווערן באַהאַנדלט אַלע פראַגן, אַלץ שטאַרקער וואַקסט דאָרט די געזעלשאַפטלאַכע מיינונג פון פּראָלעטאַריאַט, אַלץ מער רוקן זיך דאָרט אַרויס און ערציען זיך די קרעפטן, וואָס זיינען פעאיג אָנצופירן. אין אַ דעספּאָטיע, וואו די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס מוזן אַרבעטן קאָנספּיראַטיוו, אונטער דער ערד, קאָן זיך אין זיי ניט אַנטוויקלען קיין דעמאָקראַטיע, ווערט שטאַרק פאַרמינערט זייער ערציערישע באַדייטונג.

די אינוועניגסטע דעמאָקראַטיע פון די אַרבעטער־אָרגאַני־זאַציעס פאַרמאָגט אַ קלענערן פאַרנעם, פאַרכאַפּט אַ שמעלערן שטח, ווי דאָס מלוכה־לעבן. דערפאַר ווירקט זי אויף די אַר־בעטער־מאַסן מער דירעקט. אין די מלוכה־קערפּערשאַפטן נעמען אַ שטענדיגן דירעקטן אַנטייל נאָר אַ קליינע צאָל טוער און פירער פון דער אַרבעטערשאַפט. די מאַסן ווערן דירעקט פאַראינטע־רעסירט אין די אַלגעמיינע מלוכה־אויפגאַבן בלויז אין מאָמענטן פון וואַל־קאַמפּאַניעס, רעפערענדומס, א. ד. גל. די אינערלאַכע דעמאָקראַטיע אין די אייגענע אָרגאַניזאַציעס באַרירט נעענטער, אינטימער; זי ווירקט אויף גרעסערע שיכטן פון דער אַרבע־טערשאַפט. אין דער אינערלאַכער דעמאָקראַטיע ווערן צוגע־צויגן די אויסדערוויילטע, וואָס הויבן זיך שפּעטער אויף צו דער מדרגה פון מלוכה־אויפגאַבן.

יאָ, די אינערלאַכע דעמאָקראַטיע איז אַ שטאַרקער ערצי־אונגס־מיטל. מעג אַ דיקטאַטאָר טאָן זיין אַרבעט ווער ווייסט ווי גוט, איז דער רעזולטאַט שטענדיג קלענער און ערגער, איידער ווען די אַרבעט ווערט געטאָן פון אַ דעמאָקראַטישער קאָלעגיע. דער באַסיזם דעמאָראַליזירט די מיטגלידער, ער גיט זיי ניט קיין ווילן, ניט קיין מעגלאַכקייט ארויסצואווייזן איניציאַטיוו. ביים דיקטאַטאָר אַליין ווערט וואָס ווייטער אַלץ שווערער אָפּצוטיילן זיין אייגענע פּערזאָן פון דער אַלגעמיינער אַרבעט, ער געטרויט קיינעם ניט אויסער זיך, דערפאַר זיך אַליין געטרויט ער שוין צופיל. גייט אַזאַ באָס אַוועק, לאָזט ער איבער אַ לעדיגן אָרט; ער קאָן ניט געבן קיין יורשים, קיין נייע פלאַנצונגען. די זעלבסטשטענדיגקייט פון די מיטגלידער ערציט געפילן פון פאַר־אַנטוואָרטלאַכקייט און איניציאַטיוו, זי הויבט דעם טייג, פון וואַנען פירער ווערן געקנאָטן, זי גיט אַ גענוג גרויסן אָנפירנדן און קאָנטראָלירנדן קאָלעקטיוו.

און דאָ קומען מיר צו דער שרייענדיגסטער טענה פון אונ־זערע געגנער פון לינקס. אין אַ בורזשואַזער געזעלשאַפט, טענה'ן זיי, איז קיין אַנדער זאַך ניטאָ, ווי דיקטאַטור פון דער בורזשואַזיע. אַלגעמיינע וואַל־רעכט און פּאַרלאַמענטאַריזם זיי־

נען פּונקט אַזאַ פאָרם פאַר דיקטאַטור פון קאַפּיטאַל, ווי סאָ־וועטן־סיסטעם איז אַ פאָרם פאַר דיקטאַטור פון אַרבעט.

דאָס איז ניט ריכטיג. שוין דערפאַר אַליין, וואָס אין אַ פּאַרלאַמענטאַרישער מלוכה קאָנט איר בייטן די רעגירונג דורך פרידלאַכע וועגן, בעת אין אַ דעספּאָטיש־דיקטאַטאָרישער קאָנט איר זי בייטן בלויז דורך אַ פאַרשווערונג, אָדער דורך אַן אויפ־שטאַנד — מיט געוואַלט. אין אַ דעמאָקראַטישער מלוכה זיינען ברייטער אָדער שמעלער אָפן די טירן פאַר די געגן־קרעפטן; אין אַ דעספּאָטיע זיינע אַלע עפענונגען פאַרקלאַפּט און די אומצו־פרידנקייט — ענטוועדער זי ווערט דערשטיקט אינעווייניג, אָדער זי ברענגט צו אַן אויפרייס.

און עס איז אַ טעות צו מיינען, אַז וויבאַלד דעמאָקראַטיע באַטייט די הערשאַפט פון דער מערהייט, הייסט עס די זעלביגע זאַך, וואָס דיקטאַטור. ניין, דיקטאַטור הייסט ווען אַ מערהייט ווערט פאַרגוואַלדיגט פון אַ מינדערהייט. און אַפילו ווען די דיקטאַטור איז פון אָנהויב אַרויס פון דער מערהייט און האָט אויסגעדריקט איר ווילן, ווערט זי סוף כל סוף פאַרוואַנדלט אין אַ דיקטאַטור איבער דער מערהייט. אַ דיקטאַטור שאַפט דאָך אָפּ אַלע רעכטלאַכע נאָרמען, מאַכט אוממעגלאַך יעדן קאָנטראָל. אַ דיקטאַטור וויל זיך ניט רעכענען אַפילו מיט דער מערהייט, אין וועמעס נאָמען זי טראָגט די מאַכט; זי וויל אַרבעטן פאַר איר און ניט מיט איר און דורך איר.

אין אַ דעמאָקראַטישער סיסטעם איז אַנדערש: ווען אַפילו די מערהייט הערשט, טוט זי ניט און קאָן ניט טאָן אַלץ, וואָס זי וויל; זי מוז זיך ביז צו אַ געוויסן גראַד רעכענען מיט דער מינדערהייט. שוין ניט רײדן דערפון, וואָס אין אַ סך לענדער איז די מערהייט אין פּאַרלאַמענט אַ צונויפגעשטעלטע פון עט־לאַכע פּאַרטייען, אין משך פון דער סעסיע קאָן זיך די מערהייט ניט איין מאָל בייטן, איינינע גרופּעס גייען אין איר אַריין און אַנדערע גייען אַרויס, פאַרשיידענע געזעצן ווערן אָנגענומען אָדער אָפּגעוואָרפן ניט דורך איינע און די זעלביגע מערהייט,

און אויף אַזאַ'ן אופן איז די מערהייט פון פּאַרלאַמענט זייער אַ פּילבאַרער באַראָמעטער צו ווייזן דעם פּאָליטישן וועטער, צו אַנטפּלעקן יעדער ענדערונג אין דער קרעפטן־פאַרהעלטניש.

די מערהייט מוז זיך ביז צו אַ געווּיסן גראַד רעכענען מיט דער מינדערהייט; זי קאָן ניט צו שטאַרק אָנציען די סטרונע, ווייל זי וועט זיך דאַרפן נאָך אַמאָל באַווייזן פאַר די וויילער, און דער זיג פון היינט קאָן מיטברענגען אַ דורכפאַל מאָרגן ביי די וואַלן: די מערהייט קאָן ווערן אַ מינדערהייט. דעריבער טרעפט איר אויף טריט און שריט, אַז דאָס, וואָס די מערהייט פירט ענדגילטיג דורך, אַלס געזעץ, איז ניט אין גאַנצן דאָס, וואָס זי האָט לכתחילה אַריינגעטראָגן און געוואָלט דורכפירן. ווייל די מינדערהייטן האָבן אויך עפּעס צו זאָגן, און אויב זיי זיינען אַקטיוו און האָבן אַן אַקטיווע שטיצע אויסער די ווענט פון פּאַרלאַמענט, מוז מען זיך מיט זיי רעכענען; און פאַרשיידענע מינדערהייטן פון פאַרשיידענע זייטן גיט זיך איין ארומצושלייפן דעם געזעץ, אַרומצוהאַקן זיינע שאַרפע שפּיצן. קאַרל רענער דערציילט, אַז נאָך דער רעוואָלוציע זיינען אין עסטרייכישן מלוכה־ראַט געווען 5 סאָציאַל־דעמאָקראַטן און 18 בירגערלאַכע, און גאָר אין אַ סך פאַלן האָבן די 18 מיט ציינקריצעניש געמוזט באַשליסן דאָס, וואָס די 5 האָבן פאָרגעלעגט. יעדער מערהייט, אויב זי וויל זיך האַלטן, מוז אָפּשפּיגלען די אָביעקטיווע נויטווענדיגקייט, מוז זיך רעכענען, צי וועלן די מינדערהייטן זיך אונטערגעבן אָדער זיי וועלן אָננעמען אַנדערע אויסער־פּאַר־לאַמענטאַרישע מיטלען: זי מוז זיך רעכענען מיט דעם, ווי ווייט די געזעלשאַפט אין גאַנצן וועט אויפנעמען דעם נייעם געזעץ, צי וועט עס געבן דער איצטיגער מערהייטס־פּאַרטיי אַ צופלוס אָדער אַן אָפּפלוס פון מיטגלידער און מיטלויפער. אַפילו אין ענגלאַנד, וואו די קאָנסערוואַטיווע פּאַרטיי האָט איצט אַ גרויסע מערהייט, האָט די פּאַר'עקשנ'ט־רעאַקציאָנערע פּאָליטיק פון די קאָנסערוואַטאָרן געווירקט אַזוי, אַז ביי די אָפּטע דערגענ־צונגס־וואַלן גייען דורך די קאַנדידאַטן פון דער לייבאָר־פּאַרטיי. דאָס, וואָס די קאָנסערוואַטיווע רעגירונג האָט אַזוי שטאַרק מיט־

געהאָלפן דעם דורכפאַל פון דעם גרויסן מיינער־סטרייק, האָט פארגרעסערט דעם פּאָליטישן איינפלוס פון דער לייבאָר־פּארטיי און אירע אויסזיכטן ביי די קומענדיגע אַלגעמיינע וואַלן.

דערמיט ערקלערט זיך דער דורכאויס אומפארשטענדלאַכער פאַקט, וואָס קאַפּיטאַליסטישע פּארטייען שטימען פאַר ארבעטער־שוץ־געזעצן, וועלכע זיי האסן אין הארצן, זיי נעמען אָן פאַר־ברייטערונגען פונ׳ם וואַל־געזעץ, וואָס זיינען דירעקט געגן זייערע קלאַסן־אינטערעסן. א מאָנארך, צי א דיקטאטאָר א דעספּאָט מוז זיך רעכענען מיט׳ן כלל: בעסער נאָכגעבן עטוואָס, אבי איינצוהאַלטן דאָס איבעריגע... אָבער דאָרטן קומט עס פאָר דורך א שפּיל פון קאַפּריזן, די איינגעשפּארטקייט איז צו גרויס, די נאָכגעביגקייט צו קליין, מ׳גיט נאָך צו שפּעט און מ׳זוכט באַלד צו כאַפּן צוריק דאָס, וואָס מ׳האָט נאָכגעגעבן. די דעמאָ־קראַטיע איז עלאַסטיש, די נאָכגעביגקייט קומט דאָ פאַר אָרגאַ־ניזירט, רעגולירט, מערער אין דער צייט.

און עס איז ניט אמת, אז דעמאָקראַטיע איז די בעסטע פאָרם פאַר דער הערשאפט פון דער בורזשואַזיע. די אינטערעסן פון דער קאַפּיטאַליסטישער אנטוויקלונג זיינען ניט אַלע מאָל דאָס זעלבע, וואָס די אינטערעסן פון די קאַפּיטאַליסטן. עס טרעפט זייער אָפט, אז צוליב די אינטערעסן פון זייער פּראָפיט שאַדן די קאַפּיטאַליסטן גופא די אינטערעסן פון דער ווירט־שאַפטלאַכער אנטוויקלונג. פאַר דער פרייהייט פון דער קאַפּי־טאַליסטישער אנטוויקלונג איז די בעסטע פּאָליטישע פאָרם דע־מאָקראַטיע. פאַר די פּריוואַטע אינטערעסן פון די קאַפּיטאַליסטן איז די בעסטע פּאָליטישע פאָרם — דער מעסיגער ליבעראַליזם. די בורזשואַזיע אַליין וועט אויף דעמאָקראַטיע קיינמאָל ניט איינגיין. זי איז געצוואונגען צו לאָזן זיך בויגן אונטער׳ן קאַמף פון די מאַסן. אזוי אז אין גרונט גענומען איז דעמאָקראַטיע די פּאָליטישע פאָרם, וואָס איז נויטיג פאַר די מאַסן צו אָרגאַ־ניזירן זייער דרוק אויף דער בורזשואַזיע.

און אין אַן אמת׳ער דעמאָקראַטיע עקזיסטירן איצט געזעצן צו גאַראַנטירן די רעכט פון די מינדערהייטן. פרידריך אַדלער

שרייבט וועגן דעם („קאמף", נאָוועמבער, 1926) אזוי: „די דעמאָקראַטיע וועט שטענדיג זיין לעבנס־פעאיג, וואו זי איז געווענדט געגן פריווילעגיעס פון א מינדערהייט; זי איז שטענדיג אין געפאַר אויפגעריסן צו ווערן, ווען זי איז געווענדט געגן די לעבנס־נויטווענדיגקייטן פון א מינדערהייט. אין א לאַנד מיט א פויערישער מערהייט, קאָן זיך מאכן, אז די אינטערעסן פון דער שטאָטישער מינדערהייט זאָלן אזוי שטאַרק אונטערגעדריקט ווערן, אז יענע זאָל ניט געפינען קיין אַנדער וועג ווי אַן אויפשטאַנד. ניין, די מאַכט פון דער מערהייט האָט א גרעניץ, ווען די מינדערהייט קאָן אין ערגעץ קיין רעכט ניט געפינען. פונקט אזוי ווייניג קאָן מען אויפ'ן גרונט פון מערהייטס־פּרינציפּ אָפּשאַפן די לעבנס־נויטווענדיגקייטן פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. עס זיינען פאַראַנען עקאָנאָמישע און נאַציאָנאַלע גרופּירונגען, געגן וועלכע די דעמאָקראַטיע קאָן באַשטיין נאָר דעמאָלט, ווען זי אַנערקענט די אויטאָנאָמע רעכט פון די מינדערהייטן".

„דערפון, — זאָגט אדלער ווייטער, — וואָס די מינדערהייטן האָבן א רעוואָלוציאָנערע רעכט צו פאַרטיידיגן זייערע לעבנס־נויטווענדיגקייטן, וויל מען לייכט ארויסדרינגען דעם פאַלשן שלוס, אז מ'קאָן אויך אויפרייסן די דעמאָקראַטיע, כדי אומצוקערן דעם שפּיץ און פּרואוון מאכן אזוי, אז די מינדערהייט זאָל פאַרגוואַלטיגן די מערהייט. באזונדערס אין יענע לענדער, וואו די אינדוסטריע איז פאַרהעלטניסמעסיג זייער שוואַך אַנטוויקלט און די אַרבעטערשאַפט האָט נאָך אויף לאַנג קיין אויסזיכט ניט צו ווערן א מערהייט — דאָרטן ווירקט שטאַרקער אויף די מוחות אָט דער פאַלשער שלוס. פונ'ם סאָציאַל־דעמאָקראַטישן שטאַנדפונקט קאָן באַרעכטיגט ווערן נאָר א פאַרטיידיגונגס־קריג פון א מינדערהייט געגן א מערהייט, וואָס מיסברויכט מיט דער דעמאָקראַטיע. קיינמאָל אָבער קאָן ניט באַרעכטיגט ווערן קיין אָנגריפס־קריג, וואָס א מינדערהייט פירט געגן דער דעמאָקראַטיע, כדי צו פאַרגוואַלטיגן די מערהייט".

ניין, דער דעמאָקראַטישער מערהייטס־פּרינציפּ איז ווייט

פון דיקטאַטור, און ווען ביי אַ קאַפּיטאַליסטישער מערהייט איז דער פּאַרלאַמענט אַ סך נעענטער צו דער בורזשואַזיע, דריקט ער דאָך ניט ווילנדיג אויס אַ שטיק ווילן פון דער מינדערהייט שוין איצט, און ער העלפט דער פּראָגרעסיווער מינדערהייט צו ווערן מיט דער צייט אַ מערהייט.

פּראָלעטאַרישע קולטור

פראָלעטאַרישע קולטור.

1.

פאַראַנען פּראַזן, וועלכע גייען אַריין אין דער מאָדע. מען דרעשט זיי אויף אַלע ציינגער, מען רייבט זיי אויף אַלע פּעדערס און דורך דעם ווערן זיי אָפּגעריבן, באַנאַליזירט; יעדער איינער לייגט אין זיי אַריין אַנאַנדער אינהאַלט, און אַ סך פון די, וואָס חזר'ן זיי איבער צען מאָל אַ ווײַלע, לייגן אין זיי קיין שום אינהאַלט נישט אַריין. אַזאַ מאָדע־פּראַזע, אַ גאַנגבאַרע סחורה פאַר דעמאַגאָגן, איז איצט געוואָרן דאָס ווערטל „פּראָלעטאַרישע קול־טור". פּרואוון מיר זיך פאַנאַנדערקלײַבן אין דעם אינהאַלט פון דער דאָזיגער שוין באַנאַליזירטער פּראַזע.

פריער פאַר אַלץ, ווי דאַרף זיך דער פּראָלעטאַריאַט באַציען צו די גרויסע קולטור־אוצרות, וואָס זײַנען געשאַפן געוואָרן ביז אים, אין די צייטן פון שקלאַפן־ווירטשאַפט, פעאָדאַליזם און קאַפּיטאַליזם. וואַרפט ער זיי אינגאַנצן אָפּ? נעמט ער זיי אינגאַנצן אָן? מ. ראַפעס האָט אין זומער, 1919, אין קיעוו אויף דער ערשטער קאָנפערענץ פון דער קולטור־ליגע אַזוי געזאָגט: „מיר, אידישע קאָמוניסטן, זײַנען דער גרויסער בעזים, וואָס וועט אויסקערן פון דער אידישער אַרבעטער־גאַס אַלע אייערע מענדעלאַך, פּרצעס, שלום־עליכמס, די גאַנצע קליינ־בירגערלאַכע קולטור אייערע". דאָס הייסט, אינגאַנצן זיך אָפּזאָגן פון דער ירושה, בלייבן, לויט דעם אויסדרוק פון לעאָניד אַנד־רעיעוו'ס סאַוואַ, „אַ נאַקעטער מענש אויף דער נאַקעטער ערד". קאָן דער פּראָלעטאַריאַט זיך אָפּזאָגן פון דער ירושה? דאַרף ער זיך פון איר אָפּזאָגן?

פאַלט דאָך איצט קיינעם אפילו נישט איין, אַז צוליב פּראָלעטאַרישער ריינקייט זאָל דער אַרבעטער־קלאַס צוברעכן אַלע

מאַשינען, פאַרניכטן אַלע טעכנישע מיטלען פון דער בורזשואַזער וועלט. און וואָלט עס עמיצן איינגעפאַלן, וואָלטן אים די לינק־סטע אַפילו אָנגענומען פאַר משוגע. ביי קיינעם איז נישטאָ אַפילו דער מינדסטער ספק, אַז דער פּראָלעטאַריאַט מוז איבער־נעמען די אוצרות פון טעכניק, וואָס די בורזשואַזע וועלט האָט אָנגעזאַמלט. פאַר אַלעמען איז קלאָר, אַז אין דער דאָזיגער ירושה איז פאַרקערפּערט אַ געוואַלטיגע מאַסע מענשלאַכע ענערגיע, און צוגלייך מיט דעם געוואַלטיגע מעגלאַכקייטן פון ווייטערדיגער פּראָדוקטיווער אַרבעט, און פאַרניכטן דאָס אַלץ, וואָלט געהייסן פאַר'ן פּראָלעטאַריאַט זיך אַליין בדלות שטעלן.

און וואָס עס איז אַלף־בית קלאָר, ווען עס האַנדלט זיך אום מאַטעריעלער קולטור, איז אויך ריכטיג בנוגע גייסטיגער קולטור. דאָ האָבן מיר אויך אוצרות פון געדאַנקען, שטימונגען, סימבאָלן און אַסאָציאַציעס, קוואַלן פון שיינקייט, וואָס ווען די מענשהייט זאָל זיי מיט אַמאָל פאַרלירן, וואָלט זי געוואָרן גייסטיג בדלות; אַן אוצר פון פאָרמען, מעטאָדן און וועגן פון שאַפונג, וואָס ווען זיי זאָלן מיט אַמאָל אָפּגעווישט ווערן, וואָלטן מיר זיך אומגע־קערט צוריק צו אונזער וועלד־בהמה'שער קינדהייט און געמוזט אָנהויבן אַלץ פון בראשית. קולטור איז דאָך נישט קיין אויסער־לאַכע זאַך, וואָס מען קאָן אַראָפּשאַרן, אויסקערן. דאָס איז אַ סיסטעם פון איינגעוואָרצלטע געוואוינשאַפטן, שווערע אָנשטרענ־גונגען, וואָס זיינען דורך לאַנגע דורות פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אינסטינקטן, פון וועלכע מען קאָן מיט אַמאָל נישט אַרויס־שפּרינגען, אַפילו מען זאָל דאָס וועלן. דאָס איז די אָרגאַניזירטע גייסטיגע דערפאַרונג פון דער מענשהייט, וואָס האָט זיך איינ־געוועבט אין אונזער פּסיכיק און איז געוואָרן די שוואַרצע ערד, פון וועלכער עס וואַקסן אַרויס די נייע קולטור־שפּראָצונגען. קיין נייע קולטור קאָן נישט אַרויסשפּרינגען פון העלער הויט. זי איז און קאָן זיין נאָר די ווייטערדיגע אַנטוויקלונג פון דעם, וואָס פאַר איר. די סאָציאַליסטישע קולטור, ווי דער סאָציאַליזם גופא, איז דער גייסטיגער צווייג אויפן גרויסן בוים פון דער מענשלאַכער אַנטוויקלונג, האַקן מיר אונטער דעם בוים, פאַלט דער איינגסטער צווייג מיט אים צוזאַמען.

נעמען מיר די גרויסע ווערק, וואָס די מענשהייט האָט אין איר געשיכטלאכן גאַנג באַשאַפן. לויט זייער פאָרם זיינען דאָס קוואַלן פון שיינקייט, וועלכע פאַרשאַפן אונז נאָך היינט מינוטן גליק, פרישן אָפּ, פאַרפיינערן די געפילן, הויבן דעם טעמפּ פון לעבן; דאָס זיינען אויך מוסטערן און אויסגאַנגספונקטן פאַר נייער ווייטערדיגער שאַפונג. און אין די דאָזיגע ווערק שטעקט אַ טיפער מענשלאַכער אינהאַלט, אַ גרויסע אידייע, וועלכער זיי האָבן צו פאַרדאַנקען זייער קיום דורך דורות. אין זיי איז אָפּט פאַראייביגט דער אָטעם פון אַ גרויסן קאַמף. און זאָל זיין, אַז מיר זיינען שוין יעדע אידייע לאַנג אַריבערגעוואַקסן; זאָל זיין, אַז דער ציל פון יענעם קאַמף האָט שוין לאַנג פאַר אונז פאַרלאָרן זיין לעבעדיגן ווערט; אָבער דער אימפּעט פון קאַמף, די באַגייסטערונג פאַר אַן אידייע, דער עקסטאַז, דער טיפער ליכטיגער גלויבן, די איינגעשפּאַרטקייט, וועלכע איז גרייט אויף די גרעסטע קרבנות — דאָס אַלץ לעבט נאָך אין ווערק, צינדט אָן און דערהויבט אונז נאָך היינט.

וועט מען פרעגן: ווי קאָן מעןריידן וועגן דער מענשהייט? די קולטור איז דאָך געשאַפן געוואָרן אין אַ קלאַסן־געזעלשאַפט; דער שעפער איז געווען אַ קינד אָדער אַ געדונגענער פון די הערשנדיגע קלאַסן; פון זיי האָט ער באַקומען זיינע אָנרעגונגען, זיין אינהאַלט; ווילנדיג און נישט ווילנדיג האָט ער אויסגעדריקט זייערע אינטערעסן און שטרעבונגען. דאָס איז אמת, אָבער נישט דער גאַנצער אמת: אַ גרויסער קינסטלער שעפּט זיין אינהאַלט נישט פון זיך אַליין און נישט בלויז פון די נאָענטע שיכטן, וואָס אַרום אים, נאָר פון די טיפע פאָלקס-קוואַלן. אַ גרויס ווערק ציט יניקה פון דער אוממיטלבארער שאַפונג פונ׳ם פאָלק, פון זיינע מעשה׳לאַך, לעגענדן, לידער און ווערטלאַך. דער קינסטלער זאַפּט איין די בענקעניש פון די מאַסן, זייערע שטימונגען און פאַנטאַזיעס, באַגריפן און אידעאַלן, וועלכע קאָנען ביי די מאַסן אַליין צום אויסדרוק נישט קומען. ער ליטערט עס, פרעסט צענויף שטויב אין אַ דימענט; אָבער דעם שטויב האָט ער געזאַמלט פון די טיפסטע פאָלקס־קוואַלן, וועלכע האָבן אין זיך עטוואָס אייביגס, מענשלאַכס בכלל. אַ

קינסטלער, וואָס קאָן אין זיין „איך" נישט אָפּשפּיגלען דעם „איך" פון מיליאָנען, וואָס קאָן נישט אַריינדרינגען טיפער פון אויסערלאַכקייטן, ווייטער פון מאָמענט, אַזאַ קינסטלער לאָזט נישט איבער קיין ירושה; זיינע ווערק לעבן אים נישט איבער.

און דאַרום, מעגן די אַלטע גריכן זיין שקלאַפן־הערן; אָבער דער סימבאָל פון פּראָמעטעאוס, פונם טיטאַן, וואָס האָט גע'גנב'עט ביי די געטער פייער און האָט עס געבראַכט דער אָרימער קינדישער מענשהייט, און דערפאַר האָט מען אים צוגעשמידט צו אַ פעלז, און רויב־פויגלען פּיקן זיין ברוסט פון אייביגקייט ביז אייביגקייט —— בלייבט איינער פון די טיפסטע סימבאָלן פאַר דער גאַנצער מענשהייט. און איקאַר, וועלכער שאַפט זיך וואַקסענע פליגלען אויף פליען צו דער זון, און די זון, צו וועל־כער ער ציט זיך, צעשמעלצט זיינע פליגלען, און איקאַר שטירצט צו דער ערד — איז אַ סימבאָל פאַר דער גאַנצער מענשהייט. מעג שעקספּיר זיין אַ דעקלאַסירטער קאָמעדיאַנט, אַ טעלער־לעקער ביים הויף פון דער ענגלישער קעניגין עליזאַבעטע, מעג גע־טע זיין אַ דייטשער ביוראָקראַט, אַ עגאָאיסטישער הויף־מאַן — „פאַוסט" און „האַמלעט" זיינען די צירונג פון דער מענשהייט. דאָסטאָיעווסקי איז געווען אַ פּריץ, טאָלסטאָי אַ גראַף, טשעכאָוו אַ זון פון אַן אויפגעקומענעם פויער, אַ קליינבירגער, אָבער זייערע ווערק זיינען אוצרות פאַר די רוסישע אַרבעטס־מאַסן. אונזערע נביאים זיינען געווען דורך און דורך רעליגיעז, אונטערטעניגע דינער פון יעהאָווא, אָבער אין דער נביאות האָט געברענט דער גליענדיגער פּראָטעסט פון די אידישע פויערים און פּאַסטוכער, האָט געשטורמט זייער וויינעשריי אונטערן יאָך פון די רייכע, אין דער נביאות האָט געפונען זיין אויסדרוק דאָס געפיל פון העכערער גערעכטיגקייט, וועלכן די אידישע מאַסן פון יענער צייט האָבן אויסגעטראָגן. די נביאים זיינען געווען נאַציאָנאַ־ליסטן, אידן זיינען פאַר זיי געווען אַן אויסגעוויילט פאָלק, גאָט'ס בן־יקיר, און דאָך האָבן זיי זיך דערהויבן צו דער גרויסער אַלמענשלאַכער בשורה: והיה באחרית הימים.

און דאָך איז אמת, אַז אַפילו אין די גרויסע וועלט־ווערק לאָזט זיך פילן די פּסיכאָלאָגיע פון דעם קלאַס, צו וועלכן דער

קינסטלער געהערט, און די הערשנדיקע קלאַסן ליגן ארויף זייער שטעמפל אויף אַלץ, וואָס עס ווערט אין זייער עפּאָכע געשאפן. דאָס הייסט אָבער נישט, אַז צוליב דער קלאַסן־באַפארבונג דאַרף דער פּראָלעטאַריאַט אָפּוואַרפן די גרויסע וועלט־ווערק. דאָס הייסט נאָר, אַז דער פּראָלעטאַריאַט קאָן נישט אָננעמען די ירושה ווי זי שטייט און גייט, אַז ער מוז זי איבערנעמען קרי־טיש, איבערשאַצן אירע ווערטן, אָפּוואַרפן דאָס פּסולת און איבערלאָזן זיך דאָס גאָלד. ביי אַ קריטישער אויפנעמונג קאָן אים אַפילו דאָס פּסולת אויך צוניץ קומען. אַפילו אין די ווערק, וואָס זייער מענשלאכער אינהאַלט איז זייער גרויס, זיינען אויך פאַראַן עלעמענטן, וואָס אָרגאַניזירן די הערשנדיגע קלאסן צו זייער ראָלע פון אונטערדריקער און פלאַנצן ביי די גדריקטע געפילן פון הכנעה און גדולד. און פאַראַנען ווערק, וואָס זייער מענשלאכער אינהאַלט איז נישט גרויס און מען האָט זיי איינ־געהאַלטן אין משך פון דורות דערפאַר, וואָס אין זיי האָט געפונען איר פולן אויסדרוק די וועלט־אַנשויאונג און דער גאַנצער כאַראַקטער פון די הערשנדיגע קלאַסן. דער פּראָלעטאַ־ריאַט מוז אַזעלכע ווערק קענען; ער מוז קענען דעם כאַראַק־טער און די מעטאָדן פון זיינע שונאים. און גענומען קריטיש, ד. ה., אין צוזאַמענהאַנג מיט זייער עפּאָכע און מיט דער קלאַסן־צעטיילונג אין איר, הערן אַזעלכע ווערק אויף צו זייען הכנעה און גדולד; פארקערט, זיי וועקן פּראָטעסט, זיי מאַכן קלערער דאָס באַוואוסטזיין פון די מאַסן, אַנשטאָט אים צו פארטונקעלן. פאַראַנען אין די וועלט־מערק שטימונגען פון טיפן יאוש, וועלכע זיינען אַנטשטאַנען אין מאָמענטן פון רעפּרעסיע, בעת מען האָט געפילט די גרונדלאָזע לײדן, און עס האָט זיך נישט געזען קיין אויסוועג, מ'האָט אויפגעהערט גלויבן אין די אייגענע כחות. דאָס מאַכט זיך נישט נאָר ביי קלאַסן, וואָס גייען אונטער — ביי זיי איז דאָס אַ שטענדיגע שטימונג. עס מאַכט זיך אויך אין געוויסע מינוטן ביי קלאַסן, וואָס גייען באַרג אַרויף. נישט קריטיש גענומען, שאַפן אַזעלכע ווערק אַ גדריקטע שטימונג, ברעכן דעם מוט. ווייזט איר אָבער אָן דעם היסטאָרישן קוואַל, פון וואַנען דער יאוש איז געוואַקסן, שטעלט איר זייַנע סיבות

אין ליכט פון די באַדינגונגען, אין וועלכע דער פּראָלעטאַריאַט לעבט איצט, פאַרלירט דער יאוש זיין פּאַראַליזירענדיגע ווירקונג, ווערט ער פאַרוואַנדלט אין זיין היפוך. אמת, די קולטור פון א קלאַסן־געזעלשאַפט אָרגאַניזירט די פּסיכאָלאָגיע פון די הער־שער; זי אָרגאַניזירט די פּסיכאָלאָגיע פון די געדריקטע, ווי עס לוינט פאַר די באַדריקער. אָבער אין דערזעלבער צייט זיינען אין יעדן וועלטוועריק פאַראַן טיפערע פעדים, פאַראַן אַן אונטערטאָן, וואָס אָרגאַניזירט די מענשהייט. ארויסבאַקומען די מענשלאַכע פעדים פון אונטער די קלאַסן־פעדים, ברייננגען צום אויער דעם אונטערטאָן, — דאָס איז די זאַך פון דער פּראָלעטאַרישער קריטיק.

און וואָס עס איז ריכטיג פאַר קולטור בכלל, איז אויך ריכטיג פאַר דער אידישער קולטור. אויפ'ן געביט פון דער מאָדערנער וועלטלאַכער קולטור האָבן אונזערע פאַרמעגלאַכע קלאַסן איבערגעלאָזן גאָר א קליינע ירושה. אין די לעצטע הונדערט יאָר, ווען די קולטור־שאַפונג איז אומעטום אוועק אזוי אינטענסיוו, האָבן אונזערע פאַרמעגלאַכע קלאַסן געלעבט מיט פרעמדע קולטורן אָדער גאָר אָן קולטור. די אידישע מאַסן מוזן כמעט אויף אַלע קולטור־געביטן אָנהויבן פון אָנהויב, און די אידישע נייע קולטור פאַרדינט מיט רעכט דעם נאָמען מאַסן־קולטור. אין דעם שטעקט א מעלה און אויך א חסרון. צוליב דעם, וואָס אירע הויפּט־טרעגער זיינען די מאַסן, איז אונזער נייע קולטור ריינער פון בורזשואַזע איינפלוסן, פילט זיך אויף איר שטאַרקער דער שטעמפּל פונ'ם פּראָלעטאַריאַט. דאָס מאַכט זי אָבער אָרעמער, ווייל די רייכערע, וואָס פאַרמאָגן מער קולטור־מעגלאַכקייטן, נעמען אין איר שאַפונג קיין אנטייל נישט, ווייל זי לייגט זיך מיט איר גאַנצע משא אויף די פּלייצעס פון די מאַסן. עפּעס האָט אונז די באַלעבאַטישע וועלט יאָ איבערגעלאָזן, איז אָט פון דעם ווערטפולן עפּעס ווילן מיר זיך נישט אָפּזאָגן.

אונז טוט באַנג, וואָס מיר האָבן נישט מער, ווי מענדעלי, פּרץ און שלום עליכם, אָבער די זיינען אונזער ירושה. מענדעלי, פּרץ און שלום־עליכם שטאַמען פון אונזער באַלעבאַטישער וועלט, און זי האָט אויף זיי אין א געוויסער מאָס ארויפגעלייגט

איר שטעמפּל. אָבער זיי האָבן געצויגן זייער יניקה פון די ברייטסטע און טיפסטע אידישע מאַסן, פון יענע מאַסן, פון וועלכע דער אידישער ארבעטער שטאַמט, מיט וועלכע ער איז צוזאַמענגעבונדן דורך טויזנטער פעדים, און אויף אַזוי פיל זיינען זיי אונזערע. מיר וועלן צו זיי צוגיין מיט דעם ליכט פון פּראָלעטאַרישער קריטיק. מיר וועלן גובר זיין זייערע באַלעבאַטישע עלעמענטן דורך דעם, וואָס מיר וועלן פאַרשטיין, פון וואַנען זיי האָבן זיך גענומען. אָבער אָפּוואַרפן, אויסקערן — דאָס נישט. זאָלן די נאַקעטע מענשן בלייבן נאַקעט. דער אידישער פּראָלעטאַריאַט וועט אָננעמען זיין קולטור־ירושה און וועט זי מאַכן פאַר אַן אויסגאַנגס־פּונקט צו זיין ווייטערדיגער שאַפונג.

און איצט וועגן דער פּראָלעטאַרישער קולטור, וואָס דאַרף נאָך ערשט געשאַפן ווערן. דאָ האַנדלט זיך נישט בלויז וועגן שילדערן דעם לעבנס־שטייגער פון די ארבעטער, זייערע ליידן אין קאַמף. דאָס האָבן אָפט מיט דערפאָלג געטאָן בורזשואזע קינסטלער, וועלכע האָבן צום סאָציאַליזם קיין שייכות נישט געהאַט. פּראָלעטאַרישע קולטור מיינט עטוואָס אַזוינס, וואָס איז אומגעהויער ברייטער און טיפער. דאָס איז אַ באַזונדער צוגאַנג צו אַלע דערשיינונגען פון לעבן, אַ באַזונדער וועלט־באַנעמען, אַ ניי סיסטעם פון געוועהנשאַפטן, גוסטן און אינסטינקטן, אַ באַזונדערער טאָן־אַרט פון שטימונגען, הכלל, אַ נייע קולטור, וועלכע גייט אַרויס פון דער אַלטער און איז דאָך גרונד־פאַרשידן פון איר.

פרעגט זיך, צי קאָן אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט עקזיסטירן אַ פּראָלעטאַרישע קולטור, נישט ווי קערנער פון דער צוקונפט, נישט ווי ניואַנסן און שאַטירונגען אין דער אַלגעמיינער קולטור, נאָר ווי אַ גאַנצער בנין, ווי אַן אינזל אין ים פון דער בורזשואזער קולטור? צי קאָנען בכלל אין איין עפּאָכע עקזיסטירן צוויי קולטורן? געוויס קאָן מען אָנקלעפּן אויף דער אָדער יענער אינסטיטוציע אַ סאָציאַליסטישן שילד, אַ סאָציאַ־ליסטישן צעטל. מיר ווייסן דאָך אָבער, אַז דאָס, למשל, וואָס מיר רופן אַן סאָציאַליסטישע שול, האָט אין זיך קיין סאָציאַליזם

ניט, דאָס איז אָפט נאָר דאָס לעצטע וואָרט פון דער ראַדיקאַ־לער פּעדאַגאָגיק, וואָס אונזערע פּראָלעטאַרישע און האַלב־פּראָ־לעטאַרישע שול־טוער האָבן אויפגענומען. רעדט מען אָבער נישט וועגן שילד, נאָר וועגן תוך, נישט וועגן נאָמען, נאָר וועגן אינהאַלט, מוז מען זאָגן, אַז אַ פּראָלעטאַרישע קולטור איז אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט אוממעגלאַך.

עס איז נישטאָ קיין קולטור פון איין איינצעלנעם קלאַס, אַזוי ווי עס איז נישטאָ קיין ווירטשאַפטלאַכע סיסטעם פון איין קלאַס. אין יעדער עפּאָכע איז פאַראַנען איין קולטור, די קולטור פון דער גאַנצער געזעלשאַפט. די קולטור אָרגאַניזירט די מיינונגען און שטימונגען, וועלכע זיינען צוגעפּאַסט צו דער ווירטשאַפטלאַכער סיסטעם און צו די געזעלשאַפטלאַכע באַצי־אונגען, וואָס שטאַמען פון איר און שטימען מיט איר. אין אַ קלאַסן־געזעלשאַפט טראָגט די קולטור אַ קלאַסן־כאַראַקטער. אָבער דאָס הייסט נישט, אַז אין איר עקזיסטירן אַזוי פיל קול־טורן, וויפיל קלאַסן זי פאַרמאָגט. אויב אַזוי, וואָלט די געזעל־שאַפט געווען אוממעגלאַך. דאָס הייסט נאָר, אַז דער קלאַס, וואָס הערשט, דער קלאַס־אָרגאַניזאַטאָר לייגט ארויף זיין שטעמפּל אויף דער קולטור פון דער גאַנצער געזעלשאַפט, באַפאַרבט מיט זיין קאָליר די קולטור פון אַלע קלאַסן. ווען אַ הערשנדיגער קלאַס געפינט זיך אויף זיין הויך־פּונקט, און די אָרדענונג, וואָס ער אָרגאַניזירט, שטייט פעסט, פילט זיך אין דער קולטור כמעט קיין קאַמף נישט, און זי הויבט אָן ביסלאַכווייז פאַרגליווערט ווערן אין שטייפע פאָרמען. הויבט די אָרדענונג אָן זיך גליטשן באַרג־אַראָפּ און די הערשאַפט פון קלאַס־אָרגאַניזאַטאָר הויבט אָן אָפּגעפרעגט ווערן, דעמאָלט קומט אויף צוזאַמען מיטן פּאָליטישן קאַמף אויך אַ קולטור־קאַמף. יעדער קלאַס שאַרפט זיין קולטור־געווער. אין דער אַלגעמיינער קולטור הויבן אָן קעמפן פאַר־שיידענע קעגנזעצלאַכע שטרעמונגען. דער קאַמף צעטיילט, אָבער ער שטרענגט אָן אַלע כחות; ער באַרייכערט. דאַך כל זמן די אַלטע אָרדענונג האַלט זיך, איז די קולטור פון דער געזעלשאַפט מער ווי אַלץ אירע; דער אויפשטייענדיגער קלאַס קאָן נאָר אַריינטראָגן זיינע ניואַנסן. אַ נייע קולטור פאַר דער גאַנצער

געזעלשאפט הויבט זיך אָן צונויפלייגן ערשט נאָכדעם, ווי די נייע אָרדענונג האָט געזיגט, ווי די זיגערישע קלאסן הויבן אָן איינשטעלן זייער ניי ווירטשאפטלאכע סיסטעם, זייער נייע אָר־גאניזאציע פון מאכט און געזעלשאפטלאכע באציאונגען.

אין די לעצטע דורות פון פעאָדאַליזם, בעת די בורזשואזע ווירטשאפט האָט שוין פאקטיש עקזיסטירט, נאָר אירע טרעגער זיינען נאָך נישט געקומען צו דער מאכט און זי האָט נאָך נישט געהאט קיין פרייען פלאץ פאנאנדערצעוויקלען אירע כוחות, האָבן עקזיסטירט איינצלנע פעדים פון דער בורזשואזער קולטור, וועלכע האָבן זיך איבערגעפלאָכטן מיט דער הערשנדיגער פעאָדאַ־לער קולטור. די בורזשואזע קולטור, אלס גאַנצע, איז אויסגע־וואקסן און האָט זיך פאנאנדערגעוויקלט ערשט נאָך דעם זיג פון דער בורזשואזיע, בעת זי האָט באקומען די מעגלאכקייט צו אָרגאניזירן די ווירטשאפט און אלע געזעלשאפטלאכע באציאונגען לויט איר פלאַן. און אפילו אין דער בורזשואזער אָרדענונג האָבן נאָך לאַנג עקזיסטירט גרויסע איבערבלייבענישן פון דער פעאָדאַלער קולטור. קולטור איז קאָנסערוואטיווער ווי ווירט־שאפט. זי זיצט טיפער מיט די וואָרצלען אין דער נשמה, די שארפע בולטע סימנים בייטן זיך גיכער. דאָס אינערלאכע, דאָס אינטימע בלייבט נאָך לאַנג, ענדערט זיך לאַנגזאם.

דאָס זעלבע איז איצט מיט דער פראָלעטאַרישער קולטור בנוגע צו דער בורזשואזער. דער קאפיטאַליזם נעמט דורך אַלע באציאונגען, אַלע געוואוינשאפטן און אינסטינקטן. אויפן פראָנט, אזוי צו זאָגן, אויף דער פייער־ליניע פון עקאָנאָמיק און פאָליטיק מעג דער קאמף זיין וועגער ווייסט ווי שארף, אָבער הינטערן פראָנט, אין „טיל", זיצן נאָך די וואָרצלען פון דער בורזשאַזער קולטור גאַנץ פעסט אפילו ביי די, וואָס באַקעמפן די בורזשואזע אָרדענונג. יעדער ארבעטער לעבט איצט אין צוויי ספערן: אין אַן ענגערן קרייז פון פאָליטישן און עקאָנאָמישן קאמף, וואו עס שפינען זיך אָפּט בלויז סטיכישע פעדים פון אַ נייער קולטור, און אין אַ צווייטן קרייז, אַ גרעסערן, פון וואַנען ער זאַפּט איין אומבאַמערקבאַר אַלטע שטימונגען און געוואוינהייטן. די קאַפיטאַליסטישע וועלט איז דאָך דער באָדן, אויף וועלכן דער

אַרבעטער איז אויסגעוואַקסן, פון דער לופט, וואָס ער אָטעמט, כל זמן זי עקזיסטירט, קאָן ער נישט ארויסשפּרינגען.

אין זיין גוסט מאַכט דער ארבעטער נאָך די פאַרמעגלאַכע קליינבירגער, וועלכע ער זעט נענטער און איז מקנא, ווען ער נעמט פאַר א מוסטער. אין זיינע פאַרגעניגענס הערשט נאָך דאָס רוב דער גראָבער געשמאַק פון קליינבירגערלאַכן המון. זיינע קליידער און מעבל — סטיללאָזע פאַבריק־טאַנדעט, וואָס דער גרויס־קאַפּיטאַל טראָגט אים אונטער ביליג,—איז צוגעפּוילט. דער ארבעטער קלאַס האָט נאָך אין ערגעץ נישט באַשאַפן זיין איי־גענעם סטיל. אין דערציען די קינדער האַלט ער זיך נאָך אָן דער באַציאונג פון אויבערהאַר צו אונטערטעניגע; אין לערנען זיי — אָן דעם קליינבירגערלאַכן עלעמענט פון תכלית. אין די באַציאונגען צו פרויען — אָן דעם פּרינציפּ פון נישט גלייכ־באַרעכטיגונג, פון „והוא ימשול בה". אין אים גייען שוין אויף שפּראָצונגען פון א נייער מאָראַל; אָבער נאָך שטאַרקער לעבט אין אים דער אינדיווידואַליסטישער עגאָאיזם, אויף וועלכן עס איז באַזירט די גאַנצע געזעלשאַפט ארום. אָפט טרעפט אפילו אזא משונה׳דיגע דערשיינונג: די כללים פון בורזשואזער מאָראַל, וועלכע די בורזשואזיע אליין נעמט נישט אינגאַנצן ערנסט, נעמט דער פּראָלעטאַריאַט אָן פאַר די העכסטע נאָרמען פון עטיק און צאַצקעט זיך מיט זיי, ווי מיט א הייליגקייט. ניין, דער פּראָלעטאַריאַט האָט נאָך נישט אָפּגעשניטן דעם נאָפּל, וואָס פאַרבינדט אים מיט דער בורזשואזער קולטור.

נעמען מיר די דריי וויכטיגסטע שטריכן, וואָס, ווי מיר קאָנען פאָרויסזען, וועלן זיי כאַראַקטעריזירן די סאָציאַליסטישע קולטור, און לאָמיר זען, צי זיינען זיי פאַראַן, צי קאָנען זיי אין א באַדייטנדיגער מאָס עקזיסטירן אין דער קאַפּיטאַליסטי־שער וועלט.

1) דער פּרינציפּ פון ארבעט. דורך אלע דורות פון דער גאַנצער וועלט איז ארבעט געווען א קללה, די רייכע האָבן אויף איר געקוקט מיט שרעק און פאַראַכטונג, און דאָס ערגסטע, מיט וואָס מען וואָלט זיי געקענט שעלטן איז געווען: זאָלסט לעבן פון ארבעט! די מאַסן האָבן געאַרבעט אלס עול, פון נויט,

נישט פון פרייען ווילן, און יעדער איינער פון זיי וואָלט זיך געפילט גליקלאך, ווען ער וואָלט זיך אַליין אָדער זיינע קינדער געקאָנט באַפרייען פון ארבעט. אין דער סאָציאַליסטישער וועלט דאַגעגן דאַרף די ארבעט ווערן דער הויפּט־פּרינציפּ, דער יסוד, א קוואַל פון ברכה און פרייד. דער דאָזיגער פּרינציפּ דאַרף דורכ־דרינגען די גאַנצע קולטור. אָבער דאָס וועט מעגלאך זיין נאָר אין אַן איינגעשטעלטער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט, וואו די שווערע פיזישע ארבעט וועט געטאָן ווערן דורך מאַשינען, וועלכע דער מענש וועט אָנפירן און קאָנטראָלירן; וואו א מענש וועט אָנהויבן ארבעטן, בעת זיינע פיזישע קרעפטן וועלן צייטיג ווערן, וואו דער ארבעטס־טאָג וועט זיין א סך קלענער און די באַ־דינגונגען פון ארבעט א סך באקוועמער, ווי איצט, וואו יעדער איינער וועט האָבן א מעגלאכקייט צו ארבעטן אין די צווייגן, צו וועלכע ער האָט מער נייגונג, אין וועלכע ער קאָן בעסער אויסנוצן זיינע קרעפטן, און יעדער איינער וועט וויסן, אַז ער ארבעט נישט פאַר א פּרעמדן, נאָר פאַר זיין געזעלשאַפט, אין וועלכער ער איז א גלייכבאַרעכטיגטער מיטגליד און האָט א גלייכן חלק אין אירע פּראָדוקטן. דעמאָלט וועט איינער נייען שיך אָדער טאָן בוי-ארבעט אפשר מיט דער זעלביגער הנאה, ווי מען שפּילט היינט אויפ'ן פידל אָדער מען מאָלט א בילד. די ארבעט וועט זיין א פרייַדפולע שאַפונג. איז עס ביי היינטיגע באַדינגונגען מעגלאך? דורכאויס נישט. ביים פּראָלעטאַריאַט גופא הערשט א טיפער ווידערווילן געגן דער ארבעט, א ווידער־ווילן, וואָס דרינגט דורך זיין גאַנצע פּסיכאָלאָגיע. ביי דער גרעסטער מערהייט איז דער ווילן צו באַפרייען די ארבעט נישט אַזוי שטאַרק ,י ווי דער ווילן צו באַפרייען זיך פון דער ארבעט. אין א סאָציאַליסטישער וועלט וועט מען אין דער מאַשין געוויס געפינען א סך עסטעטיק, מען וועט באַוואונדערן די סטיכיע, וועלכע דער מענש האָט באהערשט און איינגעשפּאַנט אין זיין דינסט, די ריזיגע קראַפט, וואָס זי אנטוויקלט, די גוואַלטיגע באַוועגונגען פון אירע מעכטיגע גלידער, די פּרוכטבאַרע ארבעט, וואָס זי טוט אויף. מען הויבט עס שוין היינט אָן צו באַמערקן. דער רוסישער ארבעטער־דיכטער גאַסטיעוו און זיינע חברים

האָבן זייערע בעסטע לידער געזונגען לכבוד דער מאַשין. אָבער די גרונדבאַציאונג צו דער מאַשין איז און וועט נאָך לאַנג בלייבן, ווי צו אַן אויסערלאַכער קראַפט, וועלכע פאַרקנעכטעט דעם מענשן, מאַכט אים פאַר אירן אַ מעכאַנישן צוגאָב, ווי צו אַ בלינדער חיה, וואָס לויערט אויף זיינע גלידער, אויף זיין לעבן אפילו.

2) די באַציאונגען צווישן „איך" און „מיר", צווישן דעם איינצעלנעם מיט דער געזעלשאַפט, זיינען איצט קראַנקע, נישט קיין האַרמאָנישע. יעדער „איך" זעט אין דער געזעלשאַפט עטוואָס אַזוינס, וואָס זוכט אָפּצושניידן זיינע פליגלען, צאַמען זיינע פרייע באַוועגונגען, אים איינשלינגען, ניוועלירן. אין אַ סאָציאַליסטישער וועלט, וואו עס וועט אויפהערן דער קאַמף צווישן איין „איך" און דעם אַנדערן, וואו יעדער איינער וועט האָבן אין די ראַמען פון דער געזעלשאַפט די ברייטסטע מעגלאַכקייטן צו אַנטוויקלען אַלע זייטן פון זיין „איך", און וואָס מער דער יחיד וועט פאַנאַנדערוויקלען זיינע כוחות, אַלץ מער פרוכט וועט עס ברייינגען דעם כלל, דעמאָלט וועלן מיר האָבן אַ פולע האַרמאָניע צווישן „איך" און „מיר". די געזעלשאַפט וועט זיין אַ באַהעפטונג פון אַלע מענשלאַכע כוחות אין קאַמף געגן דער נאַטור, אַ ברידערלאַכע קאָאָפּעראַציע, יעדער יחיד וועט טראָגן דעם כלל אין זיין נשמה. וועט ער עפּעס טאָן פאַר'ן כלל, וועט עס זיין נישט קיין חוב, נאָר אַ נאַטירלאַכע פונקציע. ווען ער וועט פאַרבויגן עפּעס זיינס פאַרן כלל, וועט ער פילן נישט ווייניגער ווייטאָג, ווי ווען ער וואָלט פאַרבויגן ביי זיך אַליין איין אינסטינקט פאַר'ן אַנדערן. דער „מיר" וועט ווערן דער טיפסטער אינסטינקט פון יעדן „איך", דאָס וועט זיין דאָס אמת־מענשלאַכע, צו וועלכן דער מענש וועט זיך דערהויבן. איז עס מעגלאַך איצטער, אין אַ וועלט פון קאָנקורענץ, וואו דער קאַמף פון מענש געגן מענש איז אַ כלל? אין די פּראָלעטאַרישע אָרגאַניזאַציעס שמידן זיך ערשט די עלעמענטן פון דעם מאָרגנדיגן „איך". אין דעם ברענפּונקט פון קאַמף גיסט זיך דער „איך" צענויף, ווערט אויף אַ מינוט דערטרונקען אין דעם פּראָלעטאַרישן „מיר". אָבער אין געוויינלאַכן טאָג־טעגלאַכען

לעבן לאָזט זיך נאָך ביים ארבעטער אויף יעדן שריט און טריט פילן דער קליינינקער, שמאָלינקער „איך", דער שד פון דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט. די בעסטע, די איבערגעבנסטע דער־פילן אים אָפט אין הארצן, און עס ווערט זיי מיאוס פאַר זיך אליין. די האַרמאָניע פון יחיד און כּלל, וואָס וועט דורכדרינגען די גאַנצע סאָציאַליסטישע קולטור, איז נאָך נישטאָ און קאָן דערווייל נישט זיין.

3) אין אַן איינגעשטעלטער סאָציאַליסטישער אָרדענונג, וואו אַלע מענשן וועלן אין דער יוגנט, איידער זיי וועלן זיך אויס־קלייבן אַ ספּעציעלן בארוף, באַקומען אַן אַלזייטיגע אַלגעמיינע בילדונג, וואו דער ארבעטס־טאָג וועט זיין אַ סך קלענער און די פיזישע ארבעט אַ סך ווייניגער ערמידלאַך, ווי איצט — וועט נעמען אַ סוף צו דער צעשפּאָלטנקייט צווישן די, וואָס ארבעטן נאָר מיטן קאָפּ, און די, וואָס ארבעטן נאָר מיט די הענט, צו דער צעשפּאָלטנקייט, וואָס לאָזט זיך איצט פילן קרענק־לאַך אויף אַלע געביטן פון קולטור. דעמאָלט וועט מעגלאַך זיין, אַ מענש זאָל ארבעטן אַ פּאָר שעה אַ טאָג פיזיש און די איבע־ריגע צייט זאָל ער אָפּגעבן פאַר גייסטיגער שאַפונג. עס וועט זיין מעגלאַך אַ שוסטער — אַ פּראָפעסאָר פון מאַטעמאַטיק, אַ שניידער — אַ קאָמפּאָזיטאָר. און עס וועט פארשאָטן ווערן דער אָפּגרונט צווישן פיזישער און גייסטיגער ארבעט, דער אָפּ־גרונט, וואָס מאַכט זיי ביידע איינזייטיג, נ י ש ט פ ו ל ק ו ם, וואָס פארפרעמדט זיי איינע פון די אַנדערע. דער מענש וועט ווערן גאַנצער, און די קולטור האַרמאָנישער.

איז דאָס מעגלאַך איצט, נאָך אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט? דורכאויס נישט. די ארבעטער־מאַסן באַקומען שוין איצט אַ געוויסע אַלגעמיינע בילדונג. זיי נעמען שוין אַ געוויסן אנטייל אין געניסן קולטור; עס באַמערקן זיך שוין די ערשטע מינים פון קאָלעקטיווער שאַפונג. אָבער אין גרויסן אינגאַנצן ווערט נאָך די קולטור געשאַפן נישט פון די פיזישע ארבעטער, און זי קאָן פון זיי נישט געשאַפן ווערן. מיר האָבן שוין פּראָ־לעטאַריער, וואָס זיינען געוואָרן זשורנאַליסטן, רעדאַקטאָרן, אפילו קינסטלער און וויסנשאַפטס־לייט. האָבן זיי געמוזט אַוועק־

ווארפן די פיזישע ארבעט, און זיי פארלירן בּיסלאכווייז דעם פּסיכאָלאָגישן קאָנטאַקט מיט די פיזישע ארבעטער, קריגן די פּסיכאָלאָגיע פון דער אינטעליגענץ. זיי אַליין פילן אפשר פיינלאכער ווי אַנדערע דעם אָפּגרונט צווישן פיזישער און גייס־טיגער ארבעט. פארשיטן אים קאָנען זיי נישט, פארשיטן אים קאָן מען אין דער קאפּיטאַליסטישער וועלט בכלל נישט.

הכלל: אין דער קאפּיטאַליסטישער אָרדענונג איז קיין פּראָלעטארישע, סאָציאַליסטישע קולטור, אלס אַ גאַנצער בנין, נישט מעגלאך. מיר וועלן אַריין אין דער סאָציאַליסטישער אָרדענונג אָן אַ גאַנצער סאָציאַליסטישער פּסיכאָלאָגיע און אָן אַ גאַנצער סאָציאַליסטישער קולטור. ביידע וועלן אויסגעשמידט ווערן שוין אין דער סאָציאַליסטישער אָרדענונג, אין פּראָצעס פון איר בויאונג און פארפעסטיגונג.

2

די סאָציאַליסטן פלעגן אַלע מאָל זאָגן צו דער שעפערישער אינטעליגענץ, צו וויסנשאַפטסלייט, קינסטלער, וכדומה: אין דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג זייט איר קנעכט ביי דער בורזשואזיע; איר מוזט אויספירן אירע באַשטעלונגען, זיך אַראָפּלאָזן צו אירע גוסטן און קאַפּריזן. נאָר אין אַ סאָציאַליסטישער וועלט וועט איר באַקומען די מעגלאכקייט פריי פאַנאַנדערצואַוויקלען אייערע שעפערישע כוחות.

אַז די בורזשואזיע לייגט אַוועק טאַלאַנט און זשעניע אויף אַ סדום־בעטל און שניידט זיי צו נאָך איר מאָס — דאָס איז היינט נישט ווייניגער אמת, ווי מיט 5־6 יאָר צוריק. צי איז אָבער אמת, אַז אין אַ סאָציאַליסטישער וועלט וועט אין דעם פּרט זיין בעסער? אַ געלעגענהייט צו שטעלן אַזאַ פראַגע האָט געגעבן ראַטן־רוסלאַנד, וואו קונסט און וויסנשאַפט זיינען „רע־גולירט", און די אינטעליגענץ איז פארוואַנדלט אין ספּעצן און ביוראָקראַטן. איינע טייטלען מיט די פינגער אויף רוסלאַנד מיט אַ בייזער הנאה: אהאַ! מיר האָבן געזאָגט... אַנ־דערע ווייזן אָן אויף רוסלאַנד מיט אַ רואיגן שטאָלץ: אַזוי דאַרף זיין! פרייהייט איז אַן אינטעליגענטישע אויסטראַכ־

טעניש. דער פּראָלעטאַריאַט ווייס נאָר איין געבאָט: דיס־ציפּלין. נאָר דיסציפּלין — אומעטום, שטענדיג און אין אַלץ...
און נאָך אַנדערע פראַגן טיף באַזאָרגטע: צי איז נישט ראַטן־דוסלאַנד א פאָרבילד פאַר דער סאָציאַליסטישער קולטור בכלל?
יאָ, דינען גרויסע מאַסן איז א מער דאַנקבאַרע ראָלע, ווי דינען א הייפל פּריווילעגירטע לייריגגייער. אָבער די גרויסע מאַסן קאָנען בינדן זשעני און טאַלאַנט א סך שטאַרקער, ווי דאָס הייפל פּריווילעגירטע. וועט דאָס, וואָס מען רופט פּראָלעטאַרישע קולטור, נישט ברענגען מיט זיך די הערשאַפט פון מיטלמעסיג־קייט, וואָס קאָן זיך צופּאַסן, און דער גאון וועט אין איר אונטערגיין צוליב דער אומאָפּהענגיגקייט פון זיין גאונות? צי וועט דערביי נישט אָפּגעטויט ווערן דער פאַרשנדיגער גייסט, נישט פאַרגליווערט ווערן יעדע זובעניש, וויסנשאַפט וועט פאַרוואַנדלט ווערן אין רעצעפּטן און קונסט אין שאַבלאָן?

ווילט זיך זאָגן די דאָזיגע אויפריכטיג באַזאָרגטע: מען ברענגט נישט קיין ראיה פון דער ערשטער צייט, ווען א נייע אָרדענונג קעמפט מיט אַלע כוחות פאַר איר עקזיסטענץ, ווען אַלץ מוז ביי איר זיין אונטערגעוואָרפן איין איינציגער אויפ־גאַבע: אויסשיילן זיך פון כאַאָס, ווערן. נאָך ווייניגער קאָן מען ברענגען א ראיה פון רוסלאַנד, אויף וועלכער קיינער לייקנט היינט נישט, אַז זי איז געווען נישט צייטיג פאַר א סאָ־ציאַליסטישער אָרדנונג און ממילא אויך נישט פאַר א סאָציאַ־ליסטישער קולטור. ביידע האָט מען געוואָלט איינפירן נישט אויפן גרונד פון די אָביעקטיווע באַדינגונגען, נאָר אויף צו להכעיס די אָביעקטיווע באַדינגונגען — דורך צוואַנג און דיס־ציפּלין.

גאַנץ אַנדערש וועלן אויסזען די באַציאונגען צו קולטור און אינטעליגענץ אין א מער אָדער ווייניגער איינגעשטעלטער סאָ־ציאַליסטישער אָרדנונג, וואָס וועט שטימען מיט די אָביעק־טיווע באַדינגונגען און קרעפטן־פאַרהעלטניש. אויפ'ן געביט פון טעכנישער אַרבעט און אָרגאַניזאַציע, אין פּראָדוקציע און פאַר־קער, וועט דעמאָלט, נאָך מער ווי איצט, דיסציפּלין זיין אַן אַב־סאָלוטע נויטווענדיגקייט. אָבער זי וועט זיך נישט פילן, ווי א

יאך; זי וועט אריינוואקסן אין דער פסיכיק, ווי אן אינסטינקט. פארקערט ווידער: וויסנשאפט, פאעזיע און קונסט וועלן דעמאלט זיין ווי ווייט מעגלאך פרייער. אויף די דאזיגע געביטן וועלן זיך מענשן פאראייניגן אין די פארשידנסטע גרופירונגען. פאר זוכענישן, ניואנסן און שאטירונגען וועט געגעבן ווערן דער ברייטסטער פלאץ, אן יעדן אויסערלאכן דרוק און רעגלאמענטאציע. איך געדענק נישט, וואו קאוטסקי האט עס געזאגט וועגן דער צוקונפטיגער געלעזשאפט: בנוגע דער פראדוקציע זיינען מיר צענטראליסטן, בנוגע גייסטיגער קולטור שרעקט אונז נישט דער אנארכיזם.

און דעמאלט וועט נישט זיין קיין סכנה, דער דאזיגער אנארכיזם זאל אנטוויקלען פערמענטן פון צעשטערונג. ווארים כל זמן די נייע ארדנונג וועט שטימען מיט די אביעקטיווע באדינגונגען, וועט זי ארומנעמען און דורכדרינגען אלע ריכטונגען און שאטירונגען, ווי די לופט, מיט וועלכער מיר אטעמען. מעגן זיך די ניואנסן ווי ווייט פאנאנדערגיין — סוף כל סוף וועלן זיי זיך אלע אריינגיסן אין דעם אלגעמיינעם ים און מאכן אים רייכער און פולקאמער. בפרט, אז דער אונטערשיד צווישן פיזישער און גייסטיגער ארבעט וועט ביסלאכווייז אפגעווישט ווערן, און די גאנצע מאסע וועט זיך אויפהויבן אויף א העכערע קולטור־מדרגה, אזוי אז יעדער קולטור־שעפער וועט שטארקער, ווי איצט, פילן אויף זיך די גייסטיגע ווירקונג פונ'ם גאנצן ארום, מיט וועלכן ער וועט זיין פארבונדן מיט טויזנטער אומזיכטבארע פעדים.

מ'וועט זאגן — דאס איז צוקונפטס־מוזיק, וועלכע האט נישט קיין רעאלן באטייט פאר אונזער היינט. אבער די פארשטעלונגען וועגן צוקונפט זיינען דאך נארמען, וואס רעגולירן אונזער טעטיגקייט אין דער געגנווארט, און אונזער טעטיגקייט אין דער געגנווארט צייכנט אין א געוויסער מאס אן וועגן פאר דער צוקונפט.

אונזערע פארשטעלונגען וועגן דער קולטור אין א סאציאליסטישער ארדנונג דארפן זיין א לייטפאדים פאר די עלעמענטן פון פראלעטארישער קולטור, וועלכע מיר קאנען איינ־

פלאַנצן שוין היינט, נאָך אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט. געוויס איז אין אַט דער פרעמדער אַטמאָספער זייער שווער איינ־צוהיטן דעם ריינעם פּראָלעטאַרישן כאַראַקטער פון די דאָזיגע עלעמענטן, און מען מוז אויף דעם שטאַרק אכטונג געבן, אָבער אכטונג געבן ברייט־אידעאיש, נישט שמאָל־מעכאַניש. נעמען מיר די געזעלשאַפטלאַכע אידעאָלאָגיע פון פּראָלעטאַריאַט, וועלכע איז דירעקט פאַרבונדן מיט זיין קאַמף. דאָס איז דאָך דער גרעס־טער קולטור־ווערט, וואָס דער פּראָלעטאַריאַט האָט דערווייל באַ־שאַפן. דאָ איז שטענדיג פאַראַן א געפאַר — אָראָפּצוגיין פון׳ם ריכטיגן פּראָלעטאַרישן וועג. פאַראַנען אָבער נישט קיין קלע־נערע געפאַר פון פאַרגליווערט ווערן אויף אָרטאָדאָקסיע, פון דערגיין ביז מורא פאַר יעדן נייעם געדאַנק; א געפאַר — מיר זאָלן בלייבן צוגעשמידט צו איין ליניע, און דער וועג זאָל זיך פאַרקערעווען און אוועק פאַרביי אונז. מוז מען זוכן, מוז נאָכ־אַנאַנד ארבעטן דער לעבעדיגער געדאַנק פון יחידים און פון קאָלעקטיוו; און זוכן הייסט שאַפן ריכטונגען, ניואַנסן, וואָס טרעטן־אָפּ פון׳ם וועג פון דער מערהייט. עס מאַכט נישט אויס, וואָס די אידעאָלאָגיע איז ענג פאַרבונדן מיט מעשים. אין אַקציע מוז די מינדערהייט זיך אונטערוואַרפן דער מערהייט. אין מיי־נונגען מוז מען זיך גוט צוהערן צו דער מינדערהייט, אפילו צו יחידים, וואָס קאָנען אַמאָל זיין די פאָרלויפער פון א נייעם אמת. פולע איינהייט פון מעשים איז א נויטווענדיגקייט. פולע איינ־הייט פון מיינונגען הייסט א טויטער פונקט.

דאָס איז באַזונדערס נויטיג צו דערמאָנען, ווען מען רעדט פון׳ם אידישן פּראָלעטאַריאַט. אין דייטשלאַנד קאָנט איר אין די ראַמען פון איין סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אידעאָלאָגיע געפינען אָרגאַנען פון באַזונדערע ריכטונגען. ביי די אומאָפּהענגיגע, למשל, האָט עקזיסטירט א וואָכנבלאַט פון ברייטשייד׳ס גרופּע, און פאַול לעוויס גרופּע האָט אויך אַרויסגעגעבן א וואָכנ־בלאַט. ביי אונז איז עס אין די ראַמען פון איין פאַרטיי אומ־מעגלאַך. אן אָרגאַן פון א ריכטונג הייסט ביי אונז דיס־ציפּלין־ברוך. דאָס רעכט פון דיסקוסיע איז ביי אונז אויסער־געוויינלאַך באַגרענעצט, און אונזערע פּאַרטיי־אָרגאַנען זיינען

אַפּט ענלאַך וווייניגער אויף לאַבאָראַטאָריעס פון געדאַנקען, ווי אויף באַפעלן און דעקרעטן. ביי אונז האַלט מען נאָכאַנאַנד אין פאַרהיטן דעם פּראָלעטאַריאַט פון שעדלאַך דענקען, און מען דער־גייט אַזש ביז פאַרהיטן אים פון דענקען בכלל.

וואָס עס איז ריכטיג בנוגע דער אידעאָלאָגיע פון קאַמף, איז נאָך מער ריכטיג בנוגע יענע קולטור־געביטן, וועלכע זיי־נען דירעקט מיט'ן קאַמף נישט פאַרבונדן. יענע געביטן רירן דאָך אָן מער אינטימע איבערלעבונגען, וואו מען קאָן מיט אַ פאַרבאָט און מעכאַנישע דיסציפּלין גאָר נישט מאַכן. און אויף יענע געביטן הויבט זיך די פּראָלעטאַרישע שאַפונג ערשט קוים אָן; מען דאַרף זיך נאָך אָריענטירן, אויסטרעטן די ערשטע פּראָלעטאַרישע שטעגעלאַך. עס איז נאָך נישטאָ קיין שולחן־ערוך, לויט וועלכן מען זאָל קאָנען מיט זיכערקייט פּסק'ענען, וואָס כשר און וואָס טריף, וואָס פּראָלעטאַריש און וואָס קליינ־בירגערלאַך. אויפ'ן געביט פון קונסט און פּאָעזיע, למשל, קאָן מען געוויס נישט קומען מיט פאַרטיגע אני מאמינס און דער־לאַנגען די מאַסן איינמאָל פאַר אַלע מאָל אָפּגעשניטענע אמת'ן.

דאָ נישט לאַנג האָט איינער אַ נישט־באַרופענער צענ־זאָר פון פּראָלעטאַרישער קולטור זיך עפענטלאַך אויסגעדריקט: דער און דער שריפטשטעלער פאַרמאָגט אַ גרויסן קינסטלערישן טאַלאַנט. אָבער פון שטאַנדפּונקט פון אונזער קולטור־פּאָליטיק דאַרף מען די אַרבעטער נישט לאָזן לייענען זיינע ווערק... ניין! אַ מאַסע, וואָס קאָן זוכן, שטייט העכער, איידער אַ מאַסע, וואָס קאָן נאָר אננעמען פאַרטיגע אמת'ן; און דער ערשטער געבאָט פון פּראָלעטאַרישער קולטור איז — ברענגען דעם פּראָלעטאַ־ריאַט צו דער מדרגה פון דענקען, פון קריטישער באַציאונג.

3

צי איז אַלץ, וואָס אַ פּראָלעטאַריער שאַפט, שוין מיט דעם אַליין פּראָלעטאַריש? דורכאויס נישט. אין פּראָלעטאַריאַט לעבן נאָך אַ סך קליינבירגערלאַכע אינסטינקטן און שטימונגען. אַ פּראָלעטאַרישער דיכטער קאָן ארויסברענגען די צוקונפט־קערנער,

וואָס זיין קלאַס טראָגט אין זיך; ער קאָן אבער אויך ארויס־ברענגען אַלטע רעשטלאַך, רודימענטן, און עס קאָן טרעפן, ער זאָל געבן א געמיש פוןביידע, ווי דאָס עקזיסטירט אין דער ווירקלאַכקייט. די פּראָלעטארישע אפּשטאַמונג פונ׳ם שעפער גאַ־ראַנטירט נאָך נישט דעם פּראָלעטאַרישן כאַראַקטער פון זיין שאַפונג.

און דאָס זעלבע וועט זיין נישט ריכטיג צו זאָגן, אז פּראָ־לעטאַרישע קולטור־ווערטן קאָנען געשאַפן ווערן איינציג און אליין פון עכטע פּראָלעטאַריער און בשום אופן נישט פון מענשן, וואָס געהערן צו אַנדערע קלאַסן, פון ווייסע ראָבן. מאַרקס, ענגעלס, פּלעכאַנאָוו, קאַוטסקי און נישט ווייניק אַנדערע שמי־דער פון דער פּראָלעטאַרישער אידעאָלאָגיע זיינען אליין קיין פּראָלעטאַריער נישט געווען. זאָגט מען: איין זאַך איז אידעאָ־לאָגיע און גאָר אַן אַנדער זאַך איז קונסט. אידעאָלאָגיע איז לאָגיק און דאָס קאָן א מענש פון אַן אַנדער קלאַס אויך דער־גרייכן, ווען ער פאַרמאָגט א טיפן קאָפּ. קונסט איז פריער פאַר אַלץ אוממיטלבאַר געפיל, און פילן דעם ארבעטער׳ס נשמה קאָן נאָך אַן ארבעטער. דאָס איז א טעות. ערשטנס, באַזירט אידעאָ־לאָגיע נישט בלויז אויף אַנאַליז און לאָגיק; אויף איר האָט א גרויסן איינפלוס דאָס געפיל, די טיפע איינדרוקן, וואָס זיינען געווארן דער אונטערגרונט פאַר דער לאָגיק. מיט איין און דערעלביגער לאָגיק קאָנען דורכשניט־מענשן פון פאַרשידענע קלאַסן קומען צו גרונט־פאַרשידענע אויספירן. צווייטנס, אויב מיר זאָלן אָננעמען, אז אריינדרינגען אין דער נשמה פון אר־בעטער קאָן נאָר אַן ארבעטער, הייסט עס דאָך, אז שילדערן דאָס געפילס־לעבן פון פויערים קאָן נאָר אַ פויער, און נאָר א פרויען־צימער איז אימשטאַנד ארויסצוברענגען די פּסיכאָלאָגיע פון פרויען; דאָס הייסט אָפּלייקענען די פעיאיגקייט פון קינסטלער אריינצודרינגען מיט זיין אינטואיציע אין א פרעמדע נשמה־וועלט, הייסט אָפּלייקענען קונסט. הויפּטמאַן איז נישט קיין אר־בעטער, גליעב אוספּענסקי, — נישט קיין פויער. און דאָך האָט דער ערשטער באַשאַפן די „וועבער" — די דראַמע פון פּראָלע־טאַרישער מאַסן־פּסיכאָלאָגיע, און דער צווייטער האָט אָפּגעדעקט

די פאַרבאָרגענע נשמה פונ'ם רוסישן פּויער. און דאָס זיינען נישט די איינציגע ביישפּילן אין דער געשיכטע פון קונסט.

געוויס איז דאָס מעגלאַך נאָר פאַר יחידי סגולה, וואָס קאָנען אַנטאַפּן דעם פּולס פון דער צייט, און אויף זיי מאַכט דעם טיפסטן רושם דאָס שטאַרקע, דאָס שטורמישע, וואָס איז שוואַנגער מיט דער צוקונפט. דערצו איז נויטיג א טיפע פאַראינטערעסירטקייט מיט דער טעמע, א ליבע, וואָס הייבט אויף דעם קינסטלער איבער די איינפלוסן פון זיין נאָענטסטן ארום, צערייסט די וועלט פון שנאה און גלייכגילטיגקייט און מאַכט די פרעמדע וועלט נאָענט, ווי אן אייגענע. רעדט מען וועגן די הערשנדיגע קלאַסן, איז עס געוויס מעגלאַך נאָר ביי אויסנאַמען, טאַקע ביי ווייסע ראָבן. און וואָס שטאַרקער די ארבעטער־באַוועגונג איז, וואָס מער זי שטעלט זיך אין צענטער פון געזעלשאַפטלאַכן לעבן, אַלץ מער ציט זי צו די שעפערישע אויפמערקזאַמקייט פון די דאָזיגע יחידים. עס איז דאָך אָבער פאַראַן אן אינטעליגענץ, וואָס שטייט לויט איר גאַנצן לעבנס־אַרט נאָענט צום פּראָלעטאַריאַט, צום ווייניגסטן צו זיינע אויבערשטע שיכטן. די דאָזיגע אינטעליגענץ שטייט אין דער זעלביגער צייט נאָענט אויך צו דער קליינבורזשואַזיע, און זי חלומ'ט אָפט וועגן ארויפאַרבעטן זיך און דערלאַנגען צו די הויכע בורזשואַזע ספערן. איר געפינט דערום ביי איר א סך צעשפּאָלטענע נשמות, א סך פּלונערס, וואָס זיינען שטענדיג גרייט איבערצולויפן פון לאַגער אין לאַגער. איר געפינט אָבער ביי איר אויך גענוג אַקטיווע אידעאַליסטן, וואָס קאָנען לייכט אריינדרינגען אין דער פּראָלעטאַריער אַטמאָספער און דאָך אַביסל פון דער זייט, איז זיי אויב זיי וועלן נאָך דעמאָלט אויך נישט זיין אינגאַנצן אינעווייניג, קאָן זיך דאָס אויסקויפן מיט א טיפן אריינבליק פון טאַלאַנט, און אפשר מיט דעם גופא, וואָס שטייענדיג אין דער זעלביגער אַטמאָספער און דאָך אַביסל פון דער זייט איז זיי לייכטער איינצוהאַלטן די נויטיגע פּערספּעקטיוו. ביי אָט דעם שיכט פון דער אינטעליגענץ קאָנען געשאַפן ווערן אַזעלכע קונסטווערטן, וועלכע דער פּראָלעטאַריאַט זאָל אָננעמען אינגאַנצן פאַר זיינע.

און דאָך איז אומבאַדינגט נויטיג, אַז דער אַרבעטער־קלאַס אַליין זאָל פון זיך אויסטיילן וואָס מער אינטעליגענץ. שוין צוליב דעם אַליין, וואָס דערמיט ווערט אויפגעהויבן פאַר דער קולטור אַ פרישער, נאָך נישט אויסגענוצטער שיכט שוואַרצע ערד, און אַזוי אַרום ווערן פאַרברייטערט די שאַפונגס־מעגלאַכ־קייטן. אַ צווייטע סיבה: ווען די פראָלעטאַרישע אינטעליגענטן זיינען נאָך ווייניגע איינצלנע, געפינען זיי זיך אונטער דעם שטאַרקסטן איינפלוס פון דער נייער סביבה, אין וועלכער זיי פאַלן אַריין, קאָנען זיי לייכט דערטרונקען ווערן אין דער בורזשו־אַזער קולטור און אידעאָלאָגיע. בעת זיי זיינען אַ סך, שאַפן זיי פון זיך אַן אייגענע סביבה, וואָס איז מער צוגעבונדן צו זייער פראָלעטאַרישן שורש, און זייער אָפּהענגיגקייט פון דער בור־זשואַזער קולטור־סביבה איז אַ סך שוואַכער. ווייטער, ווען דער פראָלעטאַריאַט נוצט אויס ווייניגער אינטעליגענטן, וואָס שטאַמען פון פרעמדע קלאַסן, און מערער זיינע אייגענע, גע־פינען זיך די פון דער פרעמד געקומענע אויך מערער אונטער זיין איינפלוס. פאַרקערט ווידער, אַ באַוועגונג, וואו די פּי־רערשאַפט געפינט זיך מערער ביי אינטעליגענטן, וואָס זיינען גע־קומען פון אַנדערע קלאַסן, ריזיקירט שטענדיג צו פאַרקריכן אין אָפּאָרטוניזם אדער אין רעוואָלוציאָנערן אַוואַנטוריזם. און דער עיקר: די פראָלעטאַרישע אינטעליגענץ איז נישט קיין צופאַל; זי איז ענג פאַרבונדן מיט דער מדרגה פון קולטור, אויף וועל־כער אַ פראָלעטאַריאַט שטייט. דער דייטשער פראָלעטאַריאַט טיילט אויס פאַרהעלטניסמעסיג אַ סך אינטעליגענץ, צוליב דעם, וואָס ער אַליין שטייט הויך אין קולטור. ביים רוסישן פראָלע־טאַריאַט איז די זעלביגע מעשה פאַרקערט. די צאָל אינטעלי־גענץ, וואָס אַ פראָלעטאַריאַט טיילט אויס, איז אויך אַזאַ אופן אַ מאָס פאַר דער מדרגה פון קולטור, אויף וועלכער ער געפינט זיך.

די פראָלעטאַרישע אינטעליגענץ שטייט ווידער נעענטער צום פראָלעטאַריאַט, ווי יעדער אַנדערע, ער נעמט זי אויף ווי אַ טייל פון זיך, און זי האָט אויף אים די גרעסטע ווירקונג — אין לעבנס־שטייגער, אין אויסוואָרצלען אַלטע פאַראורטיילן.

4

סאָציאַליסטישע דענקער האָבן זיך שוין לאַנג אָפּגעשטעלט אויף דער פראַגע: פאַרוואָס האָט דער פּראָלעטאַריאַט פאַר די לעצטע פאַר דורות אויסגעטיילט פון זיך אַן אינטעליגענץ אויפ'ן געביט פון קאַמף און אָרגאַניזאַציע, אויפ'ן געביט פון געזעלשאַפטלאַכער אידעאָלאָגיע, און אויף אַנדערע געביטן נישט? אין דייטשלאַנד האָבן מיר געוועזענע אַרבעטער, וואָס זיינען היינט פּראָפעסיאָנעלע און קאָאָפּעראַטיווע טוער, פּאַרלאַמענטאַריער, זשורנאַליסטן און רעדאַקטאָרן, איינציגערמאַסן אפילו פאָלקסלערער; אָבער נישט קיין דיכטער, נישט קיין קינסטלער, נישט קיין וויסנשאַפטסלייט. וואו איז די סיבה דערפון?

שוין פון אויבן־אויף וואַרפט זיך אין די אויגן דער פאַקט, וואָס אַן אינטעליגענטן אַרבעטער איז לייכטער זיך צוצוגרייטן אויפ'ן געזעלשאַפטלאַכן געביט, ווי אויף אַלע אַנדערע געביטן. אויפ'ן ערשטן געביט הויבט ער אָן זיין צוגרייטונג, בעת ער איז נאָך אַ גאַנצן טאָג פאַרנומען מיט פיזישער אַרבעט — אין די אָוונט־שעה'ן, וואָס ער גיט אָפּ דער טעטיגקייט אין זיין אָרגאַניזאַציע און דער זעלבסטבילדונג, וועלכע איז מיט דער דאָזיגער טעטיגקייט פאַרבונדן. שפּעטער, ווען ער רוקט זיך אַרויס און ער ווערט אַ פּראָפעסיאָנאַל (פונקציאָנער), גייט זיין גייסטיגע פאַרפולקאָמונג צוזאַמען מיט זיין פּראַקטישער אַרבעט — די צוגרייטונג קומט די גאַנצע צייט פאָר, אַזוי צו זאָגן, „אין דער היים". אָבער כּדי צו ווערן אַ וויסנשאַפטסמאַן אָדער אַ קינסטלער, מוז מען זיך לאַנג גרייטן, די צוגרייטונג איז מיט דער טעטיגקייט אין דער אָרגאַניזאַציע נישט פאַרבונדן. מען מוז זיך איר איינגאַנצן אָפּגעבן, וואַרפן די פיזישע אַרבעט. די צוגרייטונג קומט פאָר, אַזוי צו זאָגן, איינגאַנצן אין דער פרעמד, און פאַר דער גרעסטער מערהייט פון דער אַרבעטער־אינטעליגענץ איז זי לחלוטין אוממעגלאַך. און אויב עס טרעפט אַ נס און עמעצן גיט זיך דאָס יאַ איין, ווערט ער גלייך אָפּגעריסן פון דעם אַרום, אין וועלכן ער איז איינגעוואַקסן, פאַלט אַריין אין אַן אַנדער סביבה; דער פּראָלעטאַריאַט קאָן אויף זיין נייע טעטיג־

קייט האָבן א קנאַפּן איינפלוס. די רייכע בורזשואַזע קולטור נעמט אים אָרום פון אַלע זייטן, ציט אים אריין אין זיך.

געזעלשאַפטלאַכע אידעאָלאָגיע, אָרגאַניזאַציע — דאָס איז דער דירעקטער פראָנט פון קלאַסן־קאַמף, וואו דער פראָלעטאַריאַט אנטפלעקט גאָר זיינע קרעפטן. קונסט, וויסנשאַפט, בכלל אַלץ, וואס ליגט הינטער׳ן פראָנט — דאָרטן איז נאָך די ממשלה פון דער בורזשואַזיע; דעם פראָלעטאַריאַט איז דאָרטן אין דער היינטיגער געזעלשאַפט אוממעגלאך ברייט פאַנאַנדערצואַוויקלען זיינע כוחות.

דער באַקאַנטער רוסישער ס. ד. פּאָטרעסאָוו שרייבט וועגן דער פראַגע: דער אָרגאַניזירטער ארבעטער־קלאַס איז אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט פריער פאַר אַלץ און מער פאַר אַלץ א קאָאָפּעראַציע צוליב קאַמף. דער קאַמף שלינגט איין אַלע כוחות, ער נעמט צו נאָר די אויפמערקזאַמקייט. נאָר די ארבעטער־אינטעליגענץ ווערט פאַרנוצט אין די פראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, קאָאָפּעראַטיוון, וכדומה. און וואָס מער די באַוועגונג וואַקסט, אַלץ מער פראָלעטאַרישע אינטעליגענץ נעמט צו דער טאָג־טעגלאַכער קאַמף. פאַר אַלע אַנדערע געביטן פון קולטור בלייבט נישט קיין קרעפטן, בלייבט נאָר ווייניג אויפמערקזאַמקייט.

אין דעם איז פאַראַן א מעלה — דאָס פאַרשטאַרקט דעם קאַמפס־פראָנט, אין דעם שטעקט אָבער אויך א גרויסער חסרון: דאָס האַלט אָפּ די אַלזייטיגע קולטור־אַנטוויקלונג פון די ארבעטער־מאַסן, שטערט דעם פראָלעטאַריאַט ארויפצולייגן זיין שטעמפּל אויף דער קולטור אין ברייטן זין — אפילו אין דער מאָס, וואס איז מעגלאך אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. צווישן דער ארבעטער־אינטעליגענץ זיינען איצט כמעט אוממעגלאך אַזעלכע אַלזייטיגע־אַנטוויקעלטע מענשן, ווי בעבל, וועלכער איז געוואַקסן אין א צייט, ווען די ארבעטער־באַוועגונג האָט פאַרמאָגט א סך אידעאַליזם און ווייניק פּראַקטישע ארבעט. די איצטיגע פראָלעטארישע אינטעליגענטן זיינען דאָס רוב שמאָלע ספּעציאַליסטן; אפילו אין געזעלשאַפטלאַכע פראַגן פאַרמאָגן זיי מער פאַך־ידיעות ווי אַלגעמיינע טיפערע באַגריג־

דונג. זיי פעלט א ברייטער קוק אויף דער וועלט און אויף דער באַוועגונג.

אין דייטשלאַנד האָט מען נאָך פאַר׳ן וועלט־קריג געקוקט מיט דאגה אויף דער שמאָלער ספּעציאַליזאַציע און פאַרפלאַכונג פון דער פּאַרטיי־אינטעליגענץ. דאָרטן האָט מען גערעכנט העלפן דער צרה דערמיט, וואָס מען וועט אָפּגעבן מער אויפמערקזאַמ־קייט דער אַלגעמיינער קולטורעלער אַנטוויקלונג פון די אַרבע־טער־מאַסן בכלל און פון דער אַרבעטער־אינטעליגענץ בפרט. דאָס איז אַבסאָלוט נויטיג אפילו פאַר דעם קאַמף פון טאָג. וואָרים די שמאָלע ספּעציאַליסטן קאָנען זיין אויסגעצייכנטע פּאַרטיי־ביוראָקראַטן; זיי פעלט אָבער א ברייטער האָריזאָנט; זיי קאָ־נען זיך נישט אָריענטירן אין פאַרוויקלטע געשעענישן און זיינען ווייניג פעהיג אויף איניציאַטיוו.

5

און די שטעגעלאך, וואָס דער פּראָלעטאַריאַט האָט שוין אויסגעטראָטן און וועט נאָך אויסטרעטן אויף פאַרשידענע גע־ביטן פון קולטור, שאַפט ער זיי נאָר פון זיינעטוועגן אַליין; און די ברייטע, נישט פּראָלעטאַרישע מאַסן, און די קליינבירגער, וואָס שטייען נאָענט צו אים, לאָזט ער איבער אויף הפקר, אונטער׳ן איינפלוס פון דער בורזשואַזיע, אָדער ער וויל פירן אויף זיינע פּראָלעטאַרישע קולטור־וועגן די מערהייט פון דער באַפעלקערונג? ווען דער פּראָלעטאַריאַט פּרואווט שאַפן זיין טיפּ שולן, וויל ער זיי שאַפן נאָר פאַר קינדער, וואָס זייערע עלטערן זיינען מיטגלידער פון פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, אָדער פאַר קינדער פון דער גאַנצער ברייטער מאַסע, קליינבירגער אויך אריינ־גערעכנט?

אויף דעם קאָן זיין נאָר איין ענטפער. פּונקט ווי אין פּאָליטיק זוכט דער פּראָלעטאַריאַט צו פירן נאָך זיך די ברייט־סטע מאַסן, אויך די קליינבירגער, וואָס קאָנען נאָך אים גיין — אַזוי דאַרף ער טאָן אין קולטור אויך. אויב פאַר׳ן אַרבעטער־קלאַס איז נישט גוט צו בלייבן איזאָלירט אין פּאָליטיק, איז פאַר אים נאָך ערגער צו בלייבן איזאָלירט אין קולטור. דער פּראָ־

לעטאַריאַט און דאָס קליינבירגערטום רייבן זיך אין לעבנס־שטיינער איינער אָן דעם אַנדערן. און אויב דאָס קליינבירגערטום בלייבט אונטער׳ן קולטור־איינפלוס פון דער בורזשואַזיע, זעט זיך דורך אים דורך דער בורזשואַזער איינפלוס אויך אין פּראָלעטאַריאַט. עס איז קורצזיכטיג צו זאָגן: וואָס גייט מיר אָן די מערהייט פון דער באַפעלקערונג?... איך ווייס נאָר דעם פּראָלעטאַריאַט... דער פּראָלעטאַריאַט איז מיט טויזנטער פעדים צונויפגעבונדן מיט דער דאָזיגער מערהייט, און אויב ער וועט אַקטיוו נישט ווירקן אויף איר, וועט זי פּאַסיוו ווירקן אויף אים.

ווייטער. וואָס מער די קליינבירגערלאַכע מאַסן וועלן קולטורעל זיך פאַרבינדן מיט דער בורזשואַזיע, אַלץ שווערער וועט זיין אָפּצורייסן זיי פון איר אויך פּאָליטיש. די פּאָליטישע כוחות פון דער בורזשואַזיע וועלן דורך דעם פאַרגרעסערט ווערן, און דער פּראָלעטאַריאַט וועט צוליב זיין קולטורעלער איזאָלירטקייט בלייבן אויך פּאָליטיש איזאָלירט. און אַז עס וועט קומען דער מאָמענט, ווען דער פּראָלעטאַריאַט וועט געווינען די מעגלאַכקייט איבערצובויען די געזעלשאַפט און די קולטור אויף זיין שטייגער, וועט עס אים אָנקומען גרינגער, ווען די קליינבירגערלאַכע מאַסן וועלן שוין פון פריער אין א געוויסער מאָס זיך געפינען אונטער זיין קולטור־העגעמאָניע; ווען נישט, וועט ער אין זיי באַגעגענען א שטאַרקן פּראָנט געגן זיך. און אַזוי ווי אין פּאָליטיק, ווען דער פּראָלעטאַריאַט פירט נאָך זיך קליינבירגער, מוז ער שטאַרק אַכטונג געבן, ער זאָל נישט פאַרלירן זיין אייגענע ליניע און אָנשטאָט צו פירן זאָל ער נישט פאַרפירט ווערן, — אַזוי מוז ער אויך אין קולטור זיך היטן פון פּרינציפּיעלע פּשרות; נישט דערטרונקען ווערן אין דער מערהייט פון פאָלק, נאָר ארויפלייגן אויף איר זיין שטעמפּל; נישט פאַרלירן זיין זעלבסטשטענדיגקייט, נאָר זיין א העגעמאָן. אין קולטור מוז מען אויף דעם נאָך מער אַכטונג געבן, ווייל דאָ איז די גרענעץ צווישן פּראָלעטאַריאַט און קליינבירגערטום ווייניגער שאַרף אָנגעצייכנט, מער צעשוואומען. אָבער היטן די ליניע הייסט נישט אָפּרוקן זיך אָן א זייט, זיך שטעלן אין ווינקל.

דאָס דאַכט זיך צו זיין לייכטער, איז אָבער באמת אומפּרוכטבאַר.

און דאָ קומען מיר ווידער צו פּאַטרעסאָוו'ס און אינטערע־סאַנטן געדאַנק. ער פרעגט: פּלעכאַנאָוו האָט דערוויזן, אַז בעת די בורזשואַזיע האָט געקעמפּט פאַר מאַכט געגען דעם פעאָדאַ־ליזם, האָט זיך איר שנאה צום אַלטן רעזשים אַרויסגעוויזן נישט בלויז אויף דער ליניע פון אוממיטלבאַרן קאַמף, נאָר אויך אויף די ווייטסטע געביטן. אין די פאָרמען פון ליטעראַטור און קונסט, אין דער מאָדע, אין גאַנצן לעבנסשטייגער האָט זיך די יונגע בורזשואַזיע געפּלייסט צו טאָן פּונקט קאַפּויר, ווי דער פעאָדאַליזם. אפילו וואו דאָס איז געווען לחלוטין נישט נויטיג; נאָר צוליב אַ צולהכעיס־געפיל, כדי זיך אָפּצוזאָמען, זיין אַנדערש. פאַרוואָס באַמערקט זיך נישט איצט דאָס זעלבע ביים פּראָלעטאַריאַט בנוגע צו דער בורזשואַזיע? דער אינטע־רעסן־געגנזאַץ איז דאָך צווישן די דאָזיגע קלאַסן נישט אין ערך טיפער, ווי אַמאָל צווישן פעאָדאַליזם און בורזשואַזיע... און פּאַטרעסאָוו ענטפערט: די יונגע בורזשואַזיע האָט זיך באַגעגנט פנים אל פנים מיט דעם פעאָדאַליזם, נישט בלויז אין קאַמף פאַר מאַכט, נאָר אויך אויף אַלע געביטן פון לעבן. אין קונסט, קולטור, לעבנסשטייגער זיינען זיי געשטאַנען האַרט נעבן אַנאַנ־דער. האָט די שנאה פון קאַמף דורכגעדרונגען אַלע געביטן, אויף וועלכע מען האָט זיך באַגעגנט, און אומעטום האָט זיך אַנט־וויקלט דער ווידערשפּעניגער ווילן צו טאָן פאַרקערט. דער פּראָ־לעטאַריאַט באַגעגנט זיך מיט זיין קלאַסן־שונא פנים אל פנים נאָר אין פייער פון קאַמף. אין לעבן זיינען עס צוויי וועלטן, וואָס קומען כמעט אין קיין באַרירונג נישט. דער געוויינלאַ־כער אַרבעטער באַגעגנט זיך כמעט קיינמאָל נישט אוממיטל־באַר, נישט מיט'ן אָרט לעבן, נישט מיט די גוסטן פון גרויסן קאַפּיטאַליסט. דאָס איז צו ווייט, צו פרעמד פאַר אים. מיט וועד־מען דער אַרבעטער באַגעגנט זיך נאָענט אין טאָג־טעגלאַכן לעבן — דאָס איז די קליין־בורזשואַזיע, וועלכע איז אין די אינדוס־טריעל־אַנטוויקלטע לענדער שוואַך עקאָנאָמיש און נישט שטאַרק פּאָליטיש. נישט מיט איר קומט־פאַר דער הויפּט־קאַמף. צו איר איז די שנאה שוואַכער; נישטאָ קיין אָרט פאַר אַ שאַרפן

צולהכעיס־געפיל. און דער פראָלעטאריאט מאכט איר נאָך אין לעבנסשטייגער און אָפט אויך אין קולטור.

דאָס איז, וואָס איך האָב געזאָגט: דורך דער קליינבורזשואזיע זעט זיך דורך אין פראָלעטאריאט דער איינפלוס פון דער בורזשואזיע. די קליינבורזשואזיע שטייט דאָך נענטער צו דער בורזשואזיע אין לעבנסארט און זי שטייט מיט איר נישט אין שטענדיגן שארפן קאמף, קאָן זי דארום ווערן א וועג, דורך וועלכן דער איינפלוס פון דער בורזשואזיע גיט זיך איבער דעם פראָלעטאריאט. ווייל מען דעם דאָזיגן וועג מאכן ענגער, ווי ווייט מעגלאך פארשיטן, מוז מען זען, דער אָרגאניזירטער פראָלעטאריאט זאָל האָבן וואָס א גרעסערן קולטור־איינפלוס אויף די קליינבירגערלאכע מאסן.

פאטרעסאוו רעדט וועגן אינדוסטריעל־אנטוויקלטע לענדער, וואו דאָס רוב ארבעטער ווערן דירעקט עקספּלואטירט פונ׳ם גרויס־קאפיטאל. דאָרטן אָבער, וואו די אינדוסטריע איז נישט גענוג אנטוויקלט, וואו א גרויסער טייל ארבעטער ווערן עקספּלואטירט פון קליינע באלעבאטימלאך, — דאָרטן פילן די ארבעטער א דירעקטע קאָנקרעטע שנאה דוקא צו דער קליינבורזשואזיע, נישט צום גרויסן קאפיטאל, מיט וועלכן זיי באגעגענען זיך ווייניגער, און די שנאה צו אים איז מער אן אבסטראקטע. עס שאפן זיך זייער פארוויקלטע באציאונגען. פון איין זייט איז דאָרטן אן אָפטערע דערשיינונג, אז א היינטיגער ארבעטער זאָל מאָרגן ווערן א קליין־באלעבאָס, און דאָס שפּייזט ביי די ארבעטער די קליינבירגערלאכע פּסיכאָלאָגיע און שאפט א באָדן פאר א קליינבירגערלאכן קולטור־איינפלוס. פון דער אנדערער זייט צעפלאקערט דער עקאָנאָמישער קאמף צווישן די היינטיגע ארבעטער מיט **די היינטיגע קליינע באלעבאטים א שטענדיגע שנאה.** ביי אזעלכע באדינגונגען קאָנען נאָר דינע שיכטן קליינבירגער זיין נאָכ׳ן פראָלעטאריאט. דאָס רוב שטאָטישע קליינבירגער גייען פּאָליטיש און קולטורעל נאָך דער גרויס־בורזשואזיע, פון וועלכער זיי ווערן נאָכאנאנד געשלאָגן און צו וועלכער זיי שטרעבן זיך נאָכאנאנד צו דערהויבן. דער פראָלעטאריאט בלייבט ביי אזעלכע באדינגונגען אָפט איזאָלירט, סיי פּאָליטיש, סיי קולטורעל.

6

די צוויי ווינקל־שטיינער, פון וועלכע א פראָלעטאַרישע קולטור מוז אָנהויבן זיך בויען, זיינען: 1) א קולטורעלע ארבע־טערשאַפט, וואָס זאָל אויסטיילן פון זיך 2) א וואָס גרעסערע פראָלעטאַרישע אינטעליגענץ. ווי האַלט עס ביי דער אידישער ארבעטערשאַפט מיט אָט די ווינקלשטיינער?

פאַר די 25 יאָר, וואָס די אידישע ארבעטערשאַפט האָט איר אייגענע אָרגאַניזאַציע, האָט זי זיך אָן שום ספק אויפגעהויבן אויף א העכערע קולטור־מדרגה. אָן דעם וואָלטן געווען אוממעג־לאַך אונזערע קולטור־דערגרייכונגען; אָן דעם וואָלט נישט האָבן קיין יסוד דאָס, וואָס מען רופט אונזער קולטור־רענעסאַנס. אָבער די מדרגה פון קולטור, צו וועלכער אונזערע ארבעטער־מאַסן האָבן זיך דערהויבן, איז נאָך ווייט נישט קיין הויכע. ס'איז נאָך ערשט דער ערשטער שטאַפּל, נאָך וועלכן מען דאַרף קלעטערן ווייטער. מירריידן אָפט און א סך וועגן די ברייטע מאַסן. מען מוז אָבער מודה זיין, אז דאָס, וואָס מיר רופן ברייטע מאַסן, זיי־נען דאָס רוב נאָר קלענערע אדער גרעסערע גרופּען, די סמעטענע, דאָס אויבערשטע פון שטויסל. און זאָל מען נישט זאָגן: די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען... ווארים ערשטנס גייט אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען אריין נאָר א טייל פון דער ארבעטער־מאַסע, נישט די גאַנצע; צווייטנס, אינטערעסירן זיך די מער־הייט מיטגלידער פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען מער נישט, ווי מיט דעם טאָג־טעגלאַכן פּראָפעסיאָנעלן קאַמף, און דאָס פאַר־שטייען זיי אים אויך אָפט צו שמאָל, צו פּריוואַט. מיט די ברייטע מאַסן באַגעגענען מיר זיך זעלטן ווען, נאָר אין גרויסע מאָמענטן פון פּאָליטישן אָדער עקאָנאָמישן קאַמף. אונזער קול־טור־וואָרט דערגרייכט אהין אין דער טיף דורך די צענטע האַנט. נישט פאַר זיי זיינען אונזערע צייטונגען און זשורנאַלן, נישט פאַר זיי — אונזערע לעקציעס. דאָרטן אונטן איז מען די לעצטע יאָרן אין פּרט פון קולטור אפילו געגאַנגען אביסל צוריק, צוליב דער מלחמה און צערודערונג, צוליב פּאַגראָמען און היימלאָזיג־קייט. און די אויבערשטע שיכטן פון דער מאַסע, מיט וועלכע

מיר באַגעגענען זיך אָפט, ווערן געשפייזט מיט ביליגע פּאָפּולאַ־ריזאַציעס, סוראָגאַטן פון קולטור. וואָס מער די באַוועגונג צעוואַקסט זיך, אַלץ מער פילט זיך אַ נויט אין קולטור־אַרבעט; אָבער אַלץ ווייניגער צייט און קרעפטן קאָן די אָרגאַניזאַציע אָפּ־געבן דערויף. און קיין באַזונדערע אָרגאַניזאַציעס פאַר קולטור האָבן נאָך די אַרבעטער דערווײַלע נישט.

נאָך ערגער האַלט עס מיט אונזער אַרבעטער־אינטעליגענץ. זי איז קליין אין צאָל און אָרעם אין וויסן. אונזער אַרבעטער־אינטעליגענץ איז געבוירן געוואָרן ערב און אין די קינדער־יאָרן פון דער באַוועגונג — אין די קרייזלאַך. וואָס מער די באַוועגונג איז געוואַקסן אין דער ברייט, אַלץ ווייניגער צייט איז געבליבן פאַר די קרייזלאַך. די צייט פון קרייזלאַך איז לאַנג אַריבער, און קיין אַנדערע אַנשטאַלטן צו דערציען אַרבעטער־אינטעליגענץ האָבן מיר נישט באַשאַפן. די אַרבעטער־יוגנט ווערט כמעט נישט דערצויגן, זי ווערט אַריינגעצויגן אין טומל, אין צאַנקערייען. זי ווערט אָפט אַ געצייג פון די דאָזיגע צאַנקערייען. זי האָט נישט קיין צייט אויף לערנען, און זי האַלט אפילו אָפט, אַז זי פאַרשפּאָרט שוין לערנען. מען האָט איר איינגערעדט, אַז זי וויים און פאַרשטייט שוין אַלץ מער, ווי די גרויסע, אַז זי איז שוין איצט באַרופן צו ראַטעווען די באַוועגונג. צו 16-17 יאָר איז שוין אַזאַ איינער אַ גאַנצער טוער און צו 22, בעת אַנדערשוואו הויבט מען ערשט אָן, איז ער אָפט שוין אַ גע־ענדיגטער, מיט אַ פּוסטן קאָפּ און אַן איבערגעבערענט האַרץ, אַנט־טוישט, פאַרביטערט. וואָס פאַר אַן אַרבעטער־אינטעליגענץ קאָן אַרויסקומען פון אַזאַ „קינדער־אַרבעט?“

מער ווי אומעטום איז ביי אונז נויטיג אַ גרויסע קולטור־אַרבעט. קיינער לייקנט עס נישט. יעדער אַרבעטער־טוער און פירער וואַט אייך זאָגן: קולטור — ווי דען? אָבער דערווײַל איז נישטאָ קיין פרייע צייט. אָט, אַז עס וועט זיך ענדיגן די וואַל־קאַמפּאַניע... עס וועט אַביסל אַריבער די שטרייק־כוואַליע... דע־מאָלט... אָבער דרינגענדע פּראָפעסיאָנעלע און פּאָליטישע אַר־בעט איז שטענדיג פאַראַן איבער געגוג, און די קולטור־אַרבעט ווערט אָפּגעלייגט אין לאַנגען באַנק. אַלע פאַרזיכערן אייך, אַז

קולטור־ארבעט איז נויטיג, און דאָך קרימט מען מיט'ן נאָז: קולטור... ביי אונז איז קולטור נישט קיין פּעטיש... און דאָך קוקט מען אויף די קולטור־טוער מיט גרינגשעצונג, ווי אויף ליבעראַלן, קולטור־טרעגער... קולטור איז נישט קיין פּעטיש, אָבער וואָלן זיינען אויך נישט קיין פּעטיש. מיר האָבן בכלל נישט קיין פּעטישן. און די דאָזיגע גרינגשעצונג באווייזט, אז מען באציט זיך צו דער קולטור־ארבעט נישט מיט דער געהעריגער אויפמערקזאַמקייט, ווי צו אַן אויפגאַבע פון דער צווייטער קאַטעגאָריע. מיט דער דאָזיגער גרינגשעצונג שלאָגט מען אָפּ דעם מוט ביי די קולטור־טוער און מען פירט נישט ווילנדיג דערצו, אַז די ארבעטער זאָלן קוקן אויף קולטור פון אויבן אראָפּ, ס'הייסט, מען פארשטארקט פּאַקטיש די קולטורלאָזיגקייט.

דערפאר האַלט מען ביי אונז נאָכאַנאַנד אין טרייסלען זיך איבער דער קולטור־ארבעט. אויף יעדן קולטור־טוער קוקן זיבן פּאָר פאַרדעכטיגע אויגן. מען איז נערן, דאָס קינד זאָל בעסער נישט געבוירן ווערן, אויס מורא, טאָמער וועט עס זיין א שטיפער.

מיינט מען ערנסט מיט פּראָלעטארישער קולטור, איז דער ערשטער געבאָט — אויפמערקזאַמקייט צו דער קולטור־ארבעט און אכטונג צו איר! אקטיווע אויפמערקזאַמקייט און פולע אכטונג!